STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00904

UNTER KUPERNE HIMLEN

Yehudah Elberg

Permanent preservation of this book was made possible by
Eli & Adina Reshotko
in memory of
Max & Sarah Reshotko

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יהודה עלבערג

אונטער קופּערנע הימלען

ביכער-סעריע

דאָס פּוילישע ייִדנטום

73

רעדאַקטאָר:

מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַגס-לייטער:

אַברהם מיטלבערג

מ. פייגענבלום

די רשימה פון דערשינענע בענד — צום סוף פונעם בוך.

יהודה עלבערג

אונטער קופערנע הימלען

דערציילונגען

ארויסגעגעבן דורכן
צענטראַל-פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע
מיט דער מיטהילף פון דעם
דוד איגנאַטאָוו ליטעראַטור-פאָנד אין ניו-יאָרק
בוענאָס-איירעס, 1951.

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE
Copyright by
Iehuda Elberg, Nueva York

IEHUDA ELBERG

UNTER KUPERNE HIMLEN

(BAJO CIELOS COBRIZOS)

Editado por la
Unión Central Israelita Polaca en la Argentina

Hecho el depósito que marca la Ley 11.723
Buenos Aires, 1951

אינהאַלט

אַכט הונדערט זיבן און דרייסיק — — — — — — — — 9
פאַרלוירן די מאַמע... — — — — — — — — — — — — — 141
יורעק — — — — — — — — — — — — — — — — 157
אַ מעת־לעת אין מיין הויף — — — — — — — — — — — 183
בער־לעפּ — — — — — — — — — — — — — — — 205

והיו שמיך אשר על ראשך נחושת...

תוכחה, דברים כ"ח, כ"ג.

גערייליקט דעם אָנדענק פון אַלע קדושים
אומגעקומען בעת די נאַצי־שחיטות,
צווישן זיי מיינע נאָענטסטע:

אברהם נתן עלבערג, רב אין בלאשקי;
חוה עלבערג, טאָכטער פון הינדע און צבי יחזקאל מיכעלזאָן;
צבי יחזקאל מיכעלזאָן, רב אין וואַרשע;
עמנואל עלבערג;
גענענדל עלבערג;
יוטע און יעקב שאַפּשאָוויטש
און זייערע קינדער: הינדע, שלמה און דבורה;
באַשע און שמחה קילבערט און זייער קינד חוה.

ה׳ י״ד!

אכט הונדערט
זיבן-און-דרייסיק

ער איז נאָך געשלאָפן ווען די באַלעבאָסטע איז אַריינגעלאָפן מיט א געשריי: — אַרויס! גיי שוין אַרויס, דייטשן זענען אין הויף.

ער איז אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט און געכאַפּט אויף זיך די הויזן.

— וואָס שטייסטו? איך וויל נישט שטאַרבן איבער דיר!

— מאַרישע טייערע, כ'האָב דאָך גוטע „פּאַפּירן", כ'האָב דאָך א באהעלטעניש.

— גיי, גיי אַרויס!

— מאַרישענקע, האָסט דאָך מיך ערשט ביינאַכט אַזוי ליב געהאַט און הונדערט „חזרימלעך"*) האָב איך דיר געגעבן...

— כ'וויל נישט שטאַרבן איבער דיר, האָב איך דיר געזאָגט, גיי!

— כ'בין דאָך אַנטאָני פּעלטשאַק. דו ווייסט גאָרנישט... כ'האָב דיר געוויזן דאָקומענטן... א פּאָליאַק...

— גיי, ווייל איך אַליין וועל זיי רופן, דראָט זי אים און שטופּט אים צו דער טיר.

— גיב מיר צוריק עפּעס געלט.

זי עפנט א שפּאַרע פון דער טיר און קוקט אַרויס.

— גיב מיר כאָטש עטלעכע „חזרימלעך", בעט ער זיך.

— דו דאַרפסט שוין נישט, זאָגט זי און שטופּט אים אַרויס.

ער לויפט מיט די טרעפּ העכער, צום בוידעם. ער פאַלט צו צו דער בוידעם־טיר: פאַרשלאָסן!

באַהאַלטן זיך ערגעץ אין הויף. ער גייט אַראָפּ צום הויז פענצטער, כאַפּט א בליק צום הויף: פול מיט דייטשן.

זי מוז מיך אַריינלאָזן, זי מוז! די אַלטע שטשערעוווע! דאָס גאַנצע געלט צוגענומען, ביינאַכט מיך געליבט, די אַלטע אויסגעדינטע זונה! זי מוז מיך אַריינלאָזן, זי מוז!

*) חזרימלעך — גאָלדשטיקלעך.

ער קלאַפּט אין איר טיר, ליכט, ליכט, מען זאָל נישט הערן אין הויף. קיינער רופט זיך נישט אָן.

ער קלאַפּט שטאַרקער, פעסטער.

— ווער איז? פרעגט זי פון אונטער דער פאַרשלאָסענער טיר.

— איך, טייערינקע, לאָז מיך אַריין, זיי גייען נישט אומעטום.

— זאָל דער „פאַן" אוועקגיין, אָבער שוין!

— לאָז אַריין, ראַטעווע, מיר וועלן דאָך חתונה האָבן נאָך דער מלחמה.

— זאָל דער „פאַן" אוועקגיין, איך קען אייך נישט, זאָל דער „פאַן" שוין אוועקגיין, ווייל איך וועל רופן אַ דייטש.

עס עפנט זיך אַ שפּאַרע אין אַ טיר ביי אַ שכן, ער לויפט צו, די טיר פאַרהאַקט זיך.

„טו יעסט זשיד, יודע", הערט ער ווי מען שרייט אַראָפּ אין הויף אַריין. ער לויפט ווידער אַרויף. די טרעפּ אונטן נעמען קרעכצן אונטער באַנאָגלטע זעלנערשע שטיוול.

— שטיין בלייבן!

ער לויפט העכער, העכער, די טיר פון בוידעם איז פאַרשלאָסן, די שווערע טריט קומען אַלץ העכער, נענטער...

— .2 —

אויבערשטורמפירער בראַנד שמייכלט.

„יאַם פּאָליאַק, יאַ ניע זשיד", שרייט פעלטשאַק און שלעפּט אַרויס פּאַפּירן פון אַלע קעשענעס. אַ „קען־קאַרטע", אַ מעטריקע, אַן אַרבעטס־קאַרטע. אַלץ איז אויסגעשטעלט אויף דעם נאָמען אַנטאָני פעלטשאַק, אַלץ באַווייזט שוואַרץ אויף ווייס, אַז ער איז אַ פּאָליאַק. אָבער אויבער־שטורמפירער בראַנד שמייכלט. די קעשענעס זענען שוין ליידיק, אַלע פּאַ־פּירן אַרויסגעלייגט אויפן טיש, בראַנד גיט אפילו נישט אַ קוק אויף זיי. כ'בין אַ פּאָליאַק, אַ פּאָליאַק, האַלט ער אין איין בעטן זיך.

בראַנד הערט אויף צו שמייכלען. ער קנעפּלט פּאַמעלעך אויף אַ לע־

דערנע טאַש, נעמט אַרויס אַ רעוואָלווער. פּעלטשאַק רוקט זיך הינטער־ווײַלעכץ צוריק. ער איז שוין בײַ דער וואַנט, קאַרטשעט ער זיך אײַן און קוקט מיט שטאַרע אויגן אויפן פּיסטאָלעט.

בראַנד שטעלט זיך אויף, גייט צו נענטער צו פּעלטשאַקן און צילט אַן אויף אים דעם רעוואָלווער.

— דו שוויין! דו לויזע הונט! מיך ווילסטו אָפּנאַרן? מיך, דעם אויבערשטורמפירער בראַנד?!

בראַנד שרייט, פּעלטשאַק ענטפערט נישט אַ וואָרט, **נאָר זײַנע** אויגן זענען צוגעקלעפּט צו דער פינצטערער עפענונג פון דעם רעוואָלווער אין בראַנדס האַנט.

בראַנד שרייט שוין נישט, ער רעדט איצט געלאַסן, ציילט יעדעס וואָרט און שפּיזט דורך פּעלטשאַקן מיט זײַנע שאַרפע בליקן.

— ווער איז דאָ דער נאַר און ווער דער קלוגער? פרעגט בראַנד.

פּעלטשאַק שווייגט, בראַנד דערלאַנגט אים מיט דעם רעוואָלווער־הענטל אין דער נאָז אַרײַן און חזרט איבער די פראַגע:

ווער פון אונדז ביידע איז דער קלוגער און ווער איז דער נאַר?

— איר זענט קלוג, שטאַמלט פּעלטשאַק ענדלעך אַרויס.

— אונד ווער איזט דום?

— איך.

— דענקסטו, דומער, דרעקיקער יודע, אַז דו וועסט מיך, דעם קלוגן בראַנד, קענען אָפּנאַרן?

— רייד! באַפעלט בראַנד און גענענט צו אים דעם רעוואָלווער.

— ניין, שטאַמלט פּעלטשאַק אַרויס.

— וואָס ניין?

— כ׳וועל אײַך נישט קענען אָפּנאַרן.

— וואָרום דען צייגסטו דיזעם שיים? ווײַזט בראַנד אויף די פּאַפּירן. זאָג, ביזטו יודע אָדער פּאָלע?

פּעלטשאַק שווייגט.

— ענטפער!

— יאַם פּאָליאַק, וויינט פעלטשאַק, לאָז מיך לעבן, איך בין אַ פּאָ־ליאַק.

בראַנד דרייט אוים פעלטשאַקן מיטן פּנים צו דער וואַנט און שטעלט צו דעם רעוואָלווער צו פעלטשאַקס שיידל.

— איך בין יודע, שרייט פעלטשאַק אוים אויף דייטש. הער אוי־בערשטורמפירער, איך בין דום, איך בין יודע.

בראַנד שמייכלט ווידער. עפּעס אַן אָריגינעלער עקזעמפּלאַר דער יודע. די אַלע וואָס מען ברענגט לעצטנס צו אים זענען אינגאַנצן אַנ־דערש. רעזיגנירט, גלייכגילטיק, אָדער פאַרביסן. זינט זיי ווייסן, אַז אַ געכאַפּטער ייד קאָן נישט אויסמיידן דעם טויט, איז נישט צו באַמערקן ביי זיי קיין טויטשרעק, ווי זיי וואָלטן שלום געמאַכט מיטן טויט נאָך איידער מען האָט זיי אַהער געברענגט. האָט דאָס שיסן זיי, אויפגעהערט צו אַמוזירן. וואָס פאַרא טעם קאָן שוין האָבן דאָס שיסן אַ טויטן מענטש?

דער דאָ איז אינגאַנצן אַנדערש: ווי ער טאַמלט, דאָס מויל פאַר־קרימט, די אויגן אַרויסגעזעצט, פאַרנעפּלט. יעדער אבר זיינער וואַרפט זיך אין קאָנוווּלסיע. אַ שאָד אַזוי שנעל צו מאַכן אַ סוף דערצו.

בראַנד לאָזט אַראָפּ די האַנט מיטן רעוואָלווער, ער זעצט זיך אויף אַ שפּיץ טיש.

— צי ווייסטו אַז יידן האָבן מער נישט קיין רעכט צו לעבן?

בראַנד וואַרט אויף אַן ענטפער, פעלטשאַק עפנט דאָס צעקרימטע מויל, עס הערט זיך נאָר דאָס קלאַפּן מיט די ציין, קיין קול קומט נישט אַרוים.

בראַנד הייבט ווידער אויף דעם רעוואָלווער.

פעלטשאַק שטאַמלט אַרוים: כ׳וויים, כ׳וויים...

— טאָ ווי וואַגסטו עובר צו זיין אויף די דייטשע געזעצן?

עס הערט זיך נאָך אַ האַסטיקער קלאַפּן פון פעלטשאַקס ציין.

— צי ווייסטו, אַז פאַר עובר זיין אויף די דייטשע געזעצן קומט דיר טויטשטראָף?

בראַנד צעלאַכט זיך פון זיין אייגענעם וויץ: „ער מוז שטאַרבן פאַרן

עובר זיין אויפן פארבאט צו לעבן". צופרידן פון זיין חכמה, ווערט ער אביסל מילדער, ער לאזט ווידער אראפ דעם רעוואלווער.

— עס מעגן לעבן נאר די וואס ארבעטן פאר דער דייטשער מאכט.

פון פעלטשאקס אויגן איז אוועק די מוטנעקייט, ער גענענט א טריט צו בראנדן.

— איך בין מעטאל־ארבעטער, זאגט ער א ליגן.

— דרעק! וויר האבן דאס גענוג.

די אויגן ביי פעלטשאקן ווערן ווידער מוטנע, זיי קלעפן זיך ווידער צו צום רעוואלווער.

— ווו איז דיין משפחה?

— אוועקגעשיקט, נאך אין 1942.

— מיט וועמען האסטו לעצטנס געוווינט אין געטא?

— מיט פריינט.

— ווו זענען זיי?

— געבליבן אין געטא.

— ביסט דו איינער נאר געפאלן אויף דעם געדאנק צו באהאלטן זיך אויף דער ארישער זייט? מער קיינער נישט? קיינער פון דיינע קרו־בים? פון דיינע פריינט?

— איך ווייס נישט, הער אויבערשטורמפירער.

אך, דו ביסט שיים, שפרינגט בראנד אויף אן אומגעדולדיקער.

— איינער, דאכט זיך, אז איינער האט געטראכט פון ארויסגיין אויף דער ארישער זייט.

— וווהין איז ער געגאנגען?

כ'ווייס נישט, הער אויבערשטורמפירער.

בראנד הייבט ווידער אויף דעם פיסטאלעט.

— הער אויבערשטורמפירער, הער אויבערשטורמפירער, בעט זיך פעלטשאק.

— נו, דו ווייסט שוין?

— ווארטן זי, הער אויבערשטורמפירער, איין ווייל, הער אויבער־שטורמפירער.

בראנד לאזט אראפ דעם פיסטאלעט. פעלטשאק לענט זיך אן אויף דער וואנט ער זאל נישט אומפאלן. ער גייט אפ אין שוויס. אין מויל איז אזוי טרוקן, אז די צונג איז שטייף געווארן, די רייד קומען ארויס שטאמלדיק, מען פארשטייט זיי קוים.

— ווו זינד די פארשטעקט?

כ׳וויים... כ׳וויים נישט...

— דו לומפ, — שרייט בראנד אויס און גיט א קאפע פעלטשאקן אין בויך אריין.

— זיין באקאנטער... ער האט געהאט א פריינד אויף דער ארישער זייט...

— ווי הייסט אט דער יודן־פריינד?

— א פריינד... כ׳וויים נישט צי א פריינד, אמאל געהאנדלט צו־זאמען...

— ווי הייסט ער? ווו וווינט ער?

— געזען אים אמאל...

— ווי הייסט ער און ווו וווינט ער?!

— הער אויבערשטורמפירער, כ׳בין אזוי צעמישט... כ׳וועל זיך דערמאנען...

— ניכטס צו מאכן מיט דיזן דרעק! שרייט בראנד אויס און דרייט אוים פעלטשאקן צו דער וואנט.

— יוזעף בלאשטשיק, טארגאווע 57, שרייט פעלטשאק ארויס אין איין אטעם.

— 3. —

פעלטשאק גייט ארויס פון דער שוכא־אליי. ער קוקט זיך ארום פארחידושט, ווי ער וואלט דא געוועזן דאס ערשטע מאל. ער האלט די הענט אין די קעשענעס צוצוהאלטן די הויזן. איז עס מעגלעך? איז ער דורך עטלעכע שעה אזוי איינגעדארט געווארן, אז די הויזן האלטן זיך נישט אויף אים? ער גייט ארויס אויף דער מארשאלקאווסקע, שלעפט

זיך צו צו אביידל מיט קאַלטע געטראַנקען, כאַפּט אַ סיפּאָן סאָדע־וואַ־סער, זויגט אים אויס אין איין אָטעם ביזן סוף. אַלע פּאָר טריט שטעלט ער זיך אָפּ טרינקען און אין מויל הערט נישט אויף צו טריקענען.

„איך בין פריי”, זאָגט ער זיך, וויל אַרויסרופן ביי זיך פרייד, די פרייד אָבער קומט נישט. ער ווייזט זיך די גאַסן, דעם הימל און דעם מאָנט: „געדענקסט מיט וויפל באַדויערן האָסט געקוקט אויף דעם ווען מע האָט דיך געפירט „אהין”, געטראַכט, אַז זעסט עס צום לעצטן מאָל, אָט זעסטו עס ווידער”.

עס ווירקט נישט.

ער באַטאַפּט אין קעשענע די לעגיטימאַציע פון געסטאַפּאָ און פּרו־בירט זיך מאַכן האָפערדיק: „אַנו, זאָל איצט אַ „שמאַלצאָווניק”*) פּרו־בירן זיך צוטשעפּען צו מיר, וועל איך אים ווייזן”. אַלע טענות בלייבן אָן אָפּקלאַנג, ווי ער וואָלט גערעדט צו אַ טויטן.

„איך האָב מער פאַר קיינעם נישט קיין מורא”, פּרובירט ער ווייטער זיך אויפהייטערן, איך בין מער נישט קיין ייד, איך בין אַגענט נומער 837!”

דאָס בלייבט נישט אָן אָפּקלאַנג. די ליפּן אויף זיין פּנים, (זיינע ליפּן?) צעקרימען זיך און קרימען נאָך מיט חוזק: אַכט הונדערט זיבן־און־דרייסיק.

ער קאָן נישט איינשלאָפן. ער צינדט אָן דאָס ליכט און לייענט, מיד צו מאַכן די אויגן. די אויגן זענען מיד, ער לעשט אויס דאָס ליכט און קאָן ווייטער נישט איינשלאָפן. ער טראַכט וועגן גאָרנישט, אין קאָפּ איז פּוסט, אַזוי פּוסט אַז ער פילט די פּוסטקייט ווי אַ ממשות.

די טאָג־ליכט שטעכט שוין אַדורך זיינע געשלאָסענע אויגן־לעפּלעך און דער שלאָף קומט אַלץ נישט.

„פאַרוואָס קאָן איך נישט איינשלאָפן?” פרעגט ער זיך.

ווי אַן ענטפער אויף דער פראַגע שווימט אויף אַ בילד: מיכאל באַ־

*) שמאַלצאָווניק — אַ שאַנטאַזשיסט. געווען פּאַליאַקן וואָס האָבן זיך געמאַכט אַ פּרנסה פון שאַנטאַזשירן און מסרן יידן, מען האָט זיי גערופן שמאַלצאָווניקעס.

רענשטיין, אין בראַנדס צימער, מיטן פּנים צו דער וואַנט. בראַנד שטעלט צו דעם פּיסטאָלעט צו מיכאַלס שיידל.

פון פעלטשאַקן נעמט פּליסן דער שוויים, ווי נעכטן בעת ע ר איז געווען אין בראַנדס צימער.

בראַנד האַלט דעם פּיסטאָלעט ביי מיכאַלס שיידל, אַ שאָס.

פעלטשאַק שפּרינגט אונטער אין בעט, די שויבן אין זיין פענצטער האָבן אַ ציטער געטון פון בראַנדס שאָס דאָרטן אין געשטאַפּאָ.

מיכאל האָט זיך אויסגעגליטשט אויף דער פּאָדלאָגע, ע ר וואַרפט זיך צו מיכאַלן: מיכאל, מיכאַלע, מיכאל טייערער.

ניין, ער האָט זיך נישט געוואָרפן צו מיכאַלן, ער ליגט אין בעט ביי זיך אין צימער, נאָר מיכאל איז זיכער אין געשטאַפּאָ, מע האָט אים זי־כער דערשאָסן.

אפשר איז מיכאל גאָר נישט געגאַנגען צו יוזעף בלאַשטשיק??

אפשר איז ער אוועק ערגעץ אַנדערש און די געשטאַפּאָ האָט אים נישט געפונען? אפשר —

ער איז געגאַנגען צו יוזעף בלאַשטשיקן און איז נישט אוועק פון אים, די געשטאַפּאָ האָט אים דאָרט געפונען, און אויב מען האָט אים נאָך נישט דערשאָסן, וועט מען — —

— אפשר וועט מיכאל אויך עפּעס זאָגן? זאָל ער זאָגן, זאָל ער!

— מיכאל וועט נישט זאָגן, מיכאל איז נישט ע ר , מיכאל וועט קיינעם נישט מסרן!

זאָל ער נישט, אויב ער וויל נישט. אָבער קאָנען, קאָן ער מסרן? ער קאָן בלייבן לעבן, נאָר ער וויל נישט. איז נישט! אַז ער איז אַ נאַר, בין איך נישט שולדיק.

פעלטשאַק איז איינגעשלאָפן.

— 4. —

— פאַרוואָס ביסטו נישט געקומען נעכטן? פרעגט דער געשטאַפּאָ־מאַן פעלטשאַקן.

— איך בין קראַנק געווען.

— מיר האָבן אַ רפואה צו אַלע קרענק, ווייזט דער געשטאַפּאָ־מאַן אויפן רעוואָלווער. דו מוזסט קומען יעדן מאָנטיק פּינקטלעך 9 אינדערפרי. וואָס האָסטו צו מעלדן?

— איך מוז נאָך זוכן.

— איך מיין אַז דו טויגסט נישט צו דער אַרבעט, מען דאַרף דיך צוריקשיקן צו בראַנדן...

— איך טויג, מיין הער, איך טויג, שיקט מיך נישט צו בראַנדן.

— נו גיי. ברענגסטו נישט עפּעס ביז קומענדיקן מאָנטיק, גייסטו צו דיינע לאַנדסלייט...

דינסטיק, מיטוואָך, דאָנערשטיק. אַ טאָג נאָך אַ טאָג לויפט אַוועק און ער האָט גאָרנישט וואָס צו מעלדן אין דער געשטאַפּאָ. עס איז שוין זונטיק, די שעהן לויפן ווי משוגע. באַלד וועט זיין מאָנטיק: צימער 17, דערנאָך צו בראַנדן... ניין! נאָר נישט צו בראַנדן, כ'וועל זאָגן!

וואָס וועט ער זאָגן? ער האָט גאָרנישט וואָס צו זאָגן, גאָרנישט, גאָרנישט!

און דער זייגער וואָרנט. ער קלינגט אויס די שעהען און וואָרנט: נאָך זיבן שעה, זעקס, פינף, פיר שעה צו מאָנטיק ניין אינדערפרי. צימער 17, דערנאָך בראַנדס צימער. — ביסט שיים! וועט בראַנד זאָגן. דאָס פּנים צו דער וואַנט, דער רעוואָלווער צום שיידל: טראַך!

די שויבן דאָ אין צימער האָבן אַ ציטער געטון פון דעם שאָס. ער כאַפּט זיך ביים שיידל, ס'איז גאַנץ. אוודאי איז עס נאָך גאַנץ. ס'איז דאָך ערשט פינף דער זייגער פּאַרטאָג, און ער איז נאָך ביי זיך אין דער היים. אָבער ער האָט בפירוש געפילט ווי די קויל לעכערט דאָס שיידל, און — ער פילט דאָך נאָך איצט דאָס לאָך, עס ווייטיקט... אַ וויי־טיק אין שיידל די גרויס פון אַ קויל, עס טרעט נישט אָפּ.

און ער האָט גאָרנישט, גאָרנישט!

עפּעס האָט ער, פאַלט אים איין, נאָר עס איז נישט צום זאָגן. זיין מיידעלע פּעלעטשקע געפינט זיך אין אַ קריסטלעכער קינדער־היים אין

שווידער. דאָס איז עפּעס צום זאָגן, נאָר נישט פאַר אים. ע ר וועט דאָס בשום אופן נישט זאָגן!

ניין. ער וועט עס טאַקע נישט זאָגן. פאַר קיין שום פּריַיז וועט ער עס נישט זאָגן. דאָס זאָגט ער זיך צו. דאָס שווערט ער: ער וועט עס נישט זאָגן!

דער ווייטיק אין שיידל די גרויס פון אַ קויל איז פונדעסטוועגן אָפּגעטראָטן...

ער טוט זיך אָן, ער מוז באַלד גיין, און ער האָט גאָרנישט. דאָס וואָס ער האָט קאָן ער נישט זאָגן. פאַר אַן אַנדערן וואָלט דאָס עפּעס געווען. צום ביישפּיל מיכאל. מיכאל באָרנשטיין ווייסט, ווו פעלעטשקע געפינט זיך. אויב ער איז געוואָרן אַן אַגענט, איז דאָס פאַר אים עפּעס צום זאָגן.

עס איז פאַר אים עפּעס און ער וועט עס זיכער זאָגן. ווייל אַז מען זאָגט נישט, גייט מען צו בראַנדן... נישט געדאַרפט זיך פאַרטרויען פאַר באָרנשטיינען. אין אַזאַ צייט טאָר מען זיך נישט פאַרטרויען פאַר דעם אָרנטלעכסטן מענטש... פאַר דעם נאָענטסטן פריינט... אָרעמע פעלעטשקע, אומגליקלעכע מיידעלע... ער איז זיכער געוואָרן אַן אַגענט דער מיכאל, און ער וועט זיכער מסרן. פעלעטשקע איז אַ פאַרלוירענע, אַזוי גוט ווי טויט...

און אפשר טאַקע שוין טויט? זיכער שוין טויט! מיכאל האָט דאָך באַלד עפּעס געזאָגט. אומזיסט שענקט בראַנד נישט דאָס לעבן. האָט ע ר דאָך געמוזט זאָגן, און די געשטאַפּאָ האָט שוין צוגענומען פעלעטשקען. וויי, וויי, ער, דרייט זיך דאָ אַרום אַ רואיקער און פעלעטשקע איז שוין טויט. מיין קליינע פעלעטשקע, מיין אָרעם פעלעטשקע...

דער זייגער קלינגט: זעקס, זיבן, אַכט! קיין טעות נישט, שוין אַכט דער זייגער, ער מוז שוין גיין און ער האָט גאָרנישט, און זיין פעלעטשקע איז שוין אויך נישטאָ —

אייגנטלעך, אַז פעלעטשקע איז שוין סיי ווי נישטאָ, קען ער דאָך זאָגן. איי עס וועט זיך אַרויסווייזן, אַז זי איז שוין דאָרט נישטאָ, אָבער זי איז דאָך געווען, אבי ער האָט עפּעס געבראַנגט. ער איז נישט מחויב צו וויסן, אַז מען האָט זי שוין צוגענומען. יעדנפאַלס, וועט ער געווינען

נאָך א וואָך. אין פארלויף פון דער וואָך, ווייסט ער וואָס עס קאָן זיך מאַכן? אפשר וועט זיך עפּעס מאַכן — הם, ס׳הייסט: אפשר וועט זיך דערווייל די מלחמה ענדיקן...

ער נעמט דעם מאַנטל און גייט אַרויס פון שטוב.

ער גייט אַ שטיקל וועג מיט אַ רואיקן שריט. פּלוצים שטעלט ער זיך אָפּ, דרייט זיך האַסטיק אויס און לויפט צוריק אין שטוב אַריין. ניין! ניין!!! כ׳וועל נישט מסרן מיין קינד, כ׳וועל נישט דערהרגענען פעלעטשקען, ניין!

אין שיידל איז צוריקגעקומען דער ווייטיק די גרויס פון אַ קויל...

אַז ער גייט נישט אַהין, וועלן זיי קומען נאָך אים. מען וועט אים ברענגען צו בראַנדן און — —

טריט אויף די טרעפּ, מען גייט צו אים. דאָס איז שוין דער סוף! אָרימע פעלעטשקע, וואָס דערוואַרט דיך, מישטיינס געזאָגט, אַז וועסט יאָ איבערלעבן? די מאַמע שוין נישטאָ, איצט דער טאַטע... איידער צו זיין אַ קיילעכדיקע יתומה, איז גלייכער נישט געבוירן צו ווערן...

ניין! ניין!!! ער וועט נישט זאָגן! זאָלן זיי שיסן, ער וועט נישט זאָגן!

די טריט זענען אַוועק צו די העכערע שטאָקן, עס איז נישט געשטאַפּאָ, עס איז נישט צו אים. ווען וועלן זיי קומען? זאָלן זיי שוין קומען! אַ סוף זאָל עס נעמען. ער וועט נישט זאָגן.

אין אָנטועכץ, אין די שטיוול לייגט ער זיך אַוועק אויפן בעט וואַרטן. פּלוצלינג ווערט אים ליכטיק אין קאָפּ: אַנטלויפן!

ווי נאָר ער קומט אָן קיין שווידער, וואַרפט ער אַריין אין פּאָסט־קעסטל פון דער קינדערהיים אַן אַנאָנים בריוול: „מען איז אייך חושד, אַז איר האָט ביי זיך יידישע קינדער. אויב עס איז אמת, שיקט זיי אויף אַ צייט אין אַן אַנדערער קינדערהיים.

אַלע קריסטלעכע קינדערהיימען זענען פאַרבונדן אין איין צענטראַלע, זיי וועט לייכט זיין איבערצושיקן פעלעטשקען ערגעץ אַנדערש און עס וועט פאַר איר געזונטער זיין, אַז דער טאַטע וועט נישט וויסן ווו זי איז.

— 5. —

מנע, אַלץ גייט אַזוי גלאַטיק. באַלד באַדאַרפט פאָרן אין דאָרף אַריין. ערשט צוויי וואָכן ווי ער איז אָנגעקומען אַהער און איז איינגע־אָרדנט, מען קען זאָגן, אויף כשר, אפילו מיט אַן איינמעלדונג. וואָס טענהט בראַנד צו זיין פאַרשווינדן ווערן? בייזערט ער זיך? שמייכלט ער?

בראַנד שמייכלט... אַן אויטאָ שטעלט זיך פּלוצים אָפּ פאַר דער כאַטע וווּ פעלטשאַק וווינט, פון דעם אויטאָ גייט אַרויס יאַן, דער יאַן פון צימער 17. מען ברענגט פעלטשאַקן צו בראַנדן, בראַנד שמייכלט: פון אונדז קען מען נישט אַנטלויפן. — ווייז אים אונדזער קעלער, זאָגט בראַנד צו יאַנען.

צוויי ריזיקע יונגען פירן אים אַראָפּ אין קעלער אַריין. עס פאַר־האַקט זיך נאָך זיי אַ דיקע הערמעטיש־פאַרמאַכטע טיר. — דאָס איז דער סוף, טראַכט פעלטשאַק גלייכגילטיק. אָבער עס איז נאָך נישט דער סוף. עס נעמען האַגלען אויף אים קלעפּ. די צוויי יונגען שלאָגן ווי קאַוואַ־לעס מיט האַמערס, דער אַ קלאַפּ, דער אַנדערער אַ קלאַפּ. ער גליטשט זיך אויס, שטעלן זיי אים אויף און שלאָגן ווייטער. בלוט פון דער נאָז, פון מויל, ער פאַלט. זיי שטעלן אים אויף, ער קען שוין נישט איינשטיין אפילו אַ רגע, לאָזן זיי אים ליגן און קאָפּען מיט די פיס.

ער עפנט די אויגן, ער ליגט אין אַ קאַלוזשע וואַסער, בראַנד שטייט איבער אים.

— געפעלט דיר דער קעלער? פרעגט בראַנד. אַלפרעד, גיב אים פינף־און־צוואַנציק.

באַלד פון די ערשטע שמיץ צעפאַלט זיך דאָס אַנטועכץ אויף שטי־קער. די בייטש שניידט אַריין פּאַסן הויזן טיף אין לייב אַריין.

— הרגעט מיך! שיסט מיך! בעט זיך פעלטשאַק ביי בראַנדן.

בראַנד שמייכלט: צו שפּעט זיך מיישב געווען. בחנם ווילסטו האָבן פאַרלענגערט דיין לעבן אויף אַזויפיל וואָכן?

— שיסט מיך, כ'וויל מער נישט לעבן.

— ביסט ביי אונדז אין דינסט, מיר וועלן באַשטימען ווען דו זאָלסט שטאַרבן.

צוזאַמגנס ברענגט מען אים ווידער צו בראַנדן.

— גיי צו דער אַרבעט. יעדן מאָנטיק מוזטו זיך מעלדן. אַז וועסט נישט אַרבעטן ווי געהעריק, וועסטו גיין אין קעלער אַריין.

— אָבער איך ווייס גאָרנישט, איך ווייס נישט ווי עס צו מאַכן.

— איר יידן דערקענט אַן אייעריקן מיטן ערשטן בליק; גיי אין גאַס, קוק זיך איין אין פּנימער. דערקענסטו אַ יידן, רוף פּאָליציי, אָדער שפּיר נאָך וווהין ער גייט. פאַרשטאַנען?

— פאַרשטאַנען, הער אויבערשטורמפירער.

— .6 —

„אַ יונג קינד נאָך", טראַכט ער וועגן דער מיידל וואָס זיצט אַנטקעגן אים אין טראַמוויי. יאָ, אַזאַ יונג קינד און וועט נעבעך לאַנג נישט אָנטרייבן מיט אַזעלכע אויגן... יעדער קאָן דאָך דערקענען...

— אָבער די האָר זענען בלאָנד.

— מען דערקאָנט, אַז עס איז קינסטלעך בלאָנד געמאַכט.

— עס הויבט זיך נישט אָן, מען דערקענט גאָרנישט, זיי זענען נישט צו העל. און די ברעמען זענען אויך בלאָנד, זי איז אָפּגעהיט, די קליינע...

אַזאַ צאַרט חנעוודיק מיידעלע, מען דאַרף האָבן אַ האַרץ פון אַ שטיין זי צו מסרן. — מאַטערט זיך נעבעך, מסתמא, וויל איבערלעבן, אָבער ס'איז אַרויסגעוואָרפענע אַרבעט. סוף כל סוף וועט מען זי דערקענען. מיט אַזעלכע אויגן... גענוג איין קוק צו געבן און מען דערקענט באַלד.

דער טראַמוויי שטעלט זיך אָפּ ביי דער גאַס, וווּ ער וווינט. ער שטעלט זיך אויף אַראָפּצוגיין. — וואָס איילט ער זיך אַזוי — דער קאָנדוקטאָר? נישט באַוויזן אַראָפּצוגיין און דער טראַמוויי לויפט שוין ווייטער...

דער טראַמוויי שטייט ווידער. עט, אַז ער איז נישט אַראָפּגעגאַנגען בײַ זײַן גאַס, וואָס האָט ער זיך שוין צו אײַלן? ער וועט צופאָרן נאָך אַ שטיקל און דערנאָך אַהיימגיין צופוס. אַ שיין וועטער הײַנט, אַ פאַרגעניגן צו שפּאַצירן.

ער גייט נישט אַראָפּ אויך בײַ די ווײַטערדיקע אָפּשטעלן פון טראַמוויי, ער וויל זען וואָס עס וועט מיט איר ווערן. ער איז נײַגעריק צי זי וועט בשלום אָנקומען אַהיים מיט אַזעלכע אויגן...

ער האָט זיך אַביסל פאַרטראַכט און נישט באַמערקט, אַז זי גרייט זיך אַראָפּצוגיין. ער האָט עס דערזען, ווען זי איז שוין געווען אַרויס. ער באַוויזט קוים אויך אַראָפּצושפּרינגען, ווען דער טראַמוויי רירט שוין פון אָרט. זי איז שוין אַריבער אויף דער אַנדערער זײַט גאַס, דער טראַמוויי פאַרשטעלט זי.

— זאָל זי פאַרשווינדן, זאָל זי באַווײַזן אַוועקגיין, איך זאָל נישט וויסן וווהין.

זי איז נישט פאַרשוונדן. דער טראַמוויי איז אַוועקגעפאָרן ווײַטער, זי גייט מיט אַ שפּאַצירנדיקן טריט אויף דער אַנדערער זײַט גאַס, ער גייט אויך אַריבער אויף דער אַנדערער זײַט גאַס.

— נישט זי, נישט זי. אַזאַ יונגיטשקע — בלוט און מילך, אַזאַ איידל פּנימל — זיכער פון אַ בעסערער היים, נישט זי.

— ניין, ז י וועל איך נישט אויסגעבן. אָט גייט פאַרבײַ אַ פּאָליציאַנט און איך רוף אים נישט, ער זאָל זי פאַרהאַלטן. זי נישט. כ׳וועל אויסזוכן עפּעס אַן אַלטן, וואָס האָט שוין סײַווי נישט לאַנג צו לעבן. זי בשום אופן נישט.

זי איז ערגעץ פאַרשוונדן געוואָרן. ווו איז זי אַהינגעקומען? נישטאָ... און איבערמאָרגן איז מאָנטיק. אין קעלער אַרײַן! אוי הלוואי וואָלט מען אים דערשאָסן, הלוואי קיין טרעבלינקע געשיקט. דעם קעלער קאָן אַ מלאך אויך נישט אויסהאַלטן און איבערמאָרגן איז מאָנטיק...

אָט איז זי. זי גייט אַרויס פון אַ געוועלב מיט אַ פּעקעלע אין האַנט. זי ווײַסט גאָרנישט, ווער עס גייט הינטער איר. אָרים קינד!

ניין, ער וועט זי נישט אויסגעבן, ער וועט ווײַטער זוכן, נאָר פאַר

יעדן פאַל איז גוט צו וויסן ווו זי וווינט. אַט גייט זי אַריין אין אַ הויז, גייט פאַרביי דעם ערשטן הויף, גייט אַריין אינעם צווייטן. גייט אַריין אינעם אַריינגאַנג אויף רעכטס. ווי ווייניק זי איז אָפּגעהיט, קוקט זיך גאָרנישט אום. זי גייט העכער, העכער, ביזן העכסטן שטאָק.

ער גייט אַרויס פון הויף און קערט זיך באַלד אום, מען דאַרף זען וווהין זי איז אַריין. ער גייט אַרויף. עס זענען דאָ פיר טירן. אין וועל־כער איז זי אַריין? אויף איין טיר הענגט אַ שלעסל פון דרויסן, בלייבן דריי. פון איין שטוב הערט זיך אַ געוויין פון אַ קינד, מן הסתם נישט דאָ. אין איין טיר פאַרדרייט זיך אַ שליסל פון אינעווייניק, שטיל און פּאַמע־לעך פאַרדרייט זיך דער שליסל, דערנאָך נעמט מען אים שטיל אַרויס. דאָ איז עס. זי האָט דערהערט פאַרדעכטיקע טריט אין הויז, האָט זי זיך פאַר־שלאָסן.

דעם מאָנטיק איז ער אין קעלער אַריין נישט געגאַנגען...

— 7. —

אויפן עק גאַס, נישט ווייט פון זיין היים דרייען זיך שטענדיק צוויי שיקסעס. איינע אַ צעוואַקסענע, אַ צעגאָסענע, איר הויט איז וואַסער־דיק בלוי, ווי אַלץ אינעווייניק וואָלט שוין געוועזן דורכגעפוילט, נאָר אַ דינע הויט־שאָל פאַרדעקט נאָך דאָס פוילעכץ. די צווייטע איז אַ קליינע און אויסגעטריקנטע. אויף אירע קליידער צייכענען זיך שפּיציקע ביינער, די פּיס ווי דינע שוועבעלעך, דאַכט זיך, אַז זיי וועלן זיך אַ ליאַדע מינוט איבערברעכן.

ווען ער גייט פאַרביי, שמייכלען זיי צו אים מיט די שרייענדיק באַ־פאַרבטע פּנימער און ווינקען מיט די פאַרבנלאָזע אויגן.

עס עקלט ווען מען קוקט אויף זיי, דאָך ווערט ער אומרואיק און קאָן דערנאָך נישט איינלינן אין בעט. איינמאָל איז ער אפילו צוריק אויפגע־שטאַנען פון בעט, גענומען אַרויסגיין צו זיי. זענען אָבער באַלד אויפגע־שווומען פאַר אים די אילוסטראַציעס אין די מעדיצינישע ביכער, ווי עס זעען אויס די קערפּער־טיילן באַזעצטע מיט מיקראָבן, צעפרעסענע פון די

קראַנקהייטן. איז ער צוריק אַריין אין שטוב. אָבער דאָס האַרץ האָט ביי אים געגומען קלאַפּן יעדעס מאָל, ווען ער איז זיי פאַרבייגעגאַנגען. ער האָט געוווּסט, אַז סוף כּל סוף וועט ער אַמאָל נישט אויסהאַלטן.

איצט זיצט ער אין קאַפע „אַנולקאַ" און פאַרענדיקט טרינקען אַ גלאָז טיי. ער פילט אויף זיך אימיצנס בליק. ער הויבט אויף דעם קאָפּ, עס קוקט און שמייכלט צו אים אַ שרייענדיק געפאַרבטע, אָבער גאָרנישט קיין מיאוסע פרוי. זי שמייכלט צו אים פאַרבעטנדיק. עס פאַרפעלט אים אָטעם, ער נעמט זיך אָן מיט כּוח און גייט צו צו איר טישל.

— קאָן איך אייך באַגלייטן אַהיים? פרעגט ער, ווען זיי גייען אַרויס פון קאַפע.

— אוודאי, אָבער עס קאָסט 300 זלאָטעס. איך בין נישט אַזאַ וואָס דרייט זיך אויף די ראָגעס.

ער איז צו מיד אַוועקצוגיין, ער וויל בלייבן אַ גאַנצע נאַכט.

— אַכט הונדערט זלאָטעס, זאָגט זי, און דאָס געלט פאַראויס.

פאַרטאָג אין מיטן צערטלען אים, שפּרינגט זי פּלוצלינג אויף: דו ביסט אַ זשיד? זי שפּרינגט אַרויס פון בעט, וואַרפט זיך אויף אים מיט די פויסטן, מיט די נעגל: דו פאַרשיוווער זשיד, וו וואַגסטו — אַ ייִד, צו קומען צו מיר. איך בין נישט אַזאַ וואָס דרייט זיך אויף די ראָגעס, איך בין אַ גוטע פּאָליאַטשקע. זי צעוויינט זיך: איך האָב זיך נאָך קיינמאָל נישט פאַראומרייניקט מיט אַ זשיד.

— איך בין אַזוי געבוירן געוואָרן, שטאַמלט ער. איך בין נישט קיין ייִד, איך בין אַ דייטש.

— זאָגסט ליגן.

ער ווייזט איר אַ לעגיטימאַציע מיטן האַקנקרייץ־שטעמפּל. זי קריכט אַריין אין בעט: — זיי מוחל, טייערער, וואָס איך האָב דיך געשלאָגן. מיך עקלט פון זשידעס.

**
*

— פאַרוואָס האָב איך איר נישט אויסגעפּראַסקעט די פּיסקעס און געזאָגט: — יאָ, איך בין אַ זשיד? פאַרוואָס האָב איך אַזוי קריכעריש

געשמייכלט, ווען זי האָט מיך געליובט, מיינענדיק אַז איך בין אַ דייטש, און בין ווייטער געבליבן מיט איר. פאַרוואָס?

אַזוי איז עס. מען קאָן זיך נישט צעטיילן אין צווייען. מען קאָן נישט גלייכצייטיק זיין דער אַמאָליקער חשובער דאָקטאָר איגנאַצי ליבענשטיין און דער איצטיקער אַגענט נומער 837.

אָט גיב אַ קוק אין שפּיגל. איז דאָס זיין פּנים? אָט דאָס טעמפּע אויסזען? אָט אָ די קרעטינישע אויגן? דאָס איז ער? יאָ, דאָס איז ער. אַ מענטש איז — וואָס ער טוט און זעט אויס — ווי ער איז. ער איז אַ וואָרעם, אַ מנובל, ער איז ער ערגער פון אַ זונה. אַ זונה קאָן פיינט האָבן, אַ זונה האָט מוט צו זידלען און באַליידיקן. ער קאָן דאָס אויך נישט.

וואָס פאַראַ טענות האָסטו אייגנטלעך צו איר? און דו ביסט בעסער געווען? ווי האָסטו געקוקט אויף די „כאַלאַטשאַזשעס"? האָסטו נישט געקוקט אויף זיי מיט עקל? האָסטו נישט לענגער געוואָשן די הענט נאָך אַ פּאַציענט אַ „פּעיסאַטע" ייד (אַ ייד מיט פּיאות), ווי נאָך אַ פּאַציענט אַ שיכורן גוי? האָסטו זיך נישט געשעמט מיט דיין יידישן אָפּשטאַם כאָטש האָסט זיך פאַר קיין ייד נישט באַטראַכט? האָסט זיי פיינט געהאַט, דערפאַר האָסטו זיי געקאָנט מסרן!

טאָ פאַרוואָס איז ער געגאַנגען מסרן פּעלעטשקען, טראָץ דעם וואָס ער האָט זי ליב געהאַט?

האָט ער זי טאַקע נישט געמסרט. האָט ער זיך טאַקע צוריקגעהאַלטן אין דער לעצטער מינוט. וואָלט ער געקענט מסרן יידן, אויב ער וואָלט זיי ליב געהאַט? אויב זיי וואָלטן אים געווען אייגן ווי פּעלעטשקע? די פאַרבונדנקייט מיט דער משפּחה האָט דאָך אים געראַטעוועט פון מסרן זיין קינד. וואָלט ער אפשר נישט געוואָרן קיין מסור, אויב ער וואָלט געווען צוגעבונדן צו זיין פאָלק?

און, איז עס דען נאָר צוגעבונדנקייט צום פאָלק, וואָס עס פעלט אים? ער האָט דאָך זיי פאַראַכט! ער האָט דאָך געקוקט אויף זיי ווי אויף ווערעם! איז אפשר דערפאַר האָבן זייערע לעבנס ביי אים קיין ווערט נישט געהאַט? איז אפשר דערפאַר האָט ער געקענט צעטרעטן

זייערס א לעבן מיט דער זעלביקער גלייכגילטיקייט וואָס מען צעטרעט א וואָרעם?

אויב אזוי, איז דאָך גאָרנישט אזא ווייטער מהלך פון איגנאַצי ליבענשטיין ביז אַגענט — 837? אויב אזוי, איז דאָך דער — 837 א המשך פון איגנאַצי ליבענשטיין?

דאָך בין איך געווען א חשובער און נוצלעכער מענטש אין דער געזעלשאַפט. א געטרייער מאַן און א גוטער טאַטע. פון אַן אָרימען פּאַציענט קיין געלט נישט גענומען, צי ער איז געווען א פּאָליאַק, צי א ייד.

צו א פּאָליאַק מיט פאַרגעניגן צוריקגעגעבן דאָס געלט, זאָל ער דערציילן... זאָלן די פּאָליאַקן וויסן... ביי א ייד עס געטון מיט אומווילן, זאָל ער שוין אויפהערן בעטלען, זאָל ער שוין גיין...

אָבער קיינעם קיין שלעכטס נישט געטון, אָבער קיינמאָל קיין פאַרברעכן נישט באַגאַנגען. אין א נאָרמאַלער צייט, ביי נאָרמאַלע באַדינגונגען, וואָלט קיינמאָל נישט געקאָנט קומען צו דעם וואָס איצטער, ווען ס'וועט קומען א נאָרמאַלע צייט, וועל איך ווידער ווערן א נוצלעכער און אָרנטלעכער בירגער אין דער געזעלשאַפט. איך וויל נישט זיין קיין מסור! איך וויל זיין וואָס איך בין געווען: ד"ר איגנאַצי ליבענשטיין!...

— 8. —

שוין צוויי וואָכן ווי ער האָט גאָרנישט געבראַכט. נישט געהאַט וואָס צו ברענגען. זענען שוין נישטאָ קיין יידן אין וואַרשע? פריער זענען זיי דאָך פּשוט, געקראָכן אים אין די אויגן אַריין. ער האָט געבעטן גאָט, ער זאָל קיינעם נישט טרעפן, און דאָך געטראָפן. א גאַנצע וואָך האָט ער אויסגעמיטן צו גיין אין גאַס אַריין, זונטיק איז ער אַרויס און גלייך געטראָפן א ייד. ער איז אזוי געניט געוואָרן דעריין, אז אין דעם ערשטן אויגנבליק האָט ער זיי דערקענט. מעגן זיי האָבן געהאַט דעם בעסטן אויסזען: אין די אויגן האָט ער זיי דערקענט. א שאַרפן בליק יענעם אין פּנים אַריין, זענען די אויגן ביי יענעם געוואָרן צעשראָקן און גענומען ווילד לויפן אין אַלע זייטן, — איז עס א ייד. די האָר האָבן זיי געקענט פאַרבן,

אָבער די אויגן, אַפילו אויב זיי זענען געווען בלוי ווי דער הימל, אָדער גרין ווי ביי אַ קאַץ, ער האָט זיי באַלד דערקענט. די שרעק האָט אַרויס־געקוקט פון זייערע אויגן און זיי געמסרט.

איצט איז שוין צוויי וואָכן ווי ער האָט גאָרנישט. יענע וואָך איז ער צופרידן געווען, וואָס ער האָט גאָרנישט געפונען. ער האָט זיך גאָר־נישט צופיל געדרייט אין די גאַסן. אַרומגעדרייט זיך אַביסל יוצא צו זיין, זיי האַלטן דאָך אים „אויפן אויג", און איז באַלד אַוועק אַהיים. מאַנטיק האָט ער גאַנץ האַפּערדיק געמאָלדן, אַז ער האָט גאָרנישט. ער האָט זיי שוין גענוג געגעבן. די לעצטע וואָך האָט ער גאָרנישט נישט גע־ברענגט און צו פאַרענטפערן זיך צוגעגעבן: עס זענען שוין נישטאָ קיין יידן. עס איז געווען אַ גרויסע נאַרישקייט אַזוי צו זאָגן. אויב עס זענען שוין נישטאָ קיין יידן, טאָ צו וואָס דאַרפן זיי אים? ווען עס וועט שוין נישט זיין קיין יידן, וועט מען אים שיקן צו אַלע יידן... האָט ער זיך טאַקע באַלד צוריקגעכאַפּט און ווילעריש אַ זאָג געטון: פונדעסטוועגן וועל איך נאָך עפּעס געפינען, איר וועט זען דעם קומענדיקן מאָנטיק, אַז איך קען זיי געפינען, אַפילו ווען זיי זענען שוין באַלד נישטאָ.

* *
*

איז עס, צי איז עס נישט?

זי האָט אָן ספק עפּעס סעמיטישעס אין זיך. אָבער די אויגן זענען גויאישע: גרוי ווי גויאישע אויגן, רואיק און זיכער ווי גויאישע אויגן. איז זי אַ יידישע צי נישט?

נאָכשפּירן זי און מעלדן. זאָלן זיי זיך ברעכן די קעפּ, צי זי איז יאָ אָדער נישט.

ניין, דאָס טויג שוין מער נישט. היינט ווען עס זענען שוין דאָ אַזוי ווייניק יידן און מען דאַרף שוין מער נישט אַזויפיל אַגענטן, מוז מען אַרויסווייזן גוטע קענטעניש, אַז נישט קען מען „פליען"... ער האָט שוין דריי מאָל געמאַכט אַזעלכע שפּיצלעך: איינמאָל נישט ווילנדיק — ער האָט געמיינט, אַז עס איז אַ יידישע, עס האָט זיך אַרויסגעוויזן. אַז

נישט, און מען האָט זי באַפּרייט. צוויי מאָל האָט ער זיי ספּעציעל אַריינגעפירט אין טעותן, כדי ער זאָל נישט דאַרפן ברענגען קיין יידן. אויב ער וועט היינט ווידער מאַכן אַזאַ קונץ, קען ער דערפאַר באַצאָלן מיטן לעבן.

דער טראַמוויי שטעלט זיך אַלעמאָל אָפּ ביי אַן אַנדער אָפּשטעל. זי קען אַ ליאַדע מינוט אַרויסגיין, זאָל ער איר נאָכגיין? איז זי, צי איז זי נישט?

— אַנטשולדיקט מיר, פּאַני, ווי אַזוי דאַרף איך פאָרן צו דער פּרעטע גאַס?

זי דערקלערט אים ווי אַזוי צו פאָרן, איר פּויליש איז אָן אַ פּגם: אַ פיינע שפּראַך, אָן אויסגעצייכנטער אַקצענט.

— איר זענט נישט קיין היגער? פרעגט זי אים פריינטלעך.

— ניין, איך בין נישט קיין היגער, איך אָריענטיר זיך שוואַך אין די וואַרשעווער גאַסן.

— איר קענט אויסשטייגן דאָ וווּ איך, אויף קראָקאָווער פאָרשטאָט. איך וועל אייך ווייזן וווּ צוצוגיין.

ער קלערט ווי אַזוי ווייטער צו ציען דעם שמועס, זי שווייגט. ווען דער טראַמוויי שטעלט זיך אָפּ אויף קראָקעווער־פאָרשטאָט שפּרינגט ער אויף. ער דערמאָנט זיך, אַז ער האָט געזאָגט דאָס ער איז נישט קיין היגער, זאָגט ער: כ׳האָב, דאַכט זיך, דאָ געזען אַ שילדל — „קראָקעווער־פאָרשטאָט".

—יאָ דאָ איז עס, זאָגט זי און גייט אַרום די ערשטע, ער גייט אַרום נאָך איר.

— איר האָט דאָ קרובים? פרעגט זי אים.

— ניין, געקומען זוכן עפּעס צו פאַרדינען, שווערע צייטן.

— איר האָט אַ פאַמיליע?

וואָס פאָרשט זי אים אַזוי אויס? מיט די אַלע פראַגעס צילט זי צו איינס: צו דערגיין, צי ער איז אַ ייד. אַ ייד האָט איצט נישט קיין קרובים, קיין משפּחה־מיטגלידער, יידן האָבן זיך געראַטעוועט נאָר איינצלנע מענטשן. אָבער צוליב וואָס וויל זי דערגיין, צי ער איז אַ ייד?

איז זי אפשר אויך אַן אַגענטקע? יעדנפאַלס דאַרף מען ווייטער אָנגיין מיט דער שפּיל.

— איך האָב נישט קיין פאַמיליע, ענטפערט ער איר. איך בין אַן איינזאַמער מענטש גיט ער צו, כדי זי זאָל זיכער זיין אַז ער איז אַ ייד.

— איר זוכט עפּעס צו פאַרדינען, איר זענט מסתּם געענגט אין געלט?

— אַז איך האָב זיך ביי די היינטיקע סכּנות געשלעפּט אַזש קיין וואַרשע, איז אַ סימן...

— איך קען אייך באָרגן אַ 200 זלאָטעס.

— איר, מיר באָרגן? בלייבט ער שטיין דערשטוינט. איר קענט דאָך מיך נישט. ווי וועל איך אייך אָפּגעבן?

— איך וועל אייך שוין אַמאָל אָפּזוכן און אויפמאָנען.

אַ יידישע צי נישט? ער וואָלט באַדאַרפט אונטערברומען אַ מע־לאָדיע פון אַ יידיש לידל, אָבער וווּ נעמט מען אַ יידיש לידל? ער קען נישט קיין יידישע לידלעך. אַהאַ: ער דערמאָנט זיך די מעלאָדיע פון דעם „מעות, מעות" וואָס די „זשעבראַקעס" (בעטלער) האָבן געזונגען אין די געטאָ־הויפן. ער ברומט אונטער די מעלאָדיע, זי רעאַגירט נישט, זי איז נישט.

ער נעמט אונטערברומען די מעלאָדיע פון כל נדרי.

— שטרענגט זיך נישט אָן, איך ווייס, אַז איר קענט דעם ניגון. איז זי הייסט עס יאָ אַ יידישע?

— איר וועט גיין מיט דער גאַס רעכטס, וועט איר צוקומען ביז צו דער פּרעטע. זי שטעקט אים עטלעכע באַנקנאָטן אין האַנט אַריין

— וואַרט דאָ אויף מיר דעם קומענדיקן פופצנטן דריי אַזייגער, וועל איך אייך ווידער באַזאָרגן עפּעס געלט.

ער בלייבט שטיין אַ צעחושטער, זי פאַרשווינדט אים פון אויג. איז זי, צי איז זי נישט?

זי איז נישט. אַ יידישע וואָלט נישט ריזיקירט, אַ יידישע וואָלט גע־ווען נערוועז און שרעקעוודיק, זי איז נישט.

זי האָט דאָך אָבער דערקענט דעם ניגון פון „כל נדרי"?

דעם ניגון פון „כל נדרי" קענען גויים אויך. אַט קען ער דעם ניגון פון „כל נדרי", כאָטש ער ווייסט אַזויפיל פון יידישקייט וויפיל עס ווייסט אַן אמתער גוי.

זי קען טאַקע נישט די מעלאָדיע פון „מעות, מעות". מען האָט עס דאָך אין געטאָ געזונגען פון דער פרי ביזן אָוונט, אין אַלע הויפן און אין אַלע גאַסן, ממש ביז חלשות.

איז זי, צי איז זי נישט?

דעם פופצנטן דריי נ. מ. זיצט ער ביי זיך אין שטוב און וויל נישט אַראָפּגיין. „איך ווייס קיינמאָל נישט, ווען מען שפירט מיר נאָך". טאָמער איז זי יאָ, איז סתם גלייכער, איך זאָל זי פאַרלירן פון אויג. ווען ער גייט אַראָפּ אין גאַס אַריין, איז דער זייגער שוין נאָך פיר. ווען ער קומט ארויס אויף קראָקעווער פאָרשטאָט, קוקט ער זיך ארום, ווי ער וואָלט געוואָלט ביי דער גאַס אָפּנעמען א גרוס, צי זי איז געווען. ער גייט אַזוי אין גאַס און דערפילט פלוצלינג ווי אימיץ באַרירט זיין האַנט. ער דרייט זיך אוים: עס איז זי.

— איז אַלץ אין אָרדענונג? — פרעגט זי. זי דערלאַנגט אים א פאַרמאַכטן קאָנווערט און זאָגט: קומענדיקן פופצנטן דריי אַזייגער. זי פאַרשווינדט, ער בלייבט שטיין א צעחושטער.

ווער איז זי? פאַרוואָס ריזיקירט זי מיר צו העלפן? אפילו נישט אויסגערעדט פאַרן פאַרשפּעטיקן, זי ווייסט, אַז א ייד אויף דער אַרישער זייט קאָן נישט שטענדיק זיין פּינקטלעך. אָבער ווי אַזוי קאָן זי יאָ, דרייען זיך מער ווי א שעה אויף דער גאַס און וואַרטן אויף מיר? ווער איז זי? מיט וואָס איז זי אינטערעסירט אין מיר? פאַרוואָס העלפט זי מיר?

אָט ווי אַזוי מענטשן פירן זיך! לאָמיר אָננעמען, אַז זי איז א יידישע, איז דאָך די שעה וואַרטן אויף מיר אין גאַס — א שעה טויט־שרעק. אויב סתם גיין אין גאַס איז געפערלעך פאַר א ייד, איז דאָס וואַרטן געפערלעכער, יעדער וואַרטנדיקער מענטש איז חשוד אין קאָנספּיראַציע. נאָר זי איז מן הסתם נישט קיין יידישע. קען דען א ייד זיין אַזוי רואיק, אַזוי באַהערשט נאָך די עטלעכע יאָר געטאָ? נאָך די אַלע „אַקציעס" און

נאָך דעם אַלעם וואָס עס געשעט מיט יידן אויף דער ערישער זייט? טאָ פאַרוואָס איז זי פאַראינטערעסירט אים צו העלפן. איז עס רחמנות אויף די אומגליקלעכע יידן? אַ פרעמד פּויליש מיידל שטעלט זיך איין צו העלפן יידן, און ער — אַ ייד, אַ פאַרמשפּטער ווי זיי, מסרט זיי. ווען זי וואָלט געוווסט... ווען זי וואָלט געוווסט!

— ביינאַכט, ער ליגט אויפן בעט. אין דמיון חזרט זיך איבער דאָס וואָס איז בייטאָג פאָרגעקומען אויף קראָקאָווער פאָרשטאָט: אימיץ באַרירט זיין האַנט, ער דרייט זיך אום — עס איז זי. איר באַרירונג איז אַזאַ לייכטע, איר האַנט אַזאַ שמאָלע, צאַרטע. בייטאָג האָט ער נישט אַזוי אויפגעציטערט ביי דער באַרירונג ווי איצט, בעת ער דערמאָנט עס זיך. דאָרטן, געוועזן צעמישט, דערשראָקן, איצט ערשט פילט ער איר האַנט. אַזאַ קיל ווייך הענטל, אַזאַ...

— עך צום טייוול, ער איז שוין עפּעס אינגאַנצן אויס מענטש... וואָס באַלעקט ער זיך אַזוי מיט אַ באַרירונג פון אַ פרויען האַנט, ווי ער וואָלט נאָך קיינמאָל קיין פרוי נישט אָנגערירט.

אָט דאָס איז עס טאַקע. ער האָט שוין לאַנג, זייער לאַנג נישט אָנגערירט קיין פרוי, דאָס הייסט אַזאַ פרוי... יענע דאָרט — טפו זאָל זי ווערן, קאָן זיך דאָך נישט פאַררעכענען פאַר אַזאַ פרוי, מען זאָל קאָנען דאָס פאַרברענגען מיט איר פאַרבאַהאַלטן אין זכרון. די אַ, אַזאַ איידעלע, אַזאַ שלאַנקע בווּגעוודיקע פיגור. מוחל דאָס געלט וואָס זי גיט אים, באַטש איין קוש אויף אירע ליפּן...

עך, נאַרישקייט „ניע דלאַ פּסאַ קעלבאַסאַ” (נישט פאַר אַ הונט איז די ווורשט) זאָל זיין באַטש אַ באַרירונג פון איר האַנט. אַ באַרירונג נישט אַ צופעליקע נאָר אַזאַ: ער זאָל דערביי געדענקען, אַז זי איז אַ פרוי און זי, אַז ער איז אַ מאַן...

און אפשר געדענקט זי? ענדלעך האָט ער געפּאַקט דעם סוד פון איר פאַראינטערעסירונג אין אים. ער איז אַ שיינער, הויכער, גוט־געבויטער מאַן, מיט אַ הויכן שטערן און כוואַליעדיק געלאָקטער טשופּרינע, האָט ער זי פאַראינטריגירט. האָט עס דען איינמאָל מיט אים געטראָפן? איז

ער דען נישט געוועזן א צוציאונג פאַר אַלע פרויען אין די קור־ערטער, ווו ער פלעגט פאָרן? ענדלעך איז אַלץ פאַר אים קלאָר געוואָרן.

ער שפרינגט אַראָפּ פון בעט, צינדט אָן דאָס ליכט און באַטראַכט זיך אין שפּיגל. יאָ, עס קען זיין, אַז דאָס איז עס.

***

דעם נאָענטסטן פּופּצענטן וואַרט ער אויף איר פינקטלעך דריי אַזייגער. ווען זי דערלאַנגט אים די האַנט, פאַרהאַלט ער איר האַנט אַביסל לענגער און שטעלט זיך פאָר.

— מיין נאָמען איז פעלטשאַק. ניין, איך וויל אייך זאָגן דעם ריכטיקן נאָמען...

— דער נאָמען איז נישט וויכטיק. זאָגט קיינעם נישט דעם ריכטיקן נאָמען, אָפּגעהיטקייט פאַרשאַדט קיינמאָל נישט... מיך רופט מען פאַליא.

— פאַרוואָס טרויט איר זיך אָן מיר, אַן אומבאַקאַנטן? פאַרוואָס זענט איר נישט אָפּגעהיט?

— אייער אויסזען דערוועקט צוטרוי... איר זענט אַן אינטעליגענט?

— יאָ, אַ דאָקטאָר מעדיצין.

— אויב אַזוי, גיט מיר אייער אַדרעס. מיר קענען אייך אַמאָל דאַרפן...

— זיי קענען מיך דאַרפן. ז י האָט זיך מיר אָנגעטרויט. זי וויל אויך אַנדערע מיר אָנטרויען, מ י ר ! מיין פּנים דערוועקט צוטרוי... אַנטלויפן פון איר! אַנטלויפן, ווייל עס קען קומען צו אַן אומגליק.

ער נעמט פונדעסטוועגן אַרויס אַ שטיקל פּאַפּיר און וויל אויפשרייבן דעם אַדרעס.

— ניין, ניין. שרייבט נישט, שרייבט קיינמאָל נישט אויף אייער אַדרעס, זאָגט מיר, איך וועל געדענקען. איר מוזט זיך אויסלערנען זיין מער אָפּגעהיט.

— איר האַלט מיך אין איין וואָרענען צו זיין אָפּגעהיט און איר

אליין זענט גארנישט אפגעהיט. גארנישט! איר הערט?!

— איך מוז זיך אנטרויען אנדערע... אנדערש קען איך אייך נישט העלפן. — מיר זענען אלע אין דער זעלביקער לאגע, אז מען וועט נישט ריזיקירן איינער פארן צווייטן, וועלן זיין קליינע שאנסן איבערצוהאלטן...

— פון וואנען האט איר געלט אוועקצוגעבן?

— איך טו עס אין שליחות פון אן אינסטיטוציע, פון אונזער נאציאנאלן קאמיטעט.

— א גוטן טאג! שרייט ער אויס און נעמט אוועקגיין. ער דרייט זיך צוריק אויס צו איר און גיט צו: קומט נישט מער, איך דארף נישט קיין געלט. קומט נישט מער, איר הערט?

ער דערווייטערט זיך שנעל. אן אינסטיטוציע, א נאציאנאלן קאמיטעט מיר אנגעטרויט. מיין פנים דערוועקט צוטרוי. ווען זי וואלט געוווסט... ווען זי וואלט געוווסט!

— .9 —

עס איז שוין באלד צוויי חדשים ווי ער האט גארנישט געבראכט. גוט, ער ווייסט שוין, אז ער מוז נישט ברענגען יעדע וואך ווי זיי פאדערן, אבער שוין צוויי חדשים! וועלן זיי שווייגן? ער קאן אבער נישט מער. צו וואס ער דרייט זיך אין גאס? אפצונארן זיין פחדנות, אבער ער זוכט נישט. ווען עס וואלט אים אפילו צופעליק אקעגן געקומען א ייד און געווארפן זיך אין די אויגן אריין, וואלט ער דען אים נאכשפיאנירט?

אבער וואס וועט זיין, אז בראנד וועט שיקן אין קעלער אריין? גוט וואס ער האט איר אנגעזאגט, זי זאל מער נישט קומען, וועט נישט זיין קיין נסיון. אז זי וועט נישט קומען, ווייסט ער נישט ווי זי צו געפינען. ער מוז ווערט זיין איר צוטרוי... ער מוז זיין אזוי ווי ער זעט אויס. זיין פנים דערוועקט צוטרוי, ער האט נאך נישט פארלוירן זיין מענטשלעכן אויסזען, ער קען נאך אלץ צוריקגעווינען, אפשר אפילו די סימפאטיע פון אזא מיידל ווי זי...

„זיין אויסזען דערוועקט צוטרוי", דאָס איז אַלץ! און דאָס איז גע־נוג, זי זאָל אים העלפן. אַבי ער האָט זיך געהנדלט אין שפּיגל און גע־וואָלט איינרעדן זיך, אַז זי איז פאַרליבט אין אים, אַז ער האָט געפאַנגען איר האַרץ „מיטן ערשטן אויגנבליק", ווי מען שרייבט אין די ראָמאַנען. ווי דען האָט ער געזאָלט טראַכטן? קאָן דען אַן 837 זיך פאָרשטעלן, אַז אימיץ קאָן איינשטעלן זיין לעבן פאַר דעם אַנדערן אָן שום פּערזענלע־כע פּניות?

אוודאי איז אים נישט פריילעך אויפן האַרצן. שוין גאַנצע פּלאַצן אויסגעבויט אין דער לופטן... געקוויקט זיך מיט איר געפיל און מיט זיין דערפאָלג. באַ, — אפילו פאַרלאָזט זיך וואָנצעלעך, טראַכטנדיק, אַז דאָס מאַכט אים אויסזען שענער, אַז מיט וואָנצעלעך וועט ער איר נאָך מער געפעלן, נאָך מער צושמידן איר האַרץ צו זיך...

ער גייט צו צום שפּיגל באַטראַכט די וואָנצעלעך. ער האָט זיי שוין אַ חודש צייט. ער פאַרקרימט זיך צו זיין אָפּבילד אין שפּיגל און שטעקט צו זיך אַרויס די צונג. ער כאַפּט באַלד דעם ראַזיר־אַפּאַראַט און קראַצט אָפּ די וואָנצעלעך, קראַצט ביז בלוט...

וואָלסטו געוואָלט, זי זאָל זיין אַזעלכע וועמענס האַרץ מען קען פאַנגען מיט פראַנטישע וואָנצעלעך? שטראָפט ער זיך, פאַרוואָס ער איז אין כעס.

ניין, ער וויל עס גאָרנישט. ער איז אפילו צופרידן, וואָס נישט זיין „מענערישער רייץ" האָט זי צוגעצויגן. ער איז גליקלעך וואָס זיין מיידל, הם, — דאָס הייסט זיין באַקאַנטע, איז נישט קיין פּוסטע גאַנז, זי איז אַזאַ אידעאַלע — — — אַזאַ ריינע — — ער איז צופרידן, ער איז אַזוי שטאַרק צופרידן וואָס עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זי איז אַ יידי־שע, ער איז אַזוי צופרידן וואָס אַזאַ ווי זי איז אַן אייגענע...

אָבער עס קען זיין, אַז ער וועט זי שוין קיינמאָל אין לעבן מער נישט זען. ער ווייסט דאָך אפילו נישט ווי זי הייסט. ווען עס זאָל אפילו געשען אַ נס, די מלחמה זאָל זיך פּלוצלינג ענדיקן און סיי ער, סיי זי וועלן איבערלעבן, ווי וועט ער זי זוכן?

און אַז בראַנד וואָלט אים געשיקט אין קעלער אַריין און ער וואָלט

געוווּסט ווו זי צו געפינען, וואָס וואָלט דעמאָלט געווען?

ווען עס איז נישט שוין מער ווי צוויי חדשים ווי ער האָט גאָרנישט געבּרענגט, וואָלט ער נישט באַדאַרפט מורא האָבּן זי צו טרעפן. אָט צום בּיישפּיל ווען ער בּרענגט עפּעס היינטיקן מאָנטיק, וואָלט ער ווידער גע־קענט האָבּן אַ צוויי חדשים מנוחה. און דורך די צוויי חדשים וואָלט ער שוין געפונען עפּעס אַן אויסוועג. איינעם נאָר בּרענגען, דעם לעצטן, טאַקע באמת דעם לעצטן, מער פאַר קיין שום פּרייז נישט.

דערווייל רוקט אָן דער פּופּצענטער. כאָטש ער ווייסט, אַז זי וועט נישט קומען, דערוואַרט ער פּיבּערדיק דעם טאָג. כאָטש ער דערוואַרט נישט צו זען, האָט ער ווידער גאָרנישט געבּרענגט אויף אליי־שוכא, דער־נאָך וועט מען זען, נאָכן פּופּצענטן...

דריי נ. מ. גייט ער אַרויס אויף קראָקאָווער פּאַרשטאָט צו דעם אָרט, ווו זי פּלעגט קומען, זי וואַרט שוין דאָרט אויף אים.

— פאַרוואָס זענט איר געקומען? כ'האָב דאָך אייך געזאָגט, אַז איך דאַרף נישט קיין הילף.

— פאַרוואָס זענט איר געקומען, אויבּ איר דאַרפט נישט? איך האָבּ פאַרשטאַנען, אַז איר האָט זיך דערשראָקן פאַר דעם קאָמיטעט, איר האָט מורא, אַז איך קאָן אַריינפאַלן און איר — דורך מיר. און עס איז דאָך אמת, איך ריזיקיר זייער פּיל. כ'האָבּ אָבּער פאַרשטאַנען, אַז די נויט וועט אייך טרייבּן אַהער. אַז מען צאָלט „זיי״ נישט די שווערע טויזנטער, ווילן זיי נישט באַהאַלטן.

— נישט צוליבּ מורא פאַר זיך, בּין איך אַנטלאָפן פון אייך, זאָגט ער פאַרשעמט. כ'בּין נישט אַזאַ פּחדן — וויל ער זיך אויספּיינען, נאָר אויס מורא פאַר אייך...

—איך האָבּ גוטע דאָקומענטן און אַ גוטן אויסזען. און איר זענט נישט דער איינציקער. איך גיי טאָג בּיי טאָג... נו, איך מוז איילן ווײַ־טער.

— מען קען אפשר אמאָל פאַרבּרענגען מיט אייך אביסל לענגער? דאָס וואָלט אויך געווען אַ הילף צו קענען אויסהאַלטן...

— אפשר אמאָל...

ער גייט אַרום ווי אין חלום. אַלע טעג און נעכט אין חודש זענען נאָר טרעפּ וואָס פירן צו איין טאָג צו איין שעה, צו דעם פּופּצענטן. דריי נאָכמיטאָג. ניין, די טעג זענען נישט קיין טרעפּ, אויף טרעפּ קאָן מען צואיילן די טריט. די טעג און נעכט פון אַ גאַנצן חודש זענען שטערונגען, וואָס מען מוז אַריבערשפּרינגען כדי צוצוקומען צו דעם פּופּצענטן. און אַריבערצושפּרינגען איז נישט לייכט, צווישן די טעג זענען דאָ מאָנ־טיקס. ער האָט געהאַט כמעט פאַרגעסן עפּעס צו זוכן, פאַרגעסן אין אַליי־שוכא. אָבער אויף אַליי־שוכא פאַרגעסט מען נישט. פון צימער 17 שיקט מען אים צו בראַנדן. בראַנד גיט די לעצטע וואָרנונג: ביז קומענ־דיקן מאָנטיק מוז ער עפּעס ברענגען.

— .10 —

ער מוז עפּעס אויסקלערן, ער מוז געפינען אַן אויסוועג, ער מוז מאַכן עפּעס, אַ פּלאַן און דאָ לויפן דערווייל די טעג, ווי אַ שטיין וואָס קאָלערט זיך און פאַלט צום אָפּגרונט. אָפּהאַלטן איז נישט מעגלעך, אַ גע־חתמעטער גורל, דער מאָנטיק רוקט אָן ווי אַ געוויטער, ווי אַ פאַרפּליי־צונג און קיין רעטונג איז נישטאָ.

עס איז מאָנטיק אינדערפרי. ער האָט גאָרנישט אויסגעקלערט, נישטאָ קיין אויסוועג, ער מוז גיין אין געשטאַפּאָ אַריין: צימער 17, בראַנד און דער קעלער. זיי וועלן אים דערהרגענען. גראָד איצט ווען ער האָט צו וואָס צו לעבן...

ער גייט אַרויס פון שטוב, ער גייט צו אַליי שוכאַ, ער גייט צום טויט. צום טויט? גלייך צום טויט וואָלט גוט געווען, אָבער וואָס וועט נאָך זיין פריער?

ער בלייבט מיטאַמאָל שטיין. מעג ער גיין אַהין ווען ער ווייסט וועגן איר? מעג ער זיך טרויען? וועט ער טאַקע אויסהאַלטן דעם קעלער ווען ער ווייסט עפּעס? ווען ער האָט מיט וואָס זיך צו ראַטעווען?

ער טאָר נישט גיין אַהין!

וועט מען אים נעמען פון שטוב.

ער טאָר נישט גיין אין שטוב אריין!

וועט מען אים נעמען פון גאַס. נישטאָ ווו צו גיין, נישטאָ ווו אַהין צו אַנטלויפן. ער איז אין אַן ענגער שטייג, אין אַ „שטיי־צעל", נישט מעגלעך זיך אויסצודרייען.

וואָס טוט מען? וואָס טוט מען?

פאַרבייגייער קוקן זיך אום אויף אים, ער נעמט פּאַמעלעך גיין פאַראויס. פּלוצלינג שטעלט ער זיך ווידער אָפּ. עס האָט עפּעס אויפגעבליצט אין מח. ער לויפט שנעל אהיים, אַלץ שמייכלט אין אים פון דעם שפּיצל וואָס ער וועט אָפּטון דער געשטאַפּאָ.

ער גייט אריין אין שטוב, אויף די שפּיץ פינגער, די באַלעבאָסטע זאָל נישט הערן ווי ער קומט. ביים אַרויסגיין פאַרטשעפּעט ער זיך אין אַ בענקל און פאַרקלאַפּט הויך די טיר, די באַלעבאָסטע זאָל הערן ווי ער גייט אַרויס, די באַלעבאָסטע זאָל קענען עדות זאָגן, אַז ער איז ערשט איצט אַרויס. ער גייט צו צו די טרעפּ, פאַרמאַכט די אויגן און וואַרפט זיך אַראָפּ.

דער דאָקטאָר דערקלערט אים, אַז דער ביין פון רעכטן פוס איז צעבראָכן, ער וועט צוויי חדשים מוזן ליגן אין גיפּס. פעלטשאַק ברעכט אויס אין אַ ספּאַזמאַטיש געלעכטער.

אַ גאַנצן טאָג איז ער צופרידן פון זיין גליקלעכן איינפאַל. צוויי חדשים פּטור זיין פון גיי אין געשטאַפּאָ אריין. ביינאַכט, ער איז שוין אין אַ האַלב־דרימל שווימט פּלוצים אויף אַ געדאַנק, וואָס מאַכט אים גלייך וואַך און באַדעקט זיין גוף מיט אַ קאַלטן שוויים. צו וואָס דאַרפן זיי אים איצט, אַ קאַלעקע אין גיפּס, קען נישט ברענגען קיין „סחורה"? זיי וועלן אים דערשיסן! זיי וועלן אים אַפּרוימען!

עס נעמט אים מער נישט קיין שלאָף, ער האָרכט זיך איין צו די טרעפּ.

ערשט פאַרטאָג שלאָפט ער איין אַ מידער. ער כאַפּט זיך אויף ערשט ווען זיי זענען שוין אין זיין שטוב.

— אַזאַ אומגליק, קלאָגט ער זיך פאַר זיי, געוואָלט גיין אויף אַליי־שוכאַ און אַראָפּגעפאַלן פון די טרעפּ. נאָר עס וועט נישט לאַנג דויערן...

דער דאָקטאָר זאָגט, עס וועט נישט לאַנג דויערן... איך רעכן אין אַ צוויי וואָכן אַרום, וועל איך זיך ווידער קענען נעמען צו דער אַרבעט...

— האָסט געוואָלט גיין אויף אַליי־שוכאַ? וואָס האָסטו צו מעלדן?

— צו מעלדן? דערווייל גאָרנישט, נאָר איך האָף — —

— שיים! דו „האָפסט" שוין אַזוי ניין וואָכן, רייסט אים איבער דער געשטאַפּאָ־אָפיציר, ער טוט אַ ווונק צום אַנדערן געשטאַפּאָ־מאַן, יענער גייט אַרויס.

— איך באַמי זיך — — — איך וועל — —

— שיים! רייסט ווידער איבער דער אָפיציר. און קוקט אפילו נישט אין פעלטשאַקס זייט.

דער געשטאַפּאָ־מאַן קומט צוריק מיט דעם הויז־שומר, זיי נעמען אים אַרויס פון בעט, טראָגן אים אויף די הענט אַרויס צום אויטאָ, וואָס וואַרט פאַרן טויער. פעלטשאַקן לייגן זיי אַריין אויף דעם הינטערשטן זיץ, די געשטאַפּאָ־לייט זעצן זיך פאָרנט. דער אויטאָ יאָגט אין דער ריכטונג צו אַליי־שוכאַ.

— איך וועל שנעל געזונט ווערן, איך וועל ווידער אַרבעטן...

די געשטאַפּאָ לייט שווייגן.

— איך האָב די גאַנצע צייט זיך באַמיט... איר ווייסט, איך אַרבעט גוט... איר ווייסט וויפל איך האָב שוין געבראַנגט...

די געשטאַפּאָ־לייט שווייגן, דער אויטאָ דערנענטערט זיך צו אַליי־שוכאַ.

— שווער לעצטנס צו געפינען עפּעס, אָבער איך האָב אַ גוט אויג, שוין עפּעס דערשמעקט... ווי נאָר איך וועל געזונט ווערן, וועל איך זיך נעמען דערצו...

— וואָס?

— נאָכגעשפּירט, באַמערקט איינע...

ער פאַרבייסט אַ ליפּ און כאַפּט זיך שנעל צוריק.

— הם, יאָ, כ'האָב נאָכגעשפּירט א יי נ ע ם ... כ'מיין, כ'בין במעט זיכער...

— ווו? ווער איז דאָס?

— כ׳מיין... כ׳ווייס נאָך גאָרנישט קיין ממשותדיקעס... כ׳וועל גע־זונט ווערן, וועל איך שוין דערגיין.

— מיר וועלן שוין דערגיין. זאָג וואָס דו ווייסט!

— כ׳ווייס נאָך גאָרנישט, גאָרנישט...

— רייד ווען מען פרעגט דיך! וואָס האָסטו באַמערקט? נו, וועסט שויןריידן, פאַרענדיקט דער אָפיציר, ווען דער אויטאָ פאַרהאַלט זיך פאַר דער געשטאַפּאָ־געביידע.

— ער ווייסט עפּעס און וויל נישט אויסזאָגן, גיט איבער בראַנדן דער אָפיציר.

— כ׳ווייס נאָך גאָרנישט, אין גאַס באַמערקט אַ מאַן וואָס איז אַביסל ענלעך... כ׳ווייס נאָך גאָרנישט...

— ער האָט צוערשט גערעדט וועגן איינער, דערנאָך זיך צוריקגע־כאַפּט און גערעדט וועגן איינעם. פאַרן אויער פון אַ געשטאַפּאָ־מאַן, גייט גאָרנישט פאַרלוירן, וואַרפט ער צו פעלטשאַקן.

— כ׳בין צעמישט פון דעם אומגליק מיט דעם פוס, כ׳ווייס נישט וואָס איך רייד, כ׳ווייס גאָרנישט, גאָרנישט... סתם גערעדט... שיסט מיך, אַז איר ווילט.

— אין קעלער אריין! באַפעלט בראַנד.

— .11 —

שטאַרבן, שטאַרבן. ער איז דאָך קראַנק, אַ צעבראָכענעם פוס, וויל ער שטאַרבן, שטאַרבן!

מען שלעפּט אים צום קעלער, דער געגיפּסעטער פוס שלעפּט זיך נאָך און פאַרטשעפּעט זיך אין יעדער טרעפּ. ביי יעדן קלאַפּ אין אַ טרעפּ פלאַקערט אויף אַ נייער ווייטיק אין פוס.

געוואַלד! הרגעט מיך! שיסט מיך! איך קען שוין נישט מער.

די טיר פאַרהאַקט זיך הינטער אים. ער ליגט אויף דער ערד. יאָן שטייט איבער אים און וואַרט.

מחמת דעם ווייטיק אין פוס האָט ער אַ וויילע פאַרגעסן וואָס מען

וויל פון אים, יאַנס שטיין און וואַרטן דערמאָנט אים ווידער: זיי ווילן ז י ! ער וועט נישט געבן, ער וועט שווייגן; זאָלן זיי טון וואָס זיי ווילן!

יאַן שטייט אַ מינוט און וואַרט. פעלטשאַק שווייגט. יאַן גיט אַווינק צו אַ צווייטן געשטאַפּאָ־מאַן, יענער שטעלט אַוועק אויף דער ערד אַן אייזערנע פּרעס־מאַשין.

— וואָס גייען זיי טון?

יאַן שטופּט אַריין פעלטשאַקס האַנט צווישן די צוויי אייזערנע פּלאַטן פון דער פּרעס. דער אַנדערער דרייט צו די שרויף.

שטאַרבן, שטאַרבן. חזרט ער אין זיך אָן אויפהער. די אייזערנע פּלאַטן קומען זיך צוזאַמען. די פינגער! די פינגער! דער ווייטיק אין די פינגער ברענט ביז אין די אויגן אַריין, די אויגן ברענען נאָך מער ווי די פינגער. די אייזערנע פּלאַטן קוועטשן זיך וואָס אַמאָל מער צוזאַמען, די אויגן קריכן וואָס אַמאָל מער אַרויס. וועט מען נאָך פעסטער קוועטשן; וועלן די אויגן, דאַכט זיך, אינגאַנצן אַרויספאַלן...

שטאַרבן, שטאַרבן חזרט ער איבער אין זיך, און זיי וווּנדערן זיך וואָס ער שרייט נישט. דעמאָלט האָט ער אַזוי געשריגן, אויף די טרעפּ האָט ער געשריגן...

אַ שטאַרקער דריי מיט דער שרויף: אַאיי!!! איין געשריי און צוזאַמען מיט דעם געשריי גייט אַרויס דאָס חיות. דער ווייטיק פאַלט אַראָפּ און וואַלגערט זיך ערגעץ נעבן אים אויף דער ערד, די געשטאַפּאָ־לייט שווימען אַוועק... אַוועק...

אַ שמיץ פון קאַלט וואַסער. דער ווייטיק איז צוריקגעקומען. ברענענדיקע פינגער, וואָס ליגן לעבן אים אויף דער ערד, זענען צוגעקלעפּט צו זיין האַנט און מאַטערן... און מאַטערן...

יאַן וואַקסט אויס איבער אים. ער קוקט אויף יאַנען, פון דער ערד — אַרויף, זעט ער אויס נאָך ריזיקער, נאָך שרעקלעכער...

— נו?

יאַנס מויל צעקרימט זיך אין אַ שמייכל און דעקט אויף גרויסע געלע ציין. נו?

די ווייטיקן אין די פינגער און אין פוס רוקן זיך אָפּ אין אַ זייט פאַר אַ נייעם ווייטיק. עס ווייטיקט אין מח דאָס ווײסיקייט, ווען און ווו מען קען זי געפינען. אין קאָפּ ברענט אַ ווייטיק אין געשטאַלט פון ווערטער: דעם 15־טן, 3 נאָכמיטאָג... דעם 15־טן, 3 נאָכמיטאָג...

יאַן הויבט אויף אַ פוס מיט אַ שווערן באַנאַגלטן שטיוול.

שטאַרבן, שטאַרבן. אַלע ווייטיקן קומען זיך צוזאַמען און גיסן זיך אויס אין איין ווייטיקדיקן באַגער: שטאַרבן, אוי שטאַרבן...

דער שטיוול לאָזט זיך אַראָפּ וואָס אַמאָל נידעריקער... די אויגן קריכן אַרויס אים אַנטקעגן... וווּהין צילט ער דעם שטיוול? אין קאָפּ? אין בויך? שטאַרבן, שטאַרבן.

דער שטיוול לאָזט זיך אַראָפּ צווישן פעלטשאַקס פיס... פון יענעם אָרט שטייגט אויף אַ בראַנד און צעלויפט זיך איבערן גאַנצן גוף, ווי די אָדערן וואָלטן זיך אָנגעגאָסן מיט הייסן בליי. עס שפּאַרט זיך צום מויל אַזאַ גרויס געשריי, אַז דאָס מויל איז צו קליין עס אַרויסצולאָזן, אַזאַ ריזיק געשריי, וואָס וועט אויפרייסן און אים צעררייסן אויף שטיקער. שטאַרב — — שטאַר — — ש — — —

ער האָט שוין נישט קיין כח, איבערצוחזרן דעם געדאַנק ביזן סוף. דער שטיוול קוועטשט פעסטער, דער ווייטיק שפּאַרט צום מח ווי אַ קויל... ווי אַ באָמבע... עס רייסט אויף...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ער עפנט די אויגן. ער איז נאָך אַלץ אין קעלער. עס פילט זיך אַ ריח פון מעדיקאַמענטן. אהא, זיי האָבן אים מן הסתם געמינטערט. ער האָט איבערגעבאָפּט די מאָס דער יאַן, דאָס איז שוין צופיל. מען דאַרף דערציילן בראַנדן...

און ער האָט אויסגעהאַלטן. אפילו אַ געשריי נישט געטון. „מיר האָבן מיטלען דיך צו מאַכן ריידן", האָט בראַנד געזאָגט. און מיר האָבן כח צו שווייגן, מיר דאָקטאָר איגנאַצי ליבענשטיין...

יאָ, איצט איז אוים מיט דעם אַגענט 837. זי וועט אים העלפן אַנטלויפן... זי וועט לויפן מיט אים, אָדער מינדעסטנס קומען אים זען... זי וועט —

יאַן וואַקסט ווידער אויס איבער אים. פעלטשאַק שליסט שנעל די אויגן.

— רייד! — באַפעלט יאַן.

ער פאַרהאַלט דעם אָטעם, יאַן זאָל מיינען, אַז ער איז נאָך פאַרחלשט.

— רייד! — שרייט יאַן.

ער עפנט די אויגן, באַוועגט מיט די ליפּן אָן אַ קול און קוקט בעטנדיק אויף יאַנען: זעסט דאָך, אַז כ׳בין פאַרחלשט, כ׳קען נישט רעדן.

יאַן הויבט אויף דעם פוס און לאָזט אים פּאַמעלעך אַראָפּ צו פעלטשאַקן.

„צום קאָפּ", „צום בויך", בעט פעלטשאַק אין געדאַנק, אָבער דער שטיוול איז געצילט א ה י ן ... ער קומט נענטער, נענטער... וואַקסט אויס גרעסער... גרעסער... וואָס טוט מען? וואָאָאָס? און דער שטיוול רוקט זיך פּאַמעלעך, אַהין, נענטער... נענטער... נאָענט!

— נ נ נ יי ן !

פונוואַנען האָט יאַן פאַרשטאַנען דעם טייטש פון דעם געשריי, אײדער פעלטשאַק אַליין האָט עס געוווּסט? יאַן האָט גלייך אַוועקגענומען דעם פוס, אַרויסגענומען פון קעשענע אַ בלייפעדער און פּאַפּיר און אַראָפּגעבויגן זיך צו פעלטשאַקן, נישט צו פאַרלירן קיין איין וואָרט. פעלטשאַק האָט גערעדט.

— 12 —

„איצט איז דער סוף" טראַכט ער, ווען מען קומט אים פּלוצלינג ווידער נעמען אין געשטאַפּאָ.

— נאָך אַ וואָך און איך וועל שוין קענען אַרבעטן שטאַמלט ער.

ער ווייזט, אַז ער קען שוין אַביסל גיין.

— „האבע קיינע אנגסט, קערל„ הויטע פאסירט דיר ניכטס".

„קיינע אנגסט קערל", באַרואיקט אים ווידער דער דייטש, ווען ער ציטערט אויף זעענדיק, אַז מען פירט אים צום קעלער.

די אויגן קלעפּן זיך מיט שרעק צום שטעקן אין יאַנס האַנט, אָבער יאַן גיט צו אים פריינטלעך אַ שמייכל. יאַן טוט אַ שאַר מיטן פוס עפּעס אַ קנויל וואָס ליגט אויף דער ערד. פון דעם קנויל קומט אַרויס אַ קרעכץ. דער קרעכץ איז אַ שוואַכער און הייזעריקער, פעלטשאַק דערקענט פונ־דעסטוועגן איר קול.

— האָט זי דיר געזאָגט, אַז זי געהערט צו אַן אָרגאַניזאַציע? — פרעגט אים יאַן.

אַ ביין שטעלט זיך אַוועק פעלטשאַקן אין האַלדז, ער קען נישט אַרויסברענגען אַ וואָרט.

יאַן נעמט צוגיין צו אים און דערבייַ הייבט ער די פיס אַזוי מאָדנע הויך, אַז פעלטשאַק דערזעט די נעגל אויף דער זויל פון שטיוול...

— האָט זי דיר געזאָגט?

— יאָ.

אין דעם בלוטיקן קאַלטן האָר־און־פּנים עפענען זיך אַ פּאָר אויגן און גיבן אַ קוק אויף אים. אין דעם בליק איז פאַראַן אַזוינס וואָס ברענט נאָך מער ווי יאַנס שטיוול צווישן די פיס; וואָס שפּאַרט אַ בראַנד צום מוח ביז צום אויפרייסן אים...

נאָר איין קוק אויף אים, און זי כאַפּט אַוועק דעם קאָפּ, ווי די אויגן וואָלטן זיך אָפּגעבריט דערזעענדיק אים. אין דעם איינעם אויגנבליק איז דאָ אַזויפיל חידוש, אַזויפיל בייז־וווּנדער. די אויגן שליסן זיך. די פּאָר־בלוטיקטע ליפּלעך גיסן זיך ווידער צוזאַמען מיט דעם גאַנצן קאַלטן פאַרבלוטיקטע האָר און צעשליסן פּנים.

— 13 —

שוין שפּעטער ווי מען האָט אים אַהיימגעבראַכט פון געשטאַפּאָ. ער האָט זיך אַוועקגעלייגט אויפן בעט. ער טראַכט וועגן גאָרנישט... ער איז

אזוי אויסגעהוילט, אויסגעלאָשן... געבליבן ווי אַ פּאַררוּיכערטע האָלע־וועשקע. עפּעס וואָס קען נאָר אוועקלייגן זיך אויפן בעט און ליגן, ליגן...

עס וועקט זיך אין אים אויף אַ מורא פאַר עפּעס אַ געדאַנק וואָס ליגט פּאַרטייעט אין מוח און גרייט זיך אַנצופאַלן אויף אים. גיט ער זיך איינגאַנצן איבער צו די יסורים אין די פינגער און אין דעם פוס וואָס האָבן זיך איצט ווידער באַנייט, און איז זיך מחיה מיט די יסורים. אָבער דאָס באַהאַלטענע נעמט אַרויסקריכן, ער דערפילט ווי עס פאַרמעסט זיך אויף אים, ווי דעמאָלט, ווען עס האָט זיך אויף אים פאַרמאָסטן יאַנס שטיוול, רייסט זיך פון אים אַרויס אַ געשריי: נ־נ־נ־יי־ן!

ע ס דערשרעקט זיך נישט פאַר זיין געשריי, ע ס טוט אַ שפּרונג און בלייבט שטיין פאַר אים — דער בלוטיקער קאַלטן.

— האָב איך זיך דען נישט אַראָפּגעוואָרפן פון די טרעפּ, כדי אויס־צומיידן דאָס אומגליק? האָבן איך נישט שעהען אויסגעהאַלטן די קלעפּ, אפילו דעם שטיוול דאָס ערשטע מאָל אויסגעהאַלטן און צומאָל נישט געשריגן. וויפל מוז דאָס אַזאַ מענטש ווי איך האָבן כוח אויסצוהאַלטן?

—אַזויפיל וויפל ז י ! זי האָט אַלץ אויסגעהאַלטן.

איך האָב דאָך אויך אַ סך אויסגעהאַלטן. איך האָב דאָך אפילו נישט געשריגן, ביי אַזעלכע יסורים נישט געשריגן. כ׳האָב דאָך געוואָלט שטאַרבן און נישט אויסזאָגן, אפילו ווען ער האָט דאָס צווייטע מאָל אויפגעהויבן דעם שטיוול... ווי ראַפינירט זיי זענען אין פייניקן: ער האָט אַזוי פּאַמעלעך אַראָפּגעלאָזט דעם שטיוול, ער האָט געוווסט אַז די שרעק איז ערגער ווי די יסורים אַליין. ווען ער וואָלט שוין געהאַט אַראָפּגעלאָזט דעם שטיוול, וואָלט איך ווייטער אויסגעהאַלטן, ווי ביים ערשטן מאָל. נאָר דאָס פּאַמעלעכע דערנענטערן זיך. דער שטיוול האָט אויסגעזען וואָס אַמאָל גרעסער, די נעגל וואָס אַמאָל שאַרפער און ער טרעט נאָך אַלץ נישט... נאָך אַלץ דאָ אַ מעגלעכקייט אויסצומיידן... דערנאָך דאָס געשריי... איך האָב געשריגן? אפשר האָט גאָר עמעץ פון זיי אַזאַ ווילדן געשריי געטון כדי מיך צו צעטומלען?

ניין, דאָס האָב טאַקע איך געשריגן. דער געשריי איז געקומען ווי אַן אויפרייס. ווי איז עס ביי אַ פעטאַרדע? מען צינדט אָן די שנור,

דאָס פייער לויפט נענטער, נענטער ביז עס דערגרייכט די באָמבע און רייסט זי אויף. אַזוי איז טאַקע געווען, ווען דער שטיוול האָט זיך דער־נענטערט: אַ פּראַקטיקער קראַמף האָט ארומגעכאַפּט יענעם אָרט, גע־לאָפן פון דאָרט איבערן רוקן־ביין אַרויף, אַרויף צום מוח און אויפגע־ריסן מיט אַ געשריי.

וואָלט ער נאָכן געשריי אַראָפּגעלאָזט דעם שטיוול, וואָלט איך מסתמא ווייטער געשוויגן ווי ביים ערשטן מאָל. אָבער ער האָט אוועק־גענומען דעם שטיוול און אַרויסגענומען אַ בלייפעדער און פּאַפּיר... פונ־וואַנען האָט ער געוווסט, אַז איך וועל שוין רעדן? און אפשר וואָלט איך טאַקע נישט גערעדט ווען נישט די בליי און פּאַפּיר, זיין זיכערקייט אַז איך וועל רעדן האָט מיך באַגוועלטיקט.

איך בין געווען אַזוי אַנטשלאָסן צו שווייגן... אַזויפיל יסורים אי־בערגעטראָגן... גרייט געווען צו שטאַרבן... צי ווייסט זי עס? צי קען זי מיך פאַרשטיין? זי האָט אַלץ אויסגעהאַלטן, זי האָט געשוויגן ביזן סוף. וואָס קען איך טון, איך האָב נישט אַזויפיל כוח וויפל זי... ס'איז דאָך פונקט ווי פיזישער כוח: איינער איז אַ גבור, דער אַנדערער פאַלט ביים ערשטן קלאַפּ. האָב איך עמיצן שלעכטס געטון פאַר דער מלחמה? בין איך נישט אין געטאָ געגאַנגען צו אָרימע קראַנקע בחנם? און איצט האָב איך דאָך אַזויפיל אויסגעהאַלטן. געבעטן אויף זיך דעם טויט און גרייט געווען צום שטאַרבן. דאַסמאָל ווען ער וואָלט זיך באַנוגנט מיט צולייגן דעם רעוואָלווער צו מיין קאָפּ, וואָלט איך געשוויגן. כ'האָב געוואָלט שטאַרבן. צי ווייסט זי עס? צי קען זי מיך פאַרשטיין? אָך, ווען ער וואָלט איר געקענט דאָס זאָגן, דערציילן ווי אַזוי עס איז געשען... ווען ער וואָלט געקענט צוקומען צו איר...

ניין, ער וואָלט קיין מוט נישט געהאַט זי צו זען. נאָר ער וואָלט גע־וואָלט, זי זאָל וויסן ווי אַזוי עס איז געקומען דערצו... ער ווייסט: מען וועט זי דערהרגענען. ער וואָלט פונדעסטוועגן געוואָלט זי זאָל וויסן, ווען אפילו ערשט איין מינוט פאַרן טויט... עס אַרט אים נישט גאָרנישט. ער איז גרייט צו שטאַרבן, צו גיין נאָכאַמאָל אונטערן שטיוול... נאָר דער בלו־

טיקער קאַלטן זאָל געבן אויף אים איין בליק מיט אביסל פאַרשטענדע־
ניש...

— .14 —

ער מוז שלאָפן! ער מוז איינשלאָפן, כאָטש אויף א רגע איבער־
רייסן די געדאַנקען, אַז נישט וועט ער נישט אויסהאַלטן. ער מוז זיך
פאַרשאַפן א שטאַרקן שלאָף מיטל, אָן דעם וועט ער נישט איינשלאָפן.

דער אַפּטייקער וויל נישט פאַרקויפן אָן א רעצעפּט פון א דאָקטאָר.
די געשטאַפּאָ לעגיטימאַציע ווירקט, ער זאָל באַקומען אַזש דריי שאַכטע־
לעך מיט „וועראָנאַל".

ער נעמט צוויי פּאַסטילן אויף אמאָל. ער שלאָפט איין.

ער וועקט זיך פון שלאָף. צום וויפלטן מאָל שוין? ער שטרעקט שוין
אויטאָמאַטיש אויס די האַנט צום נאַכט־טישל, נישט עפנענדיק אפילו די
אויגן. נישטאָ שוין מער ווי איין פּאַסטיל. ער זעצט זיך אויף און טאַפּט
מיט דער האַנט אויפן נאַכט־טישל, צווישן די ליידיקע פּאַפּירלעך גע־
פינט ער נאָך צוויי פּאַסטילן. ער שלינגט אַראָפּ אַלע דריי און פאַלט צו־
ריק אויפן קישן.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ער כאַפּט זיך ווידער אויף, עס איז נאַכט. ער וויל אַראָפּגיין פון
בעט, קריכט ער גאָר אין דער פאַרקערטער ריכטונג און צעקלאַפּט זיך
אין דער וואַנט. ער קומט ענדלעך אַרויס פון בעט. ער וויל מאַכן ליכ־
טיק. דער קאָנטאַקט פון דער עלעקטריע איז לעבן דער טיר, אָבער ער
קען נישט געפינען די טיר. ער פאַלט איבער א בענקל, ער פּרובירט
זיך אויפשטעלן, פאַרפּלאָנטערט זיך אַלעמאָל אין עפּעס אַנדערש און
פאַלט צוריק. ער נעמט קריכן אויף אַלע פיר זוכן דעם ליכט־קאָנטאַקט.
אַנשטאַט צו דער טיר, קומט ער צום פענצטער. ער שטעלט זיך אויף.
גיט א קוק אין פענצטער אריין: דורך דער שויב קוקט אריין דער בלו־
טיקער קאַלטן. ער גיט שנעל א צי אַראָפּ די שוואַרצע פּאַפּיר־ראָלעט,

גייט דער קאַלטן אַריבער אויף דער ראַלעט. ער לויפט צוריק צום בעט און טרעפט צו דער טיר. ער צינדט אָן דאָס ליכט, דער קאַלטן האָט אָפּ־געטראָטן פון פאַר די אויגן, ער איז אָבער ווייטער דאָ... עס איז שוין נישט נאָר דער קאַלטן. די גאַנצע סצענע דאַרטן, אין קעלער, וואַכט אויף. זי ליגט אויף דער ערד, ווע ער זאָגט „יאָ", גיט זי אַ ציטער, הויבט עט־וואָס אונטער דעם קאָפּ, פּאַמעלעך, פּאַמעלעך עפענען זיך די פאַרבלו־טיקטע לעפּלעך, דער בליק קריכט אויף דער ערד ביז צו זיינע פיס, גיט שנעל אַ לויף אַרויף ביז צום פּנים און בריט זיך אָפּ: ער???!

ווייזט אויס, אַז זי האָט אים געהאַלטן פאַר גאָר אַן אַנדערן. ווייזט אויס. — — —

באַלד, באַלד. און אפשר האָט זי אויך געטראַכט פון אים ווי ער פון איר? און אפשר האָט זיך ביי איר אין האַרץ אויך אויסגעפּיקט אַ וואַ־רעמקייט צו אים? אפשר איז די אַנטוישונג געווען אַזוי גרויס נישט נאָר ווייל ער איז אַ ייד, נאָר ווייל ער איז ע ר!

און גיב אַ טראַכט, אַז דעמאָלט, ווען ער האָט זי געטראָפן, האָט ער שוין געהאַט אַזויפיל אָפּגעטון... און מען האָט גאָרנישט דערקענט אויף אים... געווען געקענט נאָך דעמאָלט איבעררייסן און צוריקגיין צו אַן אַנדער לעבן. געקענט איר זאָגן אַז „שמאַלצאָווניקעס" האָבן זיך צו אים צוגעטשעפּעט, וואָלט זי אים געהאָלפן אַנטלויפן. זי וואָלט געקומען צו אים, ער וואָלט ווי דעמאָלט לאַנג געהאַלטן איר האַנט אין זיינער, ער וואָלט איר אַלץ געזאָגט, דאָס הייסט — אַלץ וואָס ער פילט צו איר, זי וואָלט פאַרשעמט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און ער וואָלט איר קאָפּ צוגעטוליעט צו זיין ברוסט — — אַזוי...

ער בייגט אויס די הענט, ווי ער וואָלט אימיצן אַרומגענומען. ער דערפילט אַ קלעפּיקייט אויף דער ברוסט, ער האָט צוגעטוליעט אַ בלו־טיקן קאַלטן...

ער לעשט אויס דאָס ליכט, וואַרפט זיך אויפן בעט און גראָבט איין דאָס פּנים אינעם קישן.

ער הערט שטילע שלייכנדיקע טריט הינטער זיך, און כאָטש ער ליגט מיטן פּנים צו דער וואַנט, זעט ער ווי זיי קומען אָן און שטעלן זיך

אוים אין א ריי נעבן זיין בעט. דער ערשטער קומט אָן מיכאל, נעבן אים שטעלט זיך דאָס מיידל פון „נאָווישוויאַט", נעבן איר — — —

אָט קומט אָן פּאַליאַ. זי איז אָנגעטון ווי דעמאָלט: א טונקעלער קאָסטיום, א שווארצער בייטל אין האנט, זי קומט אָן מיט איר געשיקטן גאנג, און שטעלט זיך אין דער ריי. אַלץ איז ווי דעמאָלט ווען ער האָט זי דאָס ערשטע מאָל געטראָפן. דער קאָסטיום, דער בייטל, דאָס היטעלע... ניין: קיין היטעלע איז נישטאָ. ווי דעמאָלט איז נאָר ביז צום האַלדז. אױ־בערן האַלדז הענגט — א בלוטיקער קאָלטן...

ווער גייט נאָך? אַלע זענען דאָך שוין דאָ? ווער איז דאָס קינד וואָס קומט אָן? זיין פעלעטשקע? ער האָט זי דאָך נישט געמסרט? ער האָט דאָך אריינגעשיקט אהין אן אנאָנים בריוול, מען זאָל אוועקשיקן ערגעץ אנדערש די יידישע קינדער, ער האָט זיך דאָך באַוואָרנט, ער זאָל נישט ווייסן ווו זי איז און נישט קענען מסרן?

נאָך אזא בריוול האָט מען פעלעטשקען זיכער ארויסגעוואָרפן פון אַנשטאַלט. זיי וועלן גיין ריזיקירן פאר א יידיש קינד? ארויסגעוואָרפן זי. דייטשן האָבן זי געפונען און דערשאָסן. אָט קומט זי טאַקע מיט א צעבלוטיקטן קאָפּ... ניין, זי האָט זיך ארומגעוואַלגערט אין דאָרף און אויסגעגאַנגען פון הונגער. דער קאָפּ איז נישט צעבלוטיקט. זי איז דאַר און איינגעטריקנט, א סקעלעט איבערגעצויגן מיט א געלער פּאַפּירענער הויט... ווי די הונגעריקע קינדער אין געטאָ. זי איז גאָרנישט ענלעך צו זיין חנעוודיקער פעלעטשקע. זי בייט זיך: א רגע איז זי א סקעלעט מיט א פּאַפּירענער הויט, א רגע איז זי ווי אמאָל פּולכנע און חנעוודיק, נאָר מיט א צעשאָסענעם קאָפּ. די ריי איז פול. זיי קומען צו נענטער... נענטער...

א־א־יי!!!

די באַלעבאָסטע קומט אריינצולויפן, דורך דער אויפגעפּראַלטער טיר שלאָגט אריין טאָג ליכט.

— ס'איז גאָרנישט באַלעבאָסטע, א שלעכטער חלום.

נאָך די גרויסע רעגנס האָט די ווייסל זיך געהויבן. דאָס וואַסער

לויפט מיט שטורעם, שלאָגט מיט ווילדן געוויש אין די זיילן פון דער בריק. פעלטשאַק גייט אין דער הויך אויף דער בריק. דער גערויש פון וואַסער רופט אים. ער גייט צו צו דער באַריער און קוקט אַראָפּ. די כוואַליעס שווימען מיט רציחה, איין כוואַליע דערטרינקט די אַנדערע. עס גיט אים אַ שווינדל פאַר די אויגן, ער פליט אַראָפּ פון דער בריק, מיטן קאָפּ אַראָפּ און — — —

ניין, ער פליט נישט, ער שטייט און האַלט זיך פעסט אין דער באַר־יער. אָט, אַריבערוואַרפן די פיס און אַראָפּשפּרינגען...

ער ווייסט, ער נאַרט זיך אַליין. ער וועט נישט שפּרינגען, ער האָט נישט קיין כח דערצו... ווען עס טרעפט אים צופעליק אַ פאַרבלאָנדזשע־טע קויל... ווען, למשל, ער ווערט פאַרדאַכטיק דעם זשאַנדאַרם וואָס שטייט דאָ אויף דער וואַך און יענער לאָזט אים אַריין אַ קויל אין רוקן...

די נאַכט פאַלט צו, עס רוקט אָן די פּאָליציי־שעה. די פאַרבייגייער איילן צו די טריט, די גאַסן ווערן וואָס אַמאָל ליידיקער און שטילער. עס הערן זיך נאָר זיינע שלעפּענדיקע טריט און שווערע חוצפּהדיקע טריט פון דייטשע פּאַטרולן. ער קומט עטלעכע מאָל צו צו דער פּרעטאַ־גאַס און גייט ווידער אַוועק. ער האָט מורא פאַר זיין שטוב...

„און אַז אַ פּאַטרול וועט שיסן?"

זאָלן זיי שיסן... אפשר וועלן זיי דאָך שיסן...

— שטיין בלייבן! פון אַ זייטיקער גאַס קומט אָן אַ פּאַטרול. ער כאַפּט שנעל אַרויס די געשטאַפּאָ לעגיטימאַציע צו ווייזן, אַז ער האָט אַ רעכט צו זיין אין גאַס נאָך דער פּאָליציי שעה.

„מען האָט אייך געזוכט" — שרייט אים נאָך די באַלעבאָסטע, מיט אַ פאַרשלאָפן קול, ווען ער קומט אַהיים שפּעט ביינאַכט.

אַ מידער פאַלט ער אויף אַ שטול, אָבער באַלד שפּרינגט ער צוריק אויף. געזוכט אים? ווער? אין געשטאַפּאָ דאַרף ער זיך מעלדן ערשט מאָנטיק. קיין באַקאַנטע האָט ער נישט, טאָ ווער האָט אים געזוכט? ווילן זיי אים ווידער פירן אויף אַ קאָנפראָנטאַציע מיט איר? ניין! נאָר נישט דאָס.

ער כאַפּט דעם מאַנטל און לויפט צוריק אַרויס אין גאַס אַריין.

— .15 —

דער קאָנטער־אויסשפּיר־דינסט פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַני־זאַציע האָט שוין לאַנג געוווסט וועגן דער טעטיקייט פון אַן אַגענט נומער 837. עס איז אָבער נישט געלונגען אויפצודעקן ווער ער איז און וווּ ער וווינט. דער ערעסט פון פּאָליען, איינע פון די מוטיקסטע פאַר־בינדלערינס, האָט אויפגעטרייסלט די אָרגאַניזאַציע. אין גיכן האָט מען זיך דערוווּסט, אַז דאָס איז אויך די אַרבעט פון 837, מען האָט אָבער ווייטער נישט געוווּסט ווו דעם אַגענט צו געפינען. ווען עס זענען אָנ־געקומען ידיעות ווי מען מאַטערט פּאָליען, איז געוואָרן אַ צעמישעניש: וועט זי אויסהאַלטן? נישט מעגלעך געווען אָפּצורייניקן די אַלע „מלינהס"*) וועלכע פּאָליע האָט געקענט. ווו האָט מען דען געקענט גע־פינען אַנדערע „מלינהס", אַז אפילו פאַר שווערע טויזנטער איז שווער געווען צו געפינען אַ פּלאַץ וואָס זאָל וועלן אַריינלאָזן אַ ייד, און נישט אַלע וואָס האָבן געוואָלט אַריינלאָזן, האָבן פאַרדינט צוטרוי... זי האָט געוווּסט אויך אַ סך סודות פון דער אָרגאַניזאַציע, געקענט אַלע מענטשן, אויב זי וועט נישט אויסהאַלטן, וועט אַלץ חרוב ווערן...

עטלעכע טעג זענען אַדורך אין אומרו, אָבער קיין איין „מלינה" איז נישט „פאַרשאָטן" געוואָרן. קיין איין פאַרבינדונגס־ליניע פון דער אָרגאַניזאַציע איז נישט צעשטערט געוואָרן. וואָכן זענען אַוועק. פון פּאָ־ליען איז פאַרלוירן געוואָרן יעדער שפּור.

ווען מען האָט געמיינט, אַז פּאָליע איז שוין לאַנג טויט, איז צו דער פּוילישער אונטערערד דערגאַנגען אַ ידיעה צוגעשיקט פון פּאָליען: מען זאָל וואָרנען דעם יידישן קאָמיטעט קעגן אַ געוויסן פעלטשאַק, אַ דאָק־טאָר וואָס קריגט פון זיי שטיצע, ער איז דער אַגענט נומער 837.

דאָס איז געווען די לעצטע ידיעה פון פּאָליען. אויך „דאָרטן" האָט זי געאַרבעט „פאַר דער זאַך".

---

*) „מלינה" — אַ באַהעלטעניש פאַר אַ ייד אין דעם אַרישן שטאָט־טייל.

דאָס געריכט פון דעם „זשאָב"*), האָט אַרויסגעטראָגן אַ טויט־אורטייל אויף פעלטשאַקן. עס איז אָבער נישט לייכט געווען דעם טויט־אורטייל אויסצופירן. קיינער האָט נישט געוווּסט ווי ער זעט אויס. מ'האָט געמוזט זיין אָפּגעהיט, נישט צו מאַכן אַ טעות און דערשיסן אַן אומשולדיקן. איין מאָל זענען די שליחים פון דער אָרגאַניזאַציע אַריין אין זיין וווינונג, מען האָט אָבער נישט געטאָרט ריזיקירן נאָך אַמאָל, אפשר האָט ער זיך אָנגעשטויסן... מען האָט אָוועקגעשטעלט נעבן זיין הויז אַ־מיצן מיט אַ יידישן אויסזען. אַז ער וועט דערזען אַ יידיש פּנים, וועט ער נעמען נאָכשפּירן, וועלן דעמאָלט אַנדערע אים דערלאַנגען די קויל. אָבער דאָס האָט קיין רעזולטאַטן נישט געבראַכט. פעלטשאַק האָט מער נישט געזוכט קיין יידן און קיינעם נישט נאָכגעשפּירט.

נאָך אַ געוויסער צייט איז געלונגען צו דערגיין, אַז פעלטשאַק טראָגט אַ גרויסן מאַנטל און הויכע שטיוול, אַז ער האָט אַ לענגלעכע נאָז און אַ גרויסע כוואַליעדיקע טשופּרינע.

פון אינדערפרי אָן וואַרטן זיי אויף אים. איינער פאַר זיין הויז, אייגער נאָך זיין הויז; אָפּצושליסן פון ביידע זייטן דעם וועג צו אַנטלויפן. איינער הארט נעבן זיין הויז, אַריינצורוקן זיך אין טויער נאָכדעם ווי דער מסור וועט אַרויס און פאַרשטעלן פאַר אים דעם וועג צוריק אַריינ־צולויפן אין הויז אַריין.

ערשט שפּעט פאַרנאַכט דערנענטערט זיך אַ מאַן אין אַ גרויען מאַנטל און הויכע שטיוול. ער קומט נישט פון הויז, ער קומט גאָר פון גאַס.

איז עס ער? האָבן זיי נישט באַמערקט ווי ער איז אַרויס, אָדער ער איז נישט געשלאָפן אין דער היים?

ער קומט צו נענטער, ניין, דער זעט נישט אויס ווי אַ געשטאַפּאָ־אַגענט; דאָס פּנים פאַרוואַקסן, דער מאַנטל צעקנייטשט און שמוציק. ער גייט אָבער אין דער ריכטונג צו דעם הויז. אריה, אַ הויכער שלאַנ־

---

*) „זשאָב" — די ראשי תיבות פון „זשידאָווסקאַ אָרגאַניזאַציאַ באָיאָוואַ", יידישע קאַמפס אָרגאַניזאַציע.

קער יונגערמאַן, מיט בלויע אויגן און קליינע בלאָנדע וואָנצעלעך, דער אָנפירער פון דער גרופּע, גיט אַ צייכן צו זיין אָפּגעהיט.

— פּאַניע פּעלטשאַק! רופט אריה. דער מאַן קוקט זיך נישט אום. — פּאַניע דאָקטאָזשע: רופט אריה ווייטער. ער קוקט זיך אום, אָבער שיסן קאָן מען נאָך אַלץ נישט. דער גרויער מאַנטל און הויכע שטיוול קענען זיין אַ הוילע צופעליקייט און אויך דאָס אומקוקן זיך קאָן זיין אַ צו־פעליקייט.

אריה גייט צו צו אים.

— פּאַניע פּעלטשאַק, איר דערקענט מיך נישט?

— הם, קומט נאָר אַ האַלבער שטומער ענטפער.

פּלוצים טוט ער זיך אַ ריס און נעמט לויפן. אריה שיסט נאָך אים, אָבער עס זענען דאָ נאָך פאַרבייגייער אין גאַס און אַז ער דערוואַיטערט זיך אַביסל, טאָר מען שוין נישט שיסן. פון דער זייט פון פראַנטשיש־קאַנער־גאַס קומט אַקעגן סטאַך, אָבער פּעלטשאַק לויפט גאָר אַריין אין דער אָפענער טיר פון דער קירך. נאָכלויפן אין דער קירך אַריין טאָר מען נישט. די שאָסן האָבן אויפגערודערט די גאַס. אַז דייטשן וועלן אָנקו־מען, וועלן זיי נישט דאַרפן מער טון, ווי פאַרקלאַפּן די טיר, און מען וועט בלייבן אין אַ פּאַסטקע. אריה גיט אַ צייכן זיך צוריקצוציען. ניש־קשה, אריה וועט אים איצט שוין דערקענען, ער וועט נישט אויסמיידן דעם פּסק.

— .16 —

ער קאָן זיך נישט דערמאָנען ווי עס האָט אויסגעזען דער יונגער־מאַן, וואָס האָט אים פאַרהאַלטן. אפשר וועט די באַלעבאָסטע געדענ־קען? זיי זענען דאָך איינמאָל געווען אין שטוב.

— „איינער האָט געטראָגן נייע „אָפיצערקעס" (שטיוול מיט הויכע שטייפע באַלעווער ווי עס האָבן געטראָגן די אָפיצירן פון דער פּוילישער אַרמיי, אַזעלכע שטיוול זענען געווען אין דער מאָדע בעת דער אָקו־פּאַציע צייט), און איינער האָט גאָר געטראָגן אַלטע צעריסענע שיך".

דאָס איז געווען אַלץ וואָס די באַלעבאָסטע האָט געוואָלט אים צו זאָגן וועגן די צוויי יונגעלייט וואָס זענען געקומען אים זוכן.

— אָבער ווי האָבן זיי אויסגעזען?

— פאַניע, אויב דער פאַן וואָלט געהאַנדלט מיט געטראָגענע שיך, וואָלט ער אויך געקוקט אַלעמען אויף די פיס.

האָט טאַקע ער אויך גענומען קוקן אויף די פיס און שנעל זיך דער־וויטערט, ווען ער האָט דערזען אימיצן אין „אָפּיצערקעס", אָדער אין צעריסענע שיך.

אָט גייט אים נאָך אַ יונגערמאַן אין אָפּיצערקעס. ס'איז „יענער"! ס'איז „יענער"! ער לויפט. אויף דער אַנדערער זייט גאַס גייט אַ פּוי־לישער פּאָליציאַנט, ער לויפט אַריבער, פאַלט אַרויף אויף דעם פּאָ־ליציאַנט.

— פאַניע! פאַניע!

— וואָס איז?

— גאָרנישט.

דער יונגערמאַן אין די „אָפּיצערקעס" איז גאָר אַוועק אין אַן אַנ־דער ריכטונג.

אַהיים קען ער נישט גיין. „זיי" וואַרטן זיכער אויף אים. ער דרימלט איין ביי אַ טישל אין קאַפע, ער כאַפּט זיך אויף מיט שרעק, צי מען קוקט אויף אים. איידער ער גייט אַרויס, קוקט ער פריער אַרויס דורך אַ שפּאַרע פון דער טיר, צי מען וואַרט נישט אויף אים, ער וויל שוין אַרויסגיין, דאַכט זיך אים, עמיץ גייט אים נאָך פון דעם קאַפע־הויז.

ער נעכטיקט אין אַ קריסטלעכן הקדש אויף יאַגעלאָנסקע־גאַס. קען דען די פון „זשאָב" איינפאַלן צו זוכן אַ געשטאַפּאָ־אַגענט אין אַ הקדש? אָבער מער ווי דריי נעכט לאָזט מען דאָרט נישט נעכטיקן און אָט איז שוין ווידער נאַכט... און די פיס טראָגן שוין נישט... ער וואָלט באַדאַרפט דינגען אַ נייע דירה, אָבער דערויף האָט ער שוין נישט קיין געלט, נאָך פּאַראַ אַ ביסל קליינגעלט אין קעשענע. נאָך דאָ אויף עטלעכע טעג עסן, און דאָס לאָזט זיך אויך אויס. ער קען האָבן געלט, נאָך דעמאָלט, נאָך דער קאָנפראָנטאַציע מיט איר, האָט מען אים אין געשטאַפּאָ געגעבן אַ

צעטל צו דער קאַסע אויף אַ היפּשער סומע, אָבער ער איז אַנטלאָפֿן אַהיים און דאָס געלט נישט אָפּגענומען, עס איז די באַלויגונג פֿאַרן מסרן זי... פֿאַרן מסרן דעם בלוטיקן קאַלטן...

יאָ, זע נאָר: אינגאַנצן געהאַט פֿאַרגעסן אין דעם בלוטיקן קאַלטן, אַבי איינגערעדט זיך, אַז דאָס וועט קיינמאָל נישט אָפּטרעטן. ער האָט דאָך געוואָלט שטאַרבן, אָט איז דער טויט אַליין אים אַקעגן געקומען, פֿאַרוואָס איז ער אַנטלאָפֿן? און וווּ איז דער בלוטיקער קאַלטן שוין ווידער פֿאַרשוווּנדן? שוין פֿאַרגעסן?

ער רופֿט אַרויס אין זיך דאָס גאַנצע בילד דאָרטן אין קעלער: אויף דער ערד ליגט אַ טונקעלער קנויל, מען פֿרעגט אים, ער ענטפֿערט: „יאָ". פֿון קנויל נעמט זיך אויפֿהויבן — — —

אָפּיצערקעס! עס קומט אים אַקעגן אימעץ אין אָפּיצערקעס! ער דרייט זיך שנעל אַריין אין אַ זייטיקער גאַס, ער האָט מורא זיך אומצוקוקן. זאָל ער לויפֿן? יענער וועט נאָכשיסן. ס'וועט אים טרעפֿן...

ער וועט לויפֿן, גיין פּאַמעלעך איז ערגער. עס וועט אים טרעפֿן אין אַ פֿוס, אין אַ האַנט, ער וועט פֿאַלן אַ באַגאָסענער מיט בלוט...

פֿאַר זיי וועט עס זיין ווייניק! זיי וועלן אים דעריאָגן, אַריינשיסן נאָך עטלעכע קוילן. קיין רחמנות איז ביי זיי, ביי די קאַמפּס־מענטשן, נישטאָ...

דייטשן וועלן אָנקומען. „זיי" וועלן מוזן אַנטלויפֿן, ער וועט זיין נאָר פֿאַרווּנדיקט, נישט מער... מען וועט אים נעמען אין שפּיטאָל אַריין...

ס'איז אַ שטיל געסל. ער הערט נישט קיין טריט הינטער זיך. ער דרייט זיך אום, קיינער נישטאָ אויף דער גאַס.

אַנטקעגן דעם וואָס ער האָט געטראַכט, אַז די דייטשן וועלן אים נעמען אין שפּיטאָל אַריין, איז עס לעבערלעך. זיי וועלן זיך גיין שפּילן מיט אים. פֿאַרווּנדיקט און טויג נישט צו דער אַרבעט? וועלן זיי אים צוגעבן אַ פּאָר קוילן... אַלע, אַלע האָבן זיך אָנגעזעצט אויף זיין לעבן... ער וועט זיך נישט לאָזן! ער וועט אָפּנעמען אין געשטאַפּאָ דאָס געלט, ער וועט דינגען אַ נייע דירה. נישט דרייען זיך אין די גאַסן ווו אַלץ האָט זיך אָנגעזעצט אויף אים, ווו מען לויערט אויף אים פֿון יעדן ווינקל.

ער גייט נאָך נישט... ער נעמט נאָך נישט... אָבער אפילו ווען ער זאָל וועלן, קאָן ער דען איצט גיין? שוין לאַנג געדאַרפט דאָרט זיין, עפּעס „ברענגען" און אַז ער וועט קומען מיט גאָרנישט און זיי וועלן זען ווי ער זעט אויס... וועט בראַנד זאָגן: שיים! און — — —

אָט די אַלטיטשקע, וואָס קומט אים אַקעגן... די נאָז... די אמתע צעהויקערטע יידישע נאָז... וווהין גייט זי דאָס? אינטערעסאַנט וווהין זי גייט...

ס'איז אַ שפּיצל! אַ שפּיצל פון „יענער חברה". ס'איז די אַרבעט פון יענעם אין די שטיוול, וואָס ער האָט געטראָפן. זיי ווילן, אַז ער זאָל נאָכשפּירן, נאָכגיין און אַזוי אַרום אַריינאַרן אים אין אַ ווינקל וואָס איז פאַר זיי באַקוועם. ס'איז אַ שפּיצל...

ווידער דערנענטערט זיך דער אָוונט. ווו טוט מען זיך אַהין, אַהיים גיין — נישט. אין גאַס קאָן ער זיך אויך שוין מער נישט דרייען נאָך דער פּאָליציי־שעה, די לעגיטימאַציע פון געשטאַפּאָ איז נישט באַנייט געוואָרן, נישט אָפּגעשטעמפּלט. זיי זוכן אים שוין מסתמא, ער איז דאָך שוין לאַנג נישט געווען אין דער היים. זיי זענען שוין זיכער דאָרט געווען.

טאָ ווי טוט מען זיך אַהין?

ער האָט ווידער אַמאָל איבערגענעכטיקט אַ נאַכט אין הקדש, מען האָט אים געגעבן אַ געלעגער, ער האָט שוין ווידער אַ מעגלעכקייט צו שלאָפן דאָרט דריי נעכט, אָבער ער וועט מער נישט גיין אַהין. דער באַאַמטער האָט אים אַזוי מאָדנע אָנגעקוקט... דאָרטן האָט מען זיך געקענט באַהאַלטן פאַרן „זשאָב", אָבער נישט פאַר די דייטשן, זיי האָבן אויף אַלעם אַן אויג...

איצט איז שוין גאָרנישט מעגלעך צו גיין אין גאַס. אַלע גאַסן זענען פול מיט מונדירטע דייטשן און אומכונדירטע דייטשע שפּיאָנען. אַלע גאַסן זענען פול מיט יונגעלייט וואָס טראָגן „אַפּיצערקעס" און וואָס טראָגן אַלטע צעריסענע שיך... די ווילן אים דערהרגענען פאַר נישט „ברענגען", און די אַנדערע ווילן אים דערהרגענען פאַר יאָ „ברענגען".

די גאַנצע וועלט האָט זיך אָנגעזעצט אויף אים... „די" און „די" אַלע ווילן אים הרגענען, וואָס וויל מען פון אים, וואָס?

עס ווערט אים אַזאַ רחמנות אויף זיך, ער מוז זיך מיט עפּעס טרייסטן... „אַ פּערציקסטל" (אַ פערטל ליטער בראַנפן) בעט ער אַריינ־קומענדיק אין שענק. ער ציילט איבער וויפל געלט ער האָט נאָך, — „אַ האַלבן ליטער גיט מיר".

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ער כאַפּט זיך אויף פאַרטאָג און דערזעט זיך אין זיין שטוב, אויף זיין בעט. „דרויסן וואַרט מען שוין אויף מיר", טראַכט ער גלייכגילטיק און דרייט זיך אויס מיטן פּנים צו דער וואַנט.

„ווער וועט מיך פריער פּאַקן?" קומט אויף אין אים אַ קאַלטע גלייכגילטיקע נייגעריקייט, ווי עס וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן אימיצן אַנדערש. אפשר וואַרטן דאָרט ביידע? אפשר וועלן ביידע שיסן צוזאַ־מען? דאָס וואָלט געווען אַ שיינע מעשה...

זיצן אין שטוב און וואַרטן אויף געשטאַפּאָ? עט, זאָלן אים בעסער כאַפּן די יונגעלייטלעך, זאָלן זיי הנאה האָבן. ער גייט אַראָפּ צו זיי.

עס איז קיינער נישטאָ לעבן זיין הויז, נישט צו זען קיין מענטשן אין גאַס, ס'איז נאָך גאַנץ פרי, אַ דייטשישער פּאַטרול היט די קערבעדזש־בריק.

ווען זיי אים פאַרהאַלטן?

זיי פאַרהאַלטן אים נישט.

אויף דער טאַרגאָווע גאַס, אין פּראַגע איז שוין לעבעדיקער, מענטשן איילן צו דער אַרבעט. ווי לייכט עס איז צו גיין איבער דער גאַס, ווען מען איז גלייכגילטיק צו אַלץ און מען האָט מער פאַר גאָרנישט קיין מורא...

ער איז שוין ווייט הינטער דער שטאָט. אונטער די קליינע הייזלעך אויף דער גראָכאָווסקע גאַס גרינען זיך פעלדער און גערטנער. דער האָ־ריזאָנט איז אַזאַ ברייטער, העט ווייט, ווייט, לענט זיך דער הימל אָן אויף אַ גרינעם אַקסל פון דער ערד.

און אויף אַט דער גרויסער ליכטיקער וועלט, איז אים אַזוי ענג...

שפּירט מען אים נאָך? און אַז יאָ? אים איז שוין אַלץ איינס. מען וועט אים כאַפּן און פירן צו בראַנדן? מען וועט אים סייווי אַ ליאַדע טאָג כאַפּן און ברענגען צו בראַנדן, אָדער דער „זשאַב" וועט אים פריער דער־שיסן.

ער קוקט זיך אום, באַקוקט יעטוועדן דורכגייער: ווער פון זיי איז דער, וואָס האַלט אים אויפן אויג?

ער גייט אַריין אין אַ געוועלבל, מכלומרשט טרינקען סאָדע־וואַסער. איידער ער גייט אַרויס, קוקט ער אַרויס דורכן פענצטער, ער זעט גאָר־נישט. אויך נאָכן אַרויסקומען אין גאַס אַריין, באַמערקט ער נישט עס זאָל זיך אימיץ מיט אים אינטערעסירן. גאָט מיינער! איז עס מעגלעך? אַזוי לאַנג געפּייניקט געוואָרן, מורא געהאַט זיך צו רירן פון אָרט, און דאָ אַזוי פּלוצלינג, אַזוי אומגעריכט אַרויסגעדרייט זיך פון זיינע נעצן?

ניין, עס איז נישט מעגלעך! בראַנד שפּילט זיך מיט אים ווי אַ קאַץ מיט אַ מויז. באַלד וועט, ווי פון אונטער דער ערד, אויסוואַקסן איינער פון זיי, אים כאַפּן, פירן צו בראַנדן, און בראַנד וועט, ווי שטענדיק, שמייכלען.

אפשר פּרובירן זיך אַריינכאַפּן אין דער קאַלייקע (קליין־באַן), וואָס פאָרט קיין אָטוואָצק?

ער ציילט איבער דאָס געלט. ער האָט אויף הוצאות נאָר ביז יוזע־פאָוו, וועט ער צוויי סטאַציעס, — ביז אָטוואָצק, צוגיין צופוס.

די קאַלייקע איז אָנגעפּראָפּט מיט פּאַסאַזשירן. קוים וואָס ער שטופּט זיך אַריין, ער בלייבט הענגען צוזאַמענגעקוועטשט מיט שמוגלערס און מאַרק־הענדלער. זאָלן זיי נאָר נישט דערפילן ווי עס ציטערן אים הענט און פיס. מאָדנע ווען ער איז אַרויס פון שטוב, איז ער געווען אַזוי רואיק. וואָס איז איצט מיט אים געשען? איז עס דאָס שטיקעלע האָפע־נונג צו קענען אַנטלויפן? נאַרישקייטן! מען קען נישט אַנטלויפן פון בראַנדן. אויב אפילו מען שפּירט אים נישט נאָך, וועלן די פּאַליאַקן דער־קענען אין אים אַ ייד און אים אויסגעבן.

וואָס טראַכטן טאָקע וועגן אים די שכנים אין וואַגאָן? ער שטייט

הינטער א דיקער הויכער פויערטע, קאַרטשעט ער זיך איין, ער זאָל זיין אינגאנצן פארשטעלט. פון איבער איר אַקסל כאַפּט ער א קוק אויף די פּאסאזשירן אַרום אים. — די שמוגלערס קוקן אפילו נישט אויף אים, זיי זענען פארטון אין א שמועס וועגן די פּרייזן אויף פּוטער און אייער. זיי רעדן הויך איבערצושרייען דאָס געקלאַפּ פון די רעדער, זייערע הויכע קולות פארשרייען אביסל זיין שרעק. אפשר וועט עס דאָך געלונגען. מען גערענקט שוין נישט קיין יידן, קיינער וועט נישט באַמערקן זיין יידיש אויסזען.

וואָס וועט שוין זיין, אז ער וועט אָנקומען קיין אָטוואָצק?

זאָל ער נאָר בשלום אָנקומען אהין. וועט ער שוין עפּעס צוטראַכטן.

די קאַלייקע דערנענטערט זיך צו פאלעניץ, נאָך איין סטאַנציע צו יוזעפאָוו. און די רייזע מיט דער קאַלייקע וועט זיין געענדיקט. אפשר וועט עס שוין אַדורכגיין בשלום.

די יואָס שטייען ביים פענצטער שרייען זיך עפּעס איבער מיט אי־מיצן אין דרויסן, עס ווערט אַ מהומה. מען וואַרפט אַרויס פּעקלעך דורך די טירן און פענצטער, מען שפּרינגט אַרויס פונעם לויפנדיקן צוג.

— וואָס איז געשען?

קיינער האָט נישט קיין צייט צו ענטפערן. מען שטופּט זיך צו די טירן און פענצטער צו קענען וואָס שנעלער אַרויסוואַרפן די פּעקלעך און אַרויסשפּרינגען. עפּעס אַן אַלטיטשקער זיצט ווייטער אויף דער באַנק. פעלטשאַק פרעגט ביי אים: וואָס איז געשען?

— זשאַנדאַרן וואַרטן אָפּ דעם צוג אין פּאלעניץ אויף דער סטאַציע, ענטפערט דער אַלטער.

פעלטשאַק נעמט זיך אויך שטופּן, ער איז שוין אין דער אָפענער טיר. די קאַלייקע לויפט פאַראויס, די ביימער, די טעלעפאָן־סלופּעס אויפן וועג, שפּרינגען פארביי, לויפן אויף צוריק, ווי זיי וואָלטן אויך אַנטלאָפן פון דער געפאַר וואָס וואַרט דאָרט פאָראויס... ער שפּאַנט זיך אָן א שפּרינג צו טון און בלייבט שטיין. „איך וועל אַרונטערפאַלן אונטער די רעדער". ער זעט שוין דאָס בילד ווי מען שלעפּט אים אַפּויר פון אונטער די רעדער א צעבלוטיקטן, א צעשניטענעם.

— וואָס האָסטו זיך, צו אַלדי כאָליערעס, אוועקגעשטעלט און שטייסט?!

אימיץ כאַפּט אים אָן פאַרן קאַרק, שלעפּט אים אַוועק פון דער טיר. אַנדערע שפּרינגען אַרויס. אין וואַגאָן ווערט אַלץ לויזער... לויזער. ביי דער טיר — אַלץ ענגער, ענגער.

ער פאַלט אויף אַ באַנק. מיטן טאַקט פון דעם רעדער־געקלאַפּ קלאַפּט עס אויס אין אים: „דאָס ווארט מען אויף מיר", „אויף מיר", „אויף מיר", „דאָס ווארט מען אויף מיר".

עס הילכן איבער די וואַגאָנעס זעלנערישע טריט. ער הערט עס, ווי מען הערט אין האַלב־שלאָף דאָס קלינגען פון אַ ווייטן טורעם־זייגער. די דייטשן קומען אַריין אין דעם וואַגאָן, ווו ער זיצט. זיי נישטערן אויף די פּאָליצעס, אונטער די בענק, זיי שרייען, זידלען. צו פעלטשאַקן דערגייט נישט דער זין פון זייערע רייד. די געשרייען הילכן אָפּ אין זיינע אויערן ווי דאָס בילן פון אַ סטאַדע הינט: האַו, האַו.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

די קאַלייקע לויפט ווידער צווישן וואַלד און פעלד. „יוזעפּאָוו! יוזעפּאָוו!" — רופט אויס דער קאָנדוקטאָר, ווען די קאַלייקע פאַרהאַלט זיך ווידער. פעלטשאַק שפּרינגט אויף און באַווייזט קוים אַרויסצולויפן פון דער קאַלייקע, איידער זי רירט אין ווייטערן וועג אַריין.

פעלטשאַק ווישט זיך די אויגן, וואָס איז דאָ געשען?

גאַנץ פּשוט: געוועזן אַן אַבלאַווע אויף שמוגלערס, די דייטשן האָבן שוין געוווּסט, אַז די שמוגלערס זענען אַנטלאָפן אויפן וועג. זיי האָבן נאָר געזוכט געבליבענע שמוגל־סחורה און האָבן קיינעם נישט געטשעפּעט.

פון יוזעפּאָוו ביז אָטוואָצק איז נישט ווייט, מען קען דעם גאַנצן וועג גיין דורך וועלדער. ער האָט זיך אַרויסגעדרייט! ער איז געראַטעוועט!

אויפן מאַרק אין אָטוואָצק טוישט ער איין זיינע כמעט נייע „אָפּיצערקעס" אויף אַ פּאָר אַלטע שיך. דער הענדלער וויל אים געבן 400 זלאָטעס. עס איז ווערט מינדעסטנס טויזנט זלאָטעס, ער איז פונדעסטוועגן גרייט צו נעמען וויפל מען גיט אים, ער פאַרשטייט אָבער, אַז דערמיט

וועט ער ארויסרופן א חשד צו זיך: מיט אזא אויסזען און נעמט וואס מען גיט אים — איז עס א ייד. ער דינגט זיך און באקומט 800 זלאָ־טעס. ער קויפט א ברויט און א שטיק חזיר־ווורשט „קראַיאַנקע", כאַפּט עטלעכע בים און גייט אריין אין א ראַזיר־אַנשטאַלט, ער האָט שוין פאר־טיק א גאַנצן פּלאַן, אָבער בכדי זיך צו לאָזן אין וועג אריין מוז ער אויס־זען לייטיש...

לעבן שעדלעץ וווינט א פּויער, וואָס איז אמאָל געקומען צו אים מיט א שווער־קראַנק קינד, ער האָט דאָס קינד אויסגעהיילט. ער האָט דעמאָלט א סך געשטעלט אויף זיך. אַלע דאָקטוירים האָבן דעם קינד אָפּגעזאָגט דאָס לעבן, ער האָט ריזיקירט און עס איז אים געלונגען. יע־דעס מאָל, ווען דער פּויער איז געקומען קיין וואַרשע, האָט ער מיטגע־ברענגט פאַר דעם „פּאַן דאָקטאָר" די שענסטע הינער, פרישע אייער. איצט פאָרט ער צו דעם פּויער.

ער איז בשלום אָנגעקומען. דער וועג איז אדורך אָן אָבלאַוועס. דער פּויער נעמט אים אויף פריינטלעך, אָבער האַלטן אים קען ער נישט. „די דייטשן מאַכן דאָ אָבלאַוועס זייער אָפט. דער „פּאַן־דאָקטאָר" וועט אומ־קומען, מיר אַלע אויך. נישט ווייט פון דאַנען, אין די פאַרטשעווער וועל־דער געפינען זיך פיל „אייעריקע", כ'האָב א ברודער אין יענער געגנט, דערציילט ער, אז זיי קומען נאָך עסנוואַרג, זאָל דער „פּאַן־דאָקטאָר" גיין צו זיי, ס'קענען דאָרט זיין מענטשן וואָס קענען אים".

ס'קענען דאָרטן זיין מענטשן אויך פון „זשאַב" וואָס קענען אים... אָבער דער פּויער וויל אים נישט האַלטן און צוריק פאָרן קיין וואַרשע? ניין, נאָר נישט דאָס!

דער פּויער איז ענדלעך מסכים אַליין אים אוועקצופירן צו זיין ברו־דער.

— 17. —

ווען ער גייט מיט די פאַרטיזאַנער, דערמאָנט ער זיך, אז ער האָט נאָך אין קעשענע די לעגיטימאַציע פון געשטאַפּאָ. ווי דאָס אומגליק יאָגט

אים נאָך און דעריאָגט אים אומעטום. אַ געחתמעטער גורל! זיי וועלן אים באַזוכן, צו אַ „גייעם" האָט מען נישט באַלד קיין צוטרוי. זיי וועלן געפינען די לעגיטימאַציע, ער איז אַ פאַרפאַלענער!

— מיין ריכטיקער נאָמען איז איגנאַצי ליבענשטיין, דאָקטאָר איגנאַצי ליבענשטיין פון פּאָזנאַנסקע גאַס.

ער האָט געהאַט באַשלאָסן אויך דאָ נישט אויסצוגעבן זיין ריכטיקן נאָמען. טאָמער ווייסט דער „זשאָב", ווער ער איז, אָבער ער מוז גלייך געווינען זייער צוטרוי, אפשר ווייסן זיי זיין נאָמען פון פאַר דער מלחמה, ער איז געווען אַ באַקאַנטער דאָקטאָר.

די באַגלייטער זיינע שווייגן, אפשר האָט מען אים געזוכט נאָך זיין פאַרשווונדן ווערן? אפשר האָט מען געוואָרנט די פּאַרטיזאַנער, מען זאָל זיך היטן פון אים? ס'קען זיין, אַז ער גייט צום טויט אין פּיסק אריין, איצטער נאָכדעם ווי עס איז אים געלונגען ארויסצוראַטעווען זיך פון דעם וואַרשעווער גיהנום, גראָד איצט...

— ווו האָט איר זיך אויסבאַהאַלטן ביז איצט?

אהא, זיי ווייסן... די אויספאָרשונג הייבט זיך אָן.

ער שטעקט אריין די רעכטע האַנט אין די הויזן־קעשענע און אַזוי ווי ער גייט צופּט ער דערווייל מיט די נעגל שטיקלעך פון דער לעגיטימאַציע, קליינע פּיצעלעך, עס זאָל נישט מעגלעך זיין עפּעס איבערצולייענען. ער בלייבט אויף אַ ווייל הינטערשטעליק און שיט ארויס אַביסל פון דעם צעצופּטן פּאַפּיר. זיי זענען נישט אַזעלכע געניטע אויספאָרשער ווי די געשטאַפּאָ. אויב זיי האָבן ווייט צו גיין, וועט ער אפשר באַווייזן צו צערייסן און צעשפּרייטן די שטיקלעך פון דער גאַנצער לעגיטימאַציע.

— וואָס גראַבלסטו דאָרט אין קעשענע?

די קניען גיבן זיך אַ בראָך אונטער אים. ער עפנט די ליפּן עפּעס צו ענטפערן, אָבער אין קאָפּ איז אַ צעמישעניש און בהלה, ער קען נישט צוזאַמענקלייבן קיין צוויי ווערטער.

— חבר, דו קראַצסט זיך אויך? איך האָב געמיינט אַז די „אריער", (די וואָס באַהאַלטן זיך אויס ווי אריער), לעבן זיך ווי די פּריצים.

עס וועט אים מיטאַמאָל אַזוי לייכט, זיי זענען אים גאָרנישט

חושד, זיי מיינען אַז ער קראַצט זיך דורך דער קעשענע.

— איך וואַלגער זיך אַרום שוין אַ לאַנגע צייט, האָט געגומען בייסן.

ווען זיי קומען אַריין טיפער אין וואַלד, ווערן די פּאַרטיזאַנער באַ־ריידעוודיקער, פרעגן זיך אויס וועגן וואַרשע, ווי די שטאָט זעט אויס, צי עס זענען באַהאַלטן אַ סך יידן, דער טאָן איז אַ פריינטלעכער, נעמט ער זיך ווייטער „קראַצן", ביז ער צערייסט און וואַרפט אַוועק דאָס לעצ־טע פּיצל פון דער לעגיטמאַציע 837.

— 18 —

עס ווירקט אפשר אויך דער נאָמען... דאָס וואָס אַלע דאָ קענען אים ווי דעם דאָקטאָר איגנאַצי ליבענשטיין... ער נעמט זיך פילן ווי ע ר, ווי דר. ליבענשטיין פון פּאָזנאַנסקע־גאַס. אין די ערשטע עטלע־כע טעג איז ער נאָך אַרומגעגאַנגען אַביסל צעמישט, אָבער ער קומט צו זיך.

איגנאַצי איז אַ שווערער נאָמען, שווער אים צו פּאַרקירצן עס זאָל עפּעס האָבן אַ טעם: איגני? נישט קיין נאָמען פאַר אַ פּאַרטיזאַנער, רופט מען אים: דאָקטאָר, עס איז לייכטער און פשוטער. פאַר דעם דאָקטאָר האָט עס אַ גרויסן באַטייט... ער פילט זיך ווי אין אַ ווייסן דאָקטערישן קיטל, כאָטש ער טראָגט נישט אַזעלכן. ער געוווינט זיך שנעל צו צום פּאַרטיזאַנער לשון. אַז אַ חברהמאַן קומט צו און זאָגט: „דאָקטאָר, אַ רוח אין דיין פּופּיק אַריין, קענסט נישט געפינען עפּעס אַ דרעקישע זאַלב, וואָס זאָל מיר אויסהיילן אָט די צרעתדיקע מכה? איז עס פאַר אים פּונקט אַזוי פשוט, ווי ווען מען האָט אים אַמאָל געזאָגט: „פּאַניע דאָקטאָזשע, דער פאַן דאָקטאָר זאָל זיין אַזוי פריינטלעך". פאַן דאָקטאָר אַהין, פאַן דאָקטאָר אַהער — פאַלשע חניפה. דאָ ליגט באַהאַלטן אַ פשוטקייט און האַרציקייט אונטער די גראָבע רייד און עס איז געגוג דאָס איינע וואָרט „דאָקטאָר" אים אַריינצופירן אין זיין ראָל.

און פּונקט ווי אַמאָל אין דעם שפּיטאָל, ווו ער האָט געאַרבעט, נעמט זר אויך דאָ איינפירן אויסבעסערונגען. מען בויט אויס אַ ספּעציעלע

„זשעמליאַנקע" (אונטערערדישע הייל) פאַר קראַנקע. ער שלעפּט צוזאַ־מען ביסלעך מעדיקאַמענטן פון שכנישע אַפּטייקן. צוערשט נעמט ער אויף אַ קאַמף קעגן די ווערים און קעגן די פאַרשידענע אויסשיטן וואָס כמעט אַלע פּאַרטיזאַנער האָבן. אין אָנהויב לאַכט מען פון אים. ווי איז מעגלעך אויסצוראָטן ווערים אין אַ „זשעמליאַנקע", אַז מען איז שטענ־דיק פול מיט זאַמד. ווען דער קאָמענדאַנט ווערט פּטור פון זיינע קרעץ, נעמט ער זיך מער צוהערן צום דאָקטאָר. ווער עס גייט אויף אַן „אַקציע", ברענגט צוזאַמען מיט די שפּייז אויך וועש, מען וואַשט די וועש, מען קאָכט זי אויס. עס דויערט אַביסל צייט און עס הערט אויף בייסן. גע־שווירן און וווּנדן, וואָס האָבן חדשים לאַנג געאייטערט, פאַרהיילן זיך.

געווען אפילו אַזעלכע, וואָס האָבן פריער זיך געבונטעוועט קעגן דאָקטאָר. עס איז ווייט צו אַ טייך, אַז עס האָט אַ צייט נישט גערעגנט, האָט מען קילאָמעטערס־ווייט געמוזט שלעפּן דאָס וואַסער און דער דאָק־טאָר פאַרשווענדט עס. וואַשן זיך איז געוואָרן אַ מוז, אַ באַפעל פון דער קאָמענדאַנטור און אַלץ דערפאַר, וואָס דער דאָקטאָר האָט דעם קאָמענ־דאַנט אויסגעהיילט אַן אַלטע מכה אויף אַזאַ נישט באַקוועם אָרט...

די טענות ווערן שנעל איינגעשטילט. אַלע דערפילן, עס איז גרינגער געוואָרן מיט דעם דאָקטאָרס נייע „פּאָזשאָנדקעס".

צו האָבן אַ דאָקטאָר, — אָט די ברכה דערפילט מען ערשט ווען עס ווערט אימיץ פאַרוווּנדעט.

פריער פלעגט מען באַפאַלן אַ דאָקטאָר, צווינגען אים צו געבן הילף אויפן אָרט. דעם פאַרוווּנדעטן האָט מען מיטגענומען מיט זיך אין וואַלד אַריין. ווען מען האָט געמוזט האָבן דעם דאָקטאָר אין וואַלד, האָט מען אים פאַרבונדן די אויגן און אַוועקגעשלעפּט אין לאַגער אַריין, ער זאָל דאָרט געבן הילף. ביידע פאַלן זענען געווען פאַרבונדן מיט געפאַרן און ווי האָט, מישטיינס געזאָגט, אויסגעזען די הילף, אַז מען האָט געמוזט שטיין איבער דעם דאָקטאָר מיט אַ רעוואָלווער אין האַנט. איצט האָט מען, מען קען זאָגן, אַ שפּיטאָל. פון אַלע שכנישע פּאַרטיזאַנער גרופּן ברענגט מען צו פירן קראַנקע, דעם דאָקטאָר פירט מען טיילמאָל אַרויס אין אַנדערע לאַגערן אַריין. דער דאָקטאָר ווערט שנעל באַליבט ביי אַלע

פּאַרטיזאַנער. צום יום־טוב פון ערשטן מאַי, ווען מען דעקאָרירט מיט אויסצייכענונגען אַלע, וואָס האָבן אַרויסגעוויזן העלדישקייט, באַקומט דער דאָקטאָר אויך אַן אויסצייכענונג.

ווען דער קאָמאַנדיר שפּיליעט צו דעם מעדאַל צו זיין ברוסט, שטייט ער ווי פאַרשטיינערט.

באַלד נאָך דעם פּאַראַד מאַכט מען אַ הוליאַנקע. ווען מען וויל בעתן טרינקען ווינטשן דעם דאָקטאָר, זעט מען, אַז ער איז נישטאָ. ערשט אין אָוונט קומט ער צוריק אין לאַגער אַריין. אויף זיין ברוסט איז נישטאָ דער מעדאַל. ער וויל אים אָנטון נאָר ביי אַ פּאַראַד, פאַרענטפערט זיך דער דאָקטאָר.

מען ציט צו דעם דאָקטאָר צו דער אָנפירערשאַפט פון דער גרופּע. ער מישט זיך זעלטן אַריין, אַכיבע עס האַנדלט זיך וועגן סאַניטאַרע ענינים. מען האָט פריער גאָרנישט געוווסט וויפל דערלייכטערונג עס קען קומען פון די אַלע קליניקייטן. דאָס „שפּיטאָל" איז געוואָרן דער רום און שטאָלץ פון דער גרופּע.

דער דאָקטאָר נוצט נישט אויס קיין שום כיבודים און זכותים פון דעם געהערן צו דער אָנפירערשאַפט. נוצט נישט אויס אפילו דעם זכות פון באַקומען אַ גרעסערן חלק „וואָדקע". ער נעמט אפילו נישט אָפּ זיין נאָרמאַלן חלק. אמת, ער האָט צו זיין דיספּאָזיציע אין „שפּיטאָל" אמתן ריינעם שפּירט, אָבער מען זעט אים קיינמאָל נישט אַ שיכורן און מען פילט קיינמאָל נישט קיין בראָנפן פון זיין מויל. נאָר זעלטן, גאַנץ זעלטן, טרעפט, אַז נאָך שעהען אַרומגיין אַ פאַרטראַכטער, קומט ער צום באַ־שפּייזונגס־אָפיציר און בעט בראָנפן. ער גייט אַוועק מיט דער פלאַש ווייט פון די זשעמליאַנקעס און טיילמאָל קומט ער צוריק ערשט צו־מאָרגנס מיט וואַקלדיקע טריט, רויטע — טיף אונטערגעהאַקטע אויגן.

געוועזן אַ פאַל ווען ער איז געקומען צום באַשפּייזונגס־אָפיציר בעטן בראָנפן און עס איז נישט געווען. די לעצטע אַקציע איז נישט גע־לונגען און אַלע פּאַרטיזאַנער האָבן געבענקט נאָך אַ „שלוק" מער ווי נאָך אַ שטיקל פלייש, וואָס האָט אויך אויסגעפעלט. דער באַשפּייזונגס־אָפי־ציר האָט נאָכגעקוקט דעם דאָקטאָר. ער איז זיכער געווען, אַז דער דאָק־

טאָר וועט נעמען פון זיין מעדיצינישן שפּירט, וועט ער דאַן אויך בעטן אַביסל. אָבער דער דאָקטאָר איז אוועק אין וואַלד אריין אָן אַ טרונק. דער באַשפּייזונגס־אָפיציר האָט עס איבערדערציילט פאַר אַנדערע, און אַלע האָבן עס געהאַלטן פאַר אַ גרויסער גבורה. די איינציקע זאַך, ביי וועלכער מען האָט נישט געקענט דערהאַלטן קיין דיסציפּלין, איז געווען דאָס טרינקען... מען האָט געטרונקען אין מיטן פון די אַקציעס, מען האָט געגנבעט בראָנפן פון מאַגאַזין, און דער דאָקטאָר, האָט ביי זיך שפּירט און רירט אים נישט אָן אפילו, ווען ער קריגט די „מעלאַנכאָליע", ווי מען רופט אין דער גרופּע דאָס אַריינפאַלן פון צייט צו צייט אין מרה שחורה.

— היי, דאָקטאָר, וואָס האָסטו מאַמע־ווייען צי קינדער־ווייען?

דער דאָקטאָר פאַרשטייט נישט, דער פּאַרטיזאַן פאַרטייטשט אים: מען גיט זיך אַ דערמאָן... און טיילמאָל גיט עס אַזאַ כאַפּ אָן, אַז די קיש־קעס דרייען זיך איבער... איך האָב קינדער־ווייען: אַ יינגעלע פון פינף יאָר און אַ מיידעלע פון דריי. אַ יונג זאָג איך דיר... און די קליינע מיט די זיסע אויגאַנעס... אַלץ אין טרעבלינקע. עך ברודער, ברודער...

ווען זיי וואָלטן געוווסט וואָס עס זענען מיינע „ווייען", האָט דער דאָקטאָר אַ טראַכט געטון.

— .19 —

אַ לץ האָט געמאַכט אַ שפּאַס, אַז דער דאָקטאָר דאַרף טיילן זיין מעדאַל מיט דער גאַסן־פּרוי, וואָס האָט אָנגעשטעקט מיט אַ מיאוסער קרענק איינעם פון די הויכע „שישקעס" אין דער פּאַרטיזאַנער קאָמענ־דאַנטור, ווייל דאָס אויסהיילן אים פון דער קרענק האָט מיטגעווירקט, דער דאָקטאָר זאָל קריגן דעם מעדאַל. דער דאָקטאָר האָט אויך געלאַכט ווען מען האָט עס אים דערציילט. ער האָט געוווסט אַז מען מיינט נישט קיין בייז, מען חכמעט זיך, ווייל מען וויל אַביסל לאַכן. אָבער ס'איז דאָך פאַראַן אַ שטיקל אמת אין דעם וויץ; וואָס פאַראַ גבורה איז דען צו פאַרבינדן אַ וווּנד? — אַזאַ גבורה ווי מאַכן אַ קאָנע. ער מוז באַווייזן,

אז ער קאָן אויך זיין מוטיק. — האָט ער געקראָגן אַ מעדאַל, מוז ער באַווייזן, אַז ער איז אים ווערט...

ווען־מען באַווייזן? אפשר וויל ער אויך זיך באַווייזן, אַז ער איז ווערט דעם מעדאַל?

און ערגעץ אין דעם וואַלד וואַלגערן זיך נאָך שטיקלעך פון זיין צע־פּיצלטער געשטאַפּאָ־לעגיטימאַציע...

יאָ, ער וועט אויך זיך באַווייזן. ער וועט אויסקויפן זיין זינד, ער וועט זיין נאָך בעסער פון אַנדערע, ער וועט טאַקע אויך זיך באַווייזן, אַז אין דעם דאָזיקן מצב, קען ער זיין ווי אַלע דאָ — אַ פּאַרטיזאַן. ער וועט קעמפן, ער וועט גיין אין געפאַרן, ער וועט — — — .

— אַלזאָ דאָקטאָר, היינט קענסטו מיטגיין, ווענדט זיך צו אים דער קאָמענדאַנט.

דער קאָמענדאַנט בלייבט שטיין וואַרטנדיק. דער דאָקטאָר האָט אים שוין אַזוי־פיל מאָל געבעטן, ער זאָל אים שיקן צו אַן אַקציע, האָט ער אים איצט געמאַכט אַן איבערראַשונג און דערוואַרט, אַז דער דאָקטאָר וועט זיך זייער פרייען, וועט אים באַדאַנקען. אָבער דער דאָקטאָר ענט־פערט נאָר איין וואָרט: גוט.

— גיי צום מאַגאַזין, וועסטו באַקומען געווער.

דער דאָקטאָר גיט אַ שטומען שאָקל מיטן קאָפּ און גייט אַוועק צום געווער מאַגאַזין. ניין, ביים שניידן יענעמס פלייש מיט אַ כירורגישן מע־סער, קלאַפּט נישט אַזוי דאָס האַרץ ווי איצט ווען ער דאַרף נעמען אַ ביקס און גיין קעמפן. אַ פּחדן, בלייבט אַ פּחדן אפילו צווישן פּאַרטיזאַ־נער. זאָל נאָר קיינער נישט באַמערקן ווי ער ציטערט...

דער קאָמענדאַנט קוקט נאָך דעם דאָקטאָר און טראַכט: ס'איז ביי אים עפּעס נישט אין אָרדענונג אין דעם „שאָקאָלאַדע־קאַסטן" (אין קאָפּ), רעדט זעלטן אַ וואָרט און דו ווייסט קיינמאָל נישט ווי אים צופרידן צושטעלן.

— 20. —

מען גייט שוין צוריק. אַלץ איז אַדורך בשלום. דייטשן באַווייזן זיך זעלטן אין דער געגנט וואָס איז באַהערשט פון די פּאַרטיזאַנער. די רייכע פּויערים, ביי וועמען די פּאַרטיזאַנער מאָנען איין דעם שפּייז־שטייער, ווייסן שוין, אַז מיט די „וואַלד־יונגען" איז גלייכער נישט איינצורייסן. עס קאָסט זיי סתם ביליקער: זינט די פּאַרטיזאַנער זענען דאָ, קומען די דייטשן זעלטן איינמאָנען דעם תבואה און בהמות קאָנטינגענט וואָס זיי האָבן אַרויפגעלייגט אויף די פּויערים, און די דייטשן פלעגן נעמען פיל מער.

„שטשענשטש באָזשע" — גאָט באַגליק! — (די אַרבעט) ווינטשן די פּאַרטיזאַנער צו די פּויערים וואָס טוען פרילינגס אַרבעט אויף די פעל־דער.

„בוג זאַפּלאַטש" — גאָט באַלוין! — (דעם ווינטשער) ענטפערן די פּויערים מיט די טראַדיציאָנעלע ווערטער און געבן צו: און זאָל גאָט אייך אויך באַלוינען פאַרן געבן די דייטשן „אין הינטן אַריין": גיט זיי, „כלאָפּצעס", באַצאָלט זיי פאַר אונזערע און אייערע „קשיוודעס" (עוולות).

אין אַ גרינס־גאָרטן שטייט אַ פּויערטע אַריבערגעבויגן איבער אַ בייט. ווען די פּאַרטיזאַנער גייען פאַרביי, גלייכט זי זיך אויס און קוקט זיי נאָך מיט צעפינקלטע אויגן. פון אירע פאַרשאַרצטע אַרבל גיסן זיך אַרויס פולע מוסקולירטע אָרעמס, פון אונטער דעם פאַרקאַטשערטן קליידל קוקן אַרויס דיקע ראָזע לידקעס.

— האָסט אַ פעסטן דאָס... באַבע, וואַרפט איר אַ פּאַרטיזאַנער צו אַ קאָמפּלימענט.

— איז בעסער פאַר מיר, ענטפערט זי און גיט זיך קאָקעטיש אַ וויג אויף די לענדן. די כלאָפּעס האָבן ליב אַזוי.

— איך אויך, זאָגט דער פּאַרטיזאַן און באַלעקט זיך.

ווען זיי זענען שוין פאַרבייגעגאַנגען, רופט די פּויערטע:

— העי, פאַרטיזאַן, מילך פריש פון דער מעלק ווילסטו טרינקען?

אין אַ האַלבער שעה אַרום, יאָגט דער פאַרטיזאַן אָן די גרופּע. חברה חכמענען זיך: ווי האָט דיר געשמעקט, די „מילך פריש פון דער מעלק"?

„עך, די פּויערים זענען ווי די חזירים", זאָגט איינער, אַ פאַרבי־טערטער פון קנאה...

„דאָס איז דער אויסדרוק פון באַגייסטערונג פון די מאַסן פאַר די קעמפער קעגן פאַשיזם", זאָגט דער „פּאָליטישער", אויפקלערונגס־אָפּי־ציר.

אַ שטאָטישע, אַנטציקט זיך דער וואָס איז צוריקגעקומען פון דער פּויערטע, זאָגט צען מאָל „ניין", ביז דו כאַפּסט זיך, אַז זי מיינט „יאָ". וויל זאָלסט איר זאָגן, אַז האָסט זי ליב, וויל זיך קושן און לעקן, די פּויערטע, איז ווי די קו אין שטאַל, ווי די הון אין איר הויף, פּירט מיך באַלד צום היי אין שייער: דו שלאָגסט דעם דייטש, וועל איך דיר זשאַ־לעווען?

צו די לייכטע אויפגאַבעס פון ברענגען שפּייז רייסן זיך אַלע פאַר־טיזאַנער. יעדער פּויער איז מכבד מיט „וואָדקע"... מען קען טרינקען וויפל מען וויל נאָר... דעם דאָקטאָר, לאָקט נישט דער בראָנפן. ער טרינקט זעלטן און ווייניק, ער רייסט זיך פונדעסטוועגן אויך אין דאָרף אַריין, אפשר וועט זיך אַמאָל טרעפן אַביסל „מילך פריש פון דער מעלק"...

— .21 —

נאָך דעם ווי די גרופּע האָט אויפגעריסן עטלעכע טראַנספּאָרטן וואָס זענען געגאַנגען צום פראָנט, האָבן די דייטשן געמאַכט אַ גרויסע אָבלאַווע. טויזנטער דייטשע סאָלדאַטן האָבן אַרומגערינגלט דעם טייל וואַלד, אין וועלכן די גרופּע האָט זיך געפונען און גענומען „אַדורכקעמען" דעם וואַלד. נאָר געזונטע, פלינקע פאַרטיזאַנער האָבן געקאָנט האָפן אַדורכ־צורייסן זיך דורך דער קייט פון אַרומרינגלער. די אַלטע און קינדער וואָס האָבן זיך באַהאַלטן ביי די פאַרטיזאַנער, אויך די קראַנקע און פאַרוווּנ־דעטע, האָבן אויסגעקליבן די פאַר זיי קלענערע געפאַר, צו בלייבן אויפן

ארט. מען האט אביסל פארמאסקירט דעם לאגער, מען זאל אים נישט קענען אזוי לייכט געפינען און נאר עטלעכע קעמפער זענען געבליבן כדי צו שטעלן א ווידערשטאנד און צו קענען שטארבן ווי פארטיזאנער.

דער דאקטאר האט אליין זיך אנגעבאטן צו בלייבן מיט די קראנקע.

עס קען זיין, אז די אנטלויפנדיקע האבן מיט זייערע פלוצלימדיקע אנגריפן אויף די ארומרינגלער, אפגעצויגן די גאנצע אויפמערקזאמקייט פון די דייטשן. עס קען זיין, אז נאכן אויפרייסן די, שוין לאנג פארלאזענע „זשעמליאנקעס" אין אן אנדערן עק פון דעם וואלד, האבן די דייטשן געמיינט, אז זיי האבן שוין ליקווידירט די נעסט. עס קען אויך זיין, אז זיי האבן נישט באוויזן אדורכצוקאמען דעם גאנצן וואלד, ווייל מען האט זיי גערופן צום פראנט. יעדנפאלס צו דער ריכטיקער „מלינה" זענען זיי נישט צוגעקומען און אין קורצן זענען אלע פארטיזאנער צוריקגעקומען אהין.

— .22 —

אלע לויבן דעם דאקטאר פאר זיין פריוויליקן בלייבן מיט די קראנקע.

פאלט זיי נישט איין, קלערט דער דאקטאר, אז איך בין אפשר געבליבן, ווייל איך האב מער מורא געהאט פאר דעם „אדורכרייסן זיך", ווי פאר דעם בלייבן? ווייל איך האב צו ווייניק מוט צו שטעלן זיך „פנים צו פנים" מיט שיסנדיקע ביקסן? ווי וואלט עס געווען ווען עס וואלט מיר טאקע אויסגעקומען צו קעמפן?

אינגיכן איז אים אויסגעקומען צו קעמפן.

א געווענלעכע אקציע פון ברענגען שפייז. מען קומט אן אין א דארף אריין, דערוויסט מען זיך, אז דייטשן זענען דא אין דארף. זייער צאל איז נישט א סך גרעסער ווי די פארטיזאנער. זיי זענען בעסער באוואפנט, אבער די שאטנס פון די ארומיקע וועלדער ווארפן אן אויף זיי א מורא. די פארטיזאנער קענען די געגנט און קענען יעדעס שטעגל אין וואלד. דער „משוגענער באלעק" רייבט זיך די הענט פון שמחה: אנו,

קומט אהער פריצעלעך, האנטעלעך, לאָמיר זען אייערע גבורות איצט, ווען איך האָב אויך אַ „שפּייער" אין האנט.

די דייטשן דערוויסן זיך, אַז פּאַרטיזאַנער זענען געקומען, גנבענען זיי זיך אַרויס פון דאָרף. די פּאַרטיזאַנער מאַכן זיך נישט וויסנדיק; אין דאָרף קענען די דייטשן שיסן פון באהעלטענישן און אַז זיי וועלן ליידן אַ מפּלה, וועלן זיי זיך נוקם זיין אין די איינוווינער פון דאָרף.

ווען די דייטשן קומען אָן צום וואַלד אויף זייערע מאָטאָציקלען, איז דער שאָסיי אָפּגעצוימט מיט צוויי איבערגעקערטע וועגענער און נאָך איידער זיי באַווייזן זיך צו כאַפּן וואָס עס איז געשען, פאַלט אויף זיי אַ רעגן מיט קוילן. די דייטשן פאַרבאַריקאַדירן זיך אונטער זייערע איבערגעקערטע מאָטאָציקלען און ענטפערן מיט פייער.

באַלעק און לייבעק זענען געבליבן פון הינטן, אָפּצושניידן פאַר די דייטשן דעם וועג אויף צוריק. יעדעס מאָל ווען אַ דייטש געלינגט אויס־צודרייען זיין מאָטאָציקל און אָפּלויפן אַ שטיקל וועג אויף צוריק, באַגע־גענען אים מיט פייער באַלעקס און לייבעקס אויטאָמאַטן. באַלעק הערט נישט אויף זידלען: נו יעקע, קום אהער! זיי ביי מיר אַזאַ העלד ווי ביסט געווען ביין מיין טאַטן. פּגרן וועט איר דאָ אַלע, אַ רוח אין אייער מאַמען אַריין!

די דייטשן זעען איין, אַז עס איז נישטאָ פאַר זיי קיין אַנדערע עצה ווי אַראָפּצולויפן פון שאָסיי אין וואַלד אַריין און אַדורכרייסן זיך דורך דער באַלאַגערונג פון די פּאַרטיזאַנער. פּלוצלינג שפּרינגען זיי אַפּער פון הינטער די מאָטאָציקלען און מיט גראַנאַטן אין די הענט לויפן זיי אַריין אין וואַלד.

באַלעק און לייבעק זענען געבליבן פון ווייטנס. די פּאַרטיזאַנער וואָס ליגן אין וואַלד אויף דער אַנדערער זייט שאָסיי טאָרן נישט שיסן, ווייל זיי קענען טרעפן אין די אייגענע חברים, און די דייטשן פאַלן אַלעמאָל אונטער די ביימער, געבן עטלעכע שאָס און לויפן ווייטער. וועט מען זיי אַרויסלאָזן פון דער קלעם? קיין גראַנאַטן קען מען איצט נישט באַנוצן, דער שונא איז צו נאָענט.

באַלעק און לייבעק קומען אָנצולויפן. באַלעק אַ צעיאָכמערטער לויפט

גלייך אויף א דייטש, פארגעסט זיך צו באשיצן פון קוילן. א קויל טרעפט אים נאך איידער ער גרייכט דעם דייטש.

יורעק גיט א צי דעם דאקטער ביים ארבל, ער זאל גיין נאך אים. זיי שפרינגען איבער פון בוים צו בוים, פון קוסט צו קוסט. די דייטשן לויפן צו דער ריכטונג פון שטאט, יורעק און דער דאקטער פארלויפן זיי דעם וועג. די חברה פון יענער זייט וואלד זענען שוין אויך דא, די דייטשן ווילן שוין צוריק ארויס פון וואלד, אבער מען שניידט פאר זיי אפ דעם וועג. באין ברירה לויפן זיי טיפער אין וואלד אריין.

— גיב א קוק צו באלעקן און ווארט דארט אויף אונדז, — זאגט יורעק צום דאקטער.

ער לויפט צוריק צו באלעקן. באלעק איז טויט. די קויל האט אים געטראפן אין הארץ אריין. „איר וועט באצאלן דערפאר, הינטישע זין!" — שרייט אויס דער דאקטער. און לויפט מיט אימפעט צוריק צו די קעמפער.

דאקטער, בייג זיך אראפ! שיץ זיך אונטער די ביימער. דער דאקטער פאלט צו צו א פארטיזאן. „ווו זענען זיי?"

— קוק, — ווייזט אים דער פארטיזאן.

דער דאקטער קוקט אדורך דורך די קוסטעס — די דייטשן ליגן אינמיטן פון א „פאליאנע", אין דעם שטיק ליידיק פעלד אינמיטן וואלד.

—מיר האבן זיי ארייגעיאגט אין דער שטייג, אונדזערע זענען פון אלע זייטן, קיינער פון זיי וועט נישט ארויס.

— קיינער נישט! — שרייט דער דאקטער.

א דייטש הייבט אן לויפן.

„ער וויל אנטלויפן!" א מכה אים! פייער! פייער שרייט ער. און כאפט זיך אליין צום אויטאמאט. דער מאגאזין אין זיין אויטאמאט ליידיקט זיך אויס. שנעל, שנעל, מיט פיבערדיקע פינגער שטעלט ער אריין א נייעם מאגאזין, שיסט ווייטער. „אלע מוזן זיי דא קראפירן! אלע!" שרייט ער. פייער, חברה! פייער!

דעם לעצטן דייטש אוועקגעלייגט. דער דאקטער שטעלט זיך אויף, שטעלט אריין א נייעם מאגאזין אין זיין אויטאמאט. „הינטישע זין,

קראַפּירן וועלן זיי אַלע!" שרייט ער נאָך אַלץ מיט אַ קול וואָס איז שוין הייזעריק פון שרייען. ער ווישט דעם שווייס פון שטערן מיטן אַרבל — באַקלעפּט מיט ערד, ער שמירט זיך אויס דאָס פּנים.

— דאָקטער, זאָג נאָר ווי דו זעסט אויס!

— געגעבן זיי אַ לעקציע, די הינטישע זין, אויסקוילן זיי אַלע די הינטישע זין, אַ כאָליערע אין זיי.

— דאָקטאָר, ביסט אַן אמתער יאַט, קלאַפּט מען אים אין דער פּלייצע און ער קען זיך נאָך אַלץ נישט בארואיקן: „די באַנדיטן, די מערדער, אויסקוילן זיי" — — —

פאַרוואָס בין איך אין וואַרשע געווען אַזאַ... און פאַרוואָס בין איך דאָ אַזוי אַנדערש?

אין לעבן דעצידירט דער ערשטער שריט: געהאַט איין מינוט פון שוואַכקייט, דאָרטן אין בראַנדס צימער און צום סוף געוואָרן אַן אמתער מסור. אַז מען וויל זיך פאַרהיטן פון שלעכטס, דאַרף מען זיך אָפּהיטן פון דעם מינדעסטן אָפּנויג...

בין איך מער פּחדן ווי יעדער דאָ אין דער גרופּע? ניין, די געפאַר אין דער גרופּע קען מען פּשוט נישט פאַרגלייכן מיט דער געפאַר דאָרטן, וו דער טויט האָט געדראָט נאָר דיר אַליין. ווען די לופּע איז אָנגעצילט נאָר און דירעקט צו דיין קאָפּ, קען דער פּחד דערפירן ביז משוגעת. און צו שטאַרבן אַליין איז נאָך שווערער ווי צו לעבן אַליין. דאָ, אַז מען פאַלט, איז עס נישט קיין אַבסאָלוטער טויט; מען רעדט דערנאָך וועגן דיר, מען דערמאָנט דיך. אפשר איז איר, פון דער אָרגאַניזאַציע, לייכטער געווען אויסצוהאַלטן די יסורים, דעמאָלט אין דער געשטאַפּאָ, ווייל זי האָט געוווסט, אַז אַלע חברים קוקן אויף איר. מען וועט וויסן אויב זי וועט פאַרראַטן און מען וועט זי הייליקן, אויב זי וועט אויסהאַלטן. איך בין געווען אַן אָפּגעריסענע זאַך, קיינעם נישט געהאַט און צו קיינעם נישט געהערט. האָט אימיץ געוווסט, ווען איך האָב אויסגעהאַלטן די יסורים און אפילו נישט געשריגן? און וואָס וואָלט פאַר מיר געבליבן פון מיין העלדישקייט, אויב איך וואָלט אויסגעהאַלטן און געלאָזט זיך פאַרפּייניקן ביז צום סוף? אין דער טרייבקראַפט צו העלדישקייט, מוז זיין כאָטש

אַ מיניִמאַלער צוגעמיש פון אַן עגאָאיסטישן, אייגננוציקן געפיל... ניין, איך בין נישט ערגער פון אַנדערע דאָ, איך בין נאָר דאָרטן, אין וואַרשע, געווען אין אַן ערגערן קלעם ווי דאָ.

ער האָט אַרויסגענומען דעם מעדאַל פון קעשענע און צוגעשפּיליעט צו דער בלוזע.

— .23 —

ווי שנעל אַ מענטש ווערט פאַרהאַרטעוועט. ווי שנעל אַ גוף פּאַסט זיך צו צו דעם מצב אין וועלכן עס קומט אים אויס צו לעבן. מען וווינט אין פייכטע שמוציקע גריבער, מען לעבט ווי אַ חיה און מען קרענקט נישט. אַז אימיץ פילט זיך נישט מיט אַלעמען, שעמט ער זיך אויסצו־זאָגן, וויל נישט ווערן צו חוזק, אַז ער איז אַ „יידענע". נאָך מער ווי די מענער האָבן די פרויען מורא צו ווייזן אַז זיי זענען „יידענעס"... עס טרעפט זעלטן, דער דאָקטאָר זאָל האָבן צו טון מיט קראַנקע. די פּאַציענטן אין „שפּיטאָל" זענען מיינסטנס פאַרווונדעטע, היילן היילט מען זיך נאָר פון וואַלד־קראַנקהייטן: אויסשיטן, מכות, געשווירן, זעלטן, זעלטן פון אַ „בורזשואַזער" קראַנקהייט ווי אַנגינע, גריפּע, לונגען־אַנטצינדונג.

אין וואַלד איז שווער צו אונטערשיידן אַ פרוי פון אַ מאַן. די פרויען האָבן אויך קורץ געשווירענע האָר, טראָגן מענערשע „וואַטוווקעס", רייט־הויזן און שטיוול, אפילו אויף „אויפגאַבעס" גייען זיי גלייך ווי די מע־נער. ווען אַ פרוי איז שוין געצווונגען צו קומען צום דאָקטאָר, ווייל זי כאָטש באַווייזן, אַז זי איז נישט קיין יידענע דערמיט, וואָס זי טוט זיך אויס אין צערעמאָניעס. אָבער ווען עס פאַלט אַראָפּ דער לעדערנער זעל־נערשער פּאַסיק, די שווערע וואַטעווקע און די האַרטע גרינע בלוזע, אַנט־פּלעקט זיך אַ ווייסער זיידענער קערפּער, שמאָלע שוואַכע אַקסלען און רונדע ווייבערישע אָרעמס, וואָס האָבן נישט פאַרלוירן זייער רייץ און רונדיקייט פון שלעפּן די שווערע ביקס.

דער דאָקטאָר באַמיט זיך צו זיין באַשיידן און צוריקגעהאַלטן ווי ער איז שטענדיק געווען מיט זיינע פּאַציענטקעס. אָבער די אויגן ווערן ביי

אים פֿאַרלאָפֿן, די הענט ציטערן, און אַז דעם דאָקטאָרס ווערן אַ „יידע־נע" ווירקט מאָדנע אויף די פּאַציענטקעס און באַגיסט זייערע פּנימער מיט רויטקייט. זיי באַמיען זיך עס צו פֿאַרדעקן מיט אַ גראָב וואָרט.

ווי נאָר ער קוקט דערנאָך אויף אַזאַ פֿרוי, זעט ער דורך דער גראָבער וואַטוועקע, די רונדע פֿאָרמען פֿון איר לייב, און די שושקערייען פֿון די פֿאַרלעך ביינאַכט לאָזן אים נישט שלאָפֿן.

אין דער גרופּע, ווי אין אַלע פּאַרטיזאַנער גרופּעס, זענען דאָ ווייניק פֿרויען. האָבן נאָר די שענסטע און די בעסטע יונגען זייערע „חבר־טעס". אַ סך מענער האָבן נישט קיין פֿרויען, אָבער יעדע פֿרוי האָט אַ מאַן. אַן אויסנאַם איז נאָר באַשע. בעלנים זענען דאָ אַ סך, אָבער באַשע לאָזט זיי נישט צו צו זיך, און נאָר אַזאַ ווי זי קען עס אויספֿירן.

פֿאַר באַשען האָבן אַלע מורא. אַ יונג — נישט קיין מויד... אויף די שווערסטע שליחותן גייט זי. איז די ערשטע ביי אַלע געפֿערלעכע קאַמפֿן. לויפֿט ווי אַ טייוול, שיסט ווי אַ טייוול און — שעלט ווי אַ טייוול. איר לשון איז אַ האַרטער און הפֿקרדיקער ווי ביי אַלע מענער.

וויפֿל באַשע ציט נישט אַרויף אַ ווילערישע מינע אויף איר פּנים, פֿאַרלירט נישט איר קליין פֿאַריסן נעזל פֿון זיין מיידלשקייט. אַז אַ לאָק פֿון איר מענעריש־פֿאַרשווירענער טשופּרינע גליטשט זיך אַפּער פֿון אונ־טער איר מענערישן הוט, ליגט ער אויף איר שטערן מיט קאָקעטישן חן. די גראָבע קללות שיטן זיך פֿון איר מויל מיט אַ דין זיידן קולכעל. אפֿילו אויף איר ברייטער בלוזע פֿון שטייפֿן קהאַקי צייכנט זיך, ביי פֿאַרשי־דענע באַוועגונגען אַ פֿאַררונדיקייט, וואָס עס פֿירט נישט איינעם פֿון די יונגען אַרויס פֿון די כלים... און ערשט באַשעס אַ פֿייערדיקער פּאַטש ברענגט אים צוריק אין די כלים אַריין...

טראָץ איר פֿאַרריסנקייט האָט מען זי פֿונדעסטוועגן נישט פֿיינט. ווי קען מען זי פֿיינט האָבן, אַז תּיכּף נאָכן אויסזידלען אַ חבר, רעדט זי צו אים גוטמוטיק און חבריש? ווי קען מען זי פֿיינט האָבן, אַז זי איז שטענדיק די ערשטע אָפּצושלאָגן אַרומגערינגלטע חברים? מען האָט דרך־ארץ פֿאַר איר און מען האָט זי אפֿילו ליב.

ווען איר פּרישות מאַכט מען פֿאַרשידענע השערות. אַז זי ווערט

טייל־מאָל פאַרפאַלן אין וואַלד, זאָגט מען, אַז דאָס טרעפט זי זיך מיט דעם הויפּט־קאָמענדאַנט פון אַלע פּאַרטיזאַנער גרופּעס אין דער געגנט. זי מוז האַלטן בסוד, אַז זי איז זיין געליבטע. דער קאָמענדאַנט האָט אַ ווייב און זי איז אַ „ווייב מיט אַן אוירינגל" און אַ גאַנצע קאָמיסאַרשע דערצו. אַנדערע זאָגן גאָר, אַז באַשע האָט די „ריכטיקע פּאַרציע" און ווייל זי איז אַ „פאַראַנטוואָרטלעכע", ווייל זי נישט קיינעם אַנשטעקן. אַ ליאַדע טאָג וועט איר פּנים אַנהויבן פוילן, עס וועלן פאַלן פון איר לעבעדיקע שטיקער. אַז עס טראָגט עמיץ צו באַשען וועגן די קלאַנגען, שמייכלט זי. „אַזאַ ווי זי שעמט זיך נישט מיט אַזעלכע זאַכן", פאַרטייטשט מען איר שמייכל.

דער דאָקטאָר האָט מורא פאַר באַשען. „קאָזאַצקע ווייבער" זענען ערגער ווי די ביטערסטע מענער. זי קוקט קיינמאָל נישט אויף אים. ער טרעפט זיך זעלטן מיט איר בליק. איינמאָל, דאַכט זיך, האָט זי צו אים אַ שמייכל געטון, האָט ער נישט צוריקגעשמייכלט. וועלכע פון די ביידע ווערסיעס וועגן איר עס זאָל נאָר זיין אמת, איז גלייכער זיך צו האַלטן פון ווייטנס. צו ווענערישע קראַנקהייטן האָט ער זיך אפילו ווי אַ דאָקטאָר קיינמאָל נישט געוואָלט צורירן, און אויב עס איז דאָס אַנדערע, — איז אָנהויבן זיך מיטן הויפּט־קאָמענדאַנט נאָך געפערלעכער ווי אַ קרענק...

מען רופט אַרויס דעם דאָקטאָר אין אַן אַנדערן לאַגער אַריין, וווּן ער קומט צוריק דערזעט ער, אַז דאָס שענקל מיט מעדיקאַמענטן האָט זיך אָנגעפילט, אַלע ליידיקע און האַלב־ליידיקע סלאָיעס זענען פול ביזן דעקל. ער דערוויסט זיך באַלד, אַז באַשע איז געווען אויף אַן „אַקציע" און אויפן וועג געמאַכט דעם איינקויף.

— פון וואַנען האָסטו געוווסט וואָס צו ברענגען?

— כ'האָב געוווסט, אַז כ'האָב אַן אַפּטייק אויפן וועג, האָב איך אַ קוק געטון אין דיין שענקל און געבריינגט דיר דאָס דרעק.

— אָבער פון וואַנען האָסטו געוווסט וואָס?

— אָפּגעשריבן פון די עטיקעטן אויף די ליידיקע און האַלב ליידיקע פלעשלעך, סלאָיעס און נאַכט־כּלים.

— אָבער דאָרטן איז אויפגעשריבן נאָר מיט קירצונגען און ראשי תיבות, האָסטו נישט אַמאָל פאַרטוישט די יוצרות?

— ווייסט וואָס איך וועל דיר זאָגן, דאָקטאָר? ביסט אַ גרויסער יאָלד...

זי טוט אַ שמייכל מיט אַ בייטשל אין דער כּאַליעווע פון שטיוול, גיט זיך אַ דריי אויפן קלאַץ און גייט אַרויס.

דער דאָקטאָר עפנט אַלע סלאָיעס, קאָנטראָלירט די פאַרבן, דעם ריח. אויף וויפל מען קען עס נאָכקאָנטראָלירן, שטימט אַלץ. ער געפינט דאָס צעטל, לויט וועלכן זי האָט איינגעקויפט. אַ שיינע אויסגעשריבענע האַנטשריפט. אין דעם אויסלייג פון די לאַטייניש ווערטער איז נישטאָ קיין פעלער. האָט עס דער אַפּטייקער געשריבן? ניין, אויף דעם צעטל זענען אויסגערעכנט אויך מעדיקאַמענטן, וואָס זי האָט נישט געבראַנגט, ווייזט אויס נישט געקראָגן. ביי די וואָס זי האָט געבראַנגט איז פאַראַן אַ צייכן, דעם צייכן האָט מסתּמא געמאַכט דער אַפּטייקער, ווייל ער איז מיט אַ שוואַרצער בלײַ און די מעדיקאַמענטן זענען אויסגעשריבן מיט אַ בלויער קאָפּיר־בלײַ.

„ווייסט וואָס איך וועל דיר זאָגן, דאָקטאָר? דו ביסט אַ יאָלד", ער וועט שוין דערגיין, וואָס זי האָט געמיינט דערמיט, ער וועט זיך שוין דערוויסן, צי זי האָט עס געשריבן.

— 24. —

— באַשע, איך וויל פון דיר אַ טובה. כ'וויל, זאָלסט עפּעס פאַר מיר טון — — — איך בעט דיך — — — —

— בעט נישט און קוואַקע נישט, דערלאַנג לשון.

— זעסט די פאַרבונדענע האַנט? איך קען נישט שרייבן, כ'דאַרף האָבן נייע מעדיקאַמענטן, וועל איך דיר דיקטירן און דו וועסט אויפשרייבן.

באַשעס פּנים באַגיסט זיך מיט רויטקייט. אַזעלכע ווי זי קענען זיך נאָך אויך רויטלען? זי זעצט זיך אַוועק שרייבן.

ער דיקטירט איר שווערע ווערטער. איינמאָל מאַכט ער בכיוון אַ טעות און זאָגט שלעכט אַרויס אַ וואָרט. אַלץ איז ריכטיק אויפגעשריבן.

זאָגן איר צוליב וואָס ער האָט איר געהייסן שרייבן? בעסער זיך נישט אָנהייבן מיט אזא פּייגעלע...

זי שטעלט זיך אויף, גייט צו צום דאָקטער גאַנץ נאָענט.

— האָסט שלעכט פאַרבונדן, אַליין איז שווער, איך וועל דיר מאַכן...

נאָך איידער דער דאָקטאָר באַווייזט אַרויסזאָגן אַ וואָרט, איז דער באַנדאַזש פון פינגער שוין אָפּגעוויקלט, דער פינגער איז גאַנץ און געזונט. דער דאָקטאָר הויבט אָן שטאַמלען, וויל זיך פאַרענטפערן, אָבער באַשע לויפט שנעל אַרויס.

זינט דעמאָלט מיידן זיי ביידע אויס זיך צו טרעפן אַליין.

מען דאַרף אָנשרייבן אַ גרויסן באַריכט פאַר דעם הויפּט-שטאַב, מען לייגט פאַר דעם דאָקטאָר, ער זאָל אָנשרייבן.

— איך האָב אַ שווערע האַנטשריפט, אפשר באַשע —

באַשע גיט אַ ווונק צו אים און לייגט אַרויף אַ פינגער אויפן מויל, אַ צייכן ער זאָל שווייגן.

— באַשע קען שעלטן בעסער ווי שרייבן, מאַכט חוזק דער קאָמענדאַנט.

וואָס פאַר אַ רעטעניש איז דאָס מיידל? וואָס פאַר אַ סוד איז עס, אַז מען קען שרייבן?

דעם זעלביקן אָוונט רופט אים באַשע, ער זאָל מיט איר אַביסל שפּאַצירן. זיי גייען אַוועק ווייט פון לאַגער. זיי שווייגן ביידע. דער דאָקטאָר באַמערקט אירע באַוועגונגען, זיי זענען דאָ געוואָרן אַזוי מיידליש-קאָקעטיש. וואָס פאַרא רעטעניש איז דאָס מיידל?

ער וויל איבעררייסן דאָס שווייגן און זוכט וואָס צו זאָגן.

Pusto wszedzie, głucho wszedzie.
Co to będzie, co to będzie?

(פּוסט אַרום, טויב אַרום
וואָס וועט זיין, וואָס וועט זיין?)

רעציטירט זי.

— מיצקעוויטש! — זאָגט ער מיט פאַרווּנדערונג.

— האַ? פרעגט זי און ס׳טרעט ווידער איין אַ לאַנג שטילשווייגן.

— דו האָסט אוודאי געהערט, אַז איך בין קראַנק אויף אַ שרעק־לעכער קרענק?

ער בלייבט שטיין צעטומלט.

— מען קען פונדעסטוועגן עפּעס טון דערצו...

— נישט נויטיק דאָקטאָר, נישט נויטיק.

— מען דאַרף פונדעסטוועגן נישט רעזיגנירן...

— דו גלויבסט דערין?! שרייט זי אויס, איצט שוין מיט פאַרדרוס.

— דו זאָגסט דאָך...

— איך האָב נאָר געפרעגט, צי האָסט געהערט.

— פאַרוואָס לאָזסטו פאַרשפּרייטן אַזעלכע קלאַנגען?

— ווייל ס׳איז אמת, אַלץ איז אמת. איך בין די געליבטע פון קאָ־מענדאַנט, איך בין קראַנק ווענעריש, כ׳פּרעם אויף צוויי מענער אויף יעדן פּרישטיק און מאַך זיי אויס צו מיטיק... גייט זי צוריק צו איר גראָבן לשון און אפילו איר גאַנג ווערט ווילעריש און האַרט.

— איך האָב קיינמאָל נישט געגלויבט אויף דיר, אָבער דו אַליין —

— אָבער, אָבער, וואָס אָבער? דו וואָלסט באַדאַרפט פאַרשטיין, אַז דאָס איז מיין געווער דאָ אין וואַלד. דו מיינסט, אַז אָן די קלאַנגען און אָן מיין וואולגאַריטעט, וואָלט מיר געלונגען צו האַלטן אַלעמען פון דער וויייטן, ווען פּרויען זענען דאָ אַזוי ווייניק? דאָ אין וואַלד איז אינגאַנצן אַנדערש ווי אין שטאָט... אין דער היים זענען די מלבושים וואָס מען האָט געטראָגן געווען זיידענע, דינע; די הויט אונטער די מלבושים איז געווען אַ זיידענע, דינע; די געפילן זענען אויך געווען זיידענע און דינע. דאָ האָט זיך געביטן נישט נאָר דאָס אָנטועכץ — אויף אַ האַרטן שאָרסקן מונדיר. אויך די הויט — געשמיסן פון ווינט און רעגן, איז געוואָרן האַרט און שאָרסקע. געשמיסן פון דעם האַרטן וואַלד־לעבן, איז אויך אי־נעווייניק געוואָרן האַרט און שאָרסקע. מיט דעם קולטור־אוצר, ליבער

דאָקטאָר, איז ווי מיט יעדן אוצר: אויסצואַרבעטן עס, דאַרף נעמען יאָרן, צו פאַרטאַכלעווען עס, זענען גענוג מינוטן...

— איך זע, אַז דו האָסט נישט קיין גאָר געהויבענע מיינונג וועגן דעם לעבן דאָ.

— האָסט אַ טעות. מען איז דאָ ערלעכער, אויפריכטיקער און אפילו מאָראַליש־שטרענגער ווי אין שטאָט, נאָר יעדעם לעבן שאַפט זיך זיין לעבנס־שטייגער. דאָס וואַלד־לעבן האָט אויך זיין אייגענעם שטייגער און זיין אייגענע מאָראַל.

— אַ וואַזשנע מאָראַל, אַז מוזט זוכן מיטלען ווי אַזוי זיך צו באַשיצן...

— איך בין אַליין... דאָס איז די סיבה. אויב אַ מיידל האָט אירם אַ בחור, וועט קיינער זי נישט טשעפּען. איך האָב קיינעם נישט. דאָס איז אַ פאַרשעמונג פאַר די חברים. וואָס, עס שטייט מיר נישט אָן דער יחוס?

— ביסט נאָך דאָ מיט קיינעם נישט געווען?

זי שווייגט אַ רגע, דערנאָך זאָגט זי מיט אַ שטיל קול:

אַ קאָמפּלעקס אַזאַ, נו. ביי אונדז איז דאָס אַלץ געווען אַרומגעצירקלט מיט אַזאַ קדושה... עס איז אַזוי אַריינגעוואַקסן אין מיר... זיין מיט אַ מאַן מיינט — זיין פאַרבונדן אויף שטענדיק, האָבן מיט אים קינדער... איך האָב דאָ נישט געפונען אַזאַ, איך זאָל וועלן בלייבן מיט אים אויף שטענדיק. איך ווייס, אַז דאָס אַלץ איז נאָר אַ פאָראורטייל, אָבער איך קען זיך נישט באַפרייען דערפון, פונקט ווי עס זענען פאַראַן אַפּיקורסים וואָס קאָנען זיך נישט באַפרייען פונעם עקל צו חזיר...

דער דאָקטאָר וויל איר עפּעס זאָגן. ער מוז עפּעס זאָגן, זי זאָל וויסן, אַז ער גלויבט איר... אַז ער פאַרשטייט זי... אָבער ער פאַרבייסט די ליפּן. ער טאָר איצט נישט רעדן... אַז ער וועט איצט עפענען דאָס מויל, וועלן זיך אַרויסגליטשן נאַרישקייטן... ער איז עפּעס אַזוי אויפגערעגט... דאָס האַרץ קלאַפּט אַזוי האַסטיק... ער זעט אפילו נישט ווו צו גיין. דאָס פּנים צעקראַצט ביי אַרויסשטאַרענדיקע צווייגן, שיעור אָן אויג זיך אויסגעשטאָכן. גוט, אַז זי זעט עס נישט. זי שווייגט.

זיי בייגן זיך אראָפּ צו קענען אַדורכגיין אונטער די נידעריק־באַ־צווייגטעביימער, זייערע פּנימער באַרירן זיך, נישט ווילנדיק: איר פּנים גליט — אַ שטיק פייער. ביידע אָטעמען שווער.

עס איז דאָ שווער צו גיין, זאָגט זי, צו פאַרענטפערן איר שווער אָטעמען.

ווידער אַ לאַנג שטילשווייגן.

פּלוצלינג זיפצט זי אַרויס מיט אַ פאַרבענקט קול:

— היינט איז פרייטיק־צו־נאַכט.

— פרייטיק אָוונט דערמאָנט דיך אין עפּעס?

— פרייטיק־אָוונט דערמאָנט מיך אין פרייטיק־אָוונט, אין די פרייטיק־צו־נאַכטן ביי אונדז אין דער היים.

— אָה, גאָר געהאַט פאַרגעסן אַז איר — — כ'מיין: מיר — — דאָס הייסט: די יידן פייערן דעם פרייטיק־צו־נאַכט, „מאָדליען" זיך איבער ליכט און ענלעכעס... אָבער דו ביסט דאָך נישט קיין פרומע?

— אמת, דעמאָלט פלעגט טרעפן, אַז איך בין געוואָרן אומגעדולדיק, אויב די צערעמאָניעס האָבן זיך פאַרצויגן צו לאַנג. אָבער וואָס וואָלט איך היינט נישט אַוועקגעגעבן צו קענען אַרויסרופן אַזאַ פרייטיק־צו־נאַכט פון מיין היים...

דער טאַטע פלעגט זאָגן, אַז שבת קריגט דער ייד צו נאָך אַ נשמה. עס איז טאַקע עפּעס אַזוי געווען... די באַשיידענע פלעמלעך פון די שבת־ליכט האָבן געגעבן דער שטוב אַן אַנדער אויסזען. דאָס ליכט איז געוואָרן ווייכער... דער טריט געלאַסענער... דאָס קול געדעמפּטער... ווען די מאַמע האָט אַוועקגענומען די הענט פון פּנים נאָכן ליכט־בענטשן, איז עס געווען אַן אַנדער פּנים — אַ שבתדיק פּנים...

„גאָטס מלאכים קומען צו גאַסט צום שבתדיקן טיש", האָט דער טאַטע געזאָגט. באַלד נאָכן אַהיימקומען פון דעם דאַוונען האָט ער, שפּאַצירנדיק אַרויף און אַראָפּ איבער דער שטוב, געזונגען צו זיי אַ באַגריסונגס־געזאַנג. ווען איך בין נאָך געווען אַ קליין מיידעלע, פלעג איך אַריינשטעקן מיין הענטל אין טאַטנס האַנט, מיטשפּאַצירן מיט אים און מיטזינגען שלום עליכם מלאכי השרת, מלאכי עליון — — —

און עס איז געווען אזוי ווי מלאכים וואלטן געווען ביים טיש: דעם קידוש... די זמירות... זענען די ניגונים געווען אזוי זיס, אז דאס האַרץ קאַרטשעט זיך פון בענקשאַפט צו זיי, אַדער די שטימונג איז געווען אזא כישופדיקע...

אַך, ווי איך וואלט געוואלט ווידער זיין א קליין מיידעלע, אריינשטעקן מיין קליין הענטל אין טאַטנס גרויסער האַנט אריין, מיטשפּאַצירן מיט אים איבער דער שטוב און זינגען: שלום עליכם, מלאכי השרת...

צי ווייל זי דערציילט עס אין אזא פּאַעטישן לשון, אַדער ווייל זי דערציילט עס מיט אזוי פיל בענקשאַפט, — עס שטעקט אים אָן איר געפיל צו אָט דער היים. און דאָס אַלץ איז דאָך אזוי ניי פאַר אים. ער האָט אַמאָל געקוקט מיט אזוי פיל פאַראַכט אויף זיי, די יידן אין די לאַנגע קאַפּאָטעס האָבן דאָך אין זיינע אויגן אויסגעזען ווי באַרבאַרן. אַך, מיט וויפיל זייער לעבן איז געווען ריינער, איידעלער און טאַקע אויך שענער ווי זיינס...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ביים צעשיידן זיך מיט איר, כאַפּט ער אָן איר האַנט און נעמט שטאַמלען:

— איך דאַנק דיר — — איך בין דיר אזוי דאַנק — — — — —

— וואָס?

— וואָס דו האָסט זיך פאַר מיר פאַרטרויט... וואָס דו האָסט פאַר מיר אויסגעטון די מאַסקע... איצט ווייס איך — — —

— אַ מאַסקע מוז מען אַמאָל אויסטון. צו טראָגן שיך איז באַקוועם, אמת? אָבער מען מוז אַמאָל דעם פּוס באַפרייען פון זיי... אז מען טוט עפּעס אָן אויפן פּנים, מוז מען עס אויך אַמאָל אַראָפּנעמען. אז נישט קען מען נישט אויסהאַלטן... נישטאָ פאַרוואָס צו דאַנקען...

— איך דאַנק דיר וואָס האָסט מיך אויסגעקליבן זיך פאַר מיר צו פאַרטרויען... גראָד מיך...

— נישטאָ פאַרוואָס צו דאַנקען. אַ צופאַל...

— בין איך צופרידן וואָס גראָד איך בין דער צופאַל...

— נישט דו, דער אָוונט... דער היינטיקער אָוונט איז שולדיק. גראָד היינט געווען ביי מיר אַזאַ שטימונג.

— דאַנק איך דיר, וואָס ווען ביסט געקומען אין אַזאַ שטימונג, האָסטו גראָד מיך גערופן אויף אַ שפּאַציר.

— איך האָב עס געקענט טון נאָר פאַר אַ שלימזל, פאַר וועמען איך האָב נישט קיין מורא אפילו, ווען איך טראָג נישט קיין מאַסקע... שרייט זי אים אומגעדולדיק אין פּנים אַריין.

דאָס לשון ווערט ביי אים אָפּגענומען. ער בלייבט שטיין אַ צע־חושמטער. זי דערווייטערט זיך מיט שנעלע טריט. באַלד הערט ער פון פונווייטנס אירע געשרייען:

— דו פאַרפוילטער דאָס... ביסט קראַנק געווען אַריינצונעמען די מאַשין־ביקס אין דער זשעמליאַנקע? דו ווייסט נישט, אַז אויב דער טױט פאַלט אויף איר, מוז מען זי דערנאָך שעהען פּוצן, זי זאָל נישט זשאַווערן? אַז אַ רוח זאָל דיך טרעפן! דו וועסט זי שוין ביי מיר פּוצן, דו דרעקישער יאָלד!

— .25 —

באַשע איז לייכט פאַרוווּנדיקט געוואָרן. דער דאָקטאָר נעמט, מיט אָפּגעהיטקייט, אַראָפּ פון איר די בלוזע. באַשע איז די איינציקע וואָס באַמיט זיך צו פאַרדעקן וויפל עס לאָזט זיך נאָר. איר פּנים איז איין שטיק פייער...

די וווּנד איז אַ פלאַכע און אַ לייכטע. אָפּגערייניקט און פאַרבונדן, איז אַלץ אין אָרדענונג. ער הייסט איר קומען נאָכאַמאָל איבערבינדן דעם באַנדאַזש, אָבער זי קומט נישט מער.

דאָס שטיקל פון איר נאַקעטקייט, וואָס האָט זיך פאַר אים אַנטפּלעקט, האָט זיך איינגעבערענט אין זיין זכרון... ער קאָן נישט אויפהערן טראַכטן וועגן איר.

וואָס איז מיט דעם מיידל? ווער איז זי באמת? מיידט אוים די

מענער, און רעדט מיט א לשון וואָס אַ קאָזאַק קאָן רויט ווערן. זאָגט, אַז דאָס איז נאָר אַן אָפּוואַר־מיטל, האַלט פונדעסטוועגן אַז די אַלטע באַגריפן וועגן סעקסועלן לעבן זענען נאָר פאָראורטיילן. זי קומט, זאָגט זי, פון אַן איידעלער היים, זי איז אינטעליגענט, קען רעדן אַ פיינע שפּראַך. טאָ פאַרוואָס רעדט זי אַזוי וווּלגאַר? קען אַ באַשיידענער מענטש רעדן מיט אַזאַ שפּראַך? אַ מענטש קאָן דאָך לייכטער קאָנטראָלירן זיין שפּראַך ווי זיינע מעשים — צו וועלכע ער ווערט געטריבן פון ליידנ־שאַפטן. ניין, איך גלויב איר נישט! צוערשט דערפירן די ליידנשאַפטן צו אַ וווּלגאַר לעבן און ערשט דעמאָלט קלעפּט עס זיך צו צו דער שפּראַך.

אָבער איר הויט איז אַזאַ צאַרטע, אַזאַ פרישע, — ווי קיין מענע־רישע האַנט וואָלט זי נאָך נישט געהאַט באַרירט, און איר שעמעוודי־קייט — ווי אפילו אַ מענערישער בליק וואָלט זי נישט געהאַט באַרירט. וואָס איז זי אין דער אמתן?

ער זוכט אַ געלעגנהייט צו קענען רעדן מיט איר. ער איז אַזוי נייַ־געריק וועגן איר, ער איז ווילד פון נייגעריקייט... ער קען גאָרנישט טראַכטן וועגן עפּעס אַנדערש... אָבער זי דרייט זיך אַוועק פון אים, מיידט אים אויס. ער האָט אויסגעכיטרעוועט, מען זאָל זי אויף אַ טאָג צוטיילן צו אַרבעטן ביי אים אין „שפּיטאָל". ווען ער קוקט אויס, זי זאָל אַריינ־קומען, קומט אַן אַנדערע פרוי. באַשע האָט זיך מיט איר געטוישט: זי זאָל גיין אַהער און באַשע איז אַוועק אַנשטאָט איר צו אַן „אַקציע".

מיט ביטערקייט וועט ער גאָרנישט אויפטון, קומט ער צום אויס־פיר. זי איז קליגער און געשיקטער פון אים. אָט, פּשוט צוגיין צו איר און רעדן אָפנהאַרציק.

איינמאָל באַמערקט ער, ווי זי שפּאַצירט אַליין, ער גייט איר נאָך, ווען זי דערווייטערט זיך אַביסל פון לאַגער, גייט ער צו צו איר.

— באַשע!

זי דרייט זיך אויס אַוועקצוגיין, ער כאַפּט זי אָן ביי דער האַנט.

— באַשע, פאַרוואָס אַנטלויפסטו פון מיר?

— ווייל ביסט אַ לעקישעוואַטער דאָקטאָר.

— וואָס איז דאָ דערין שלעכטס וואָס איך בין אַ דאָקטאָר? איך הייל מענטשן...

— איך האָב נישט ליב אַ מענטש וואָס גראַבלט מיט אַ כירורגיש מעסערל, מיר געפעלט אַ מאַן וואָס קאָן אימיצן אַריינלאָזן אַ ריכטיק מע־סער אין די געדערים אַריין.

— פאַרוואָס שפּילסטו פאַר מיר די קאָמעדיע? האָסט דאָך אַליין זיך אויסגעגעבן.

— כאַ־כאַ־כאַ, זאָג איך דאָך, אַז ביסט אַ לעקישעוואַטער דאָק־טאָר און מען קען דיר איינרעדן אַ לונג און לעבער אויף דער נאָז.

זי וויל זיך אַרויסרייסן, אָבער ער האַלט זי פעסט ביי דער האַנט.

— מיר וועסטו שוין גאָרנישט איינרעדן, דו ביסט פריש ווי אַ קינד און שעמעוודיק ווי אַ קינד...

מיט דער פרייער האַנט דערלאַנגט זי אים מיט דער פויסט אונטער דער גאָמבע. ער פאַלט אום, זי אַנטלויפט.

וואָס איז מיט איר? פאַרוואָס האָט זי אַ ווידערגעפיל צו מיר? פאַר־וואָס האָט זי מיך פיינט? אפשר פילט זי אינסטינקטיוו וואָס איך בין?

שוין באַלד געהאַט פאַרגעסן אין 837. אַ מסור מיט אַ טויט־אור־טייל אויפן קאָפּ, מיט אַזויפיל לעבנס אויפן — — —

אַזאַ ווי איך דאַרף נישט לעבן. הענגען זיך דאָ אין וואַלד... זאָל שוין זיין אַ סוף!

***

זי האָט געמיינט, ער וועט זי נאָכיאָגן, אַז זי הערט נישט קיין טריט הינטער זיך, פאַרפּאַמעלעכט זי איר גאַנג. ביי די זשעמלאַנקעס שטעלט זי זיך אָפּ, וויל הערן ווי ער קומט אָן. זי וואַרט אַביסל, ער קומט נישט.

דער קלאַפּ איז געווען שטאַרקער, ווי זי האָט עס געוואָלט, ער איז געפאַלן, אפשר ליגט ער פאַרחלשט?

זי לויפט צוריק און רופט: דאָקטאָר! דאָקטאָר! קיינער רופט זיך נישט אָן. זי קומט צו דעם אָרט, וווּ זי האָט אים געלאָזן, — ער איז

נישטאָ. ענדלעך געפינט זי אים אַביסל ווייטער. ער זיצט אויף אַ פּיען, דער קאָפּ פאַרגראָבן אין די הענט.

— דאָקטאָר, פאַרוואָס רופסטו זיך נישט אָן?

— האַ?

— כ׳האָב דיך באַליידיקט, דאָקטאָר?

ער קרעכצט שטיל אָפּ: קיינער קאָן מיך נישט אַזוי באַליידיקן, ווי איך אַליין האָב זיך באַליידיקט...

— זיי מוחל, דאָקטאָר, כ׳האָב פאַרגעסן, אַז דו ביסט אַן אַנדערער ווי אַלע דאָ.

— האַ? אַן אַנדערער? ס׳קען זיין... אַן ערגערער!

— רעד נישט אַזוי, דאָקטאָר.

זי זעצט זיך אַראָפּ צו אים און נעמט אים אַרום ביי די אַקסלען. זי ציטערט ווי אַ בלאַט.

די באַרירונג פון איר ציטערדיקן גוף גיט אים מיט אַמאָל אַ ריס אַרויס פון זיינע פריערדיקע מחשבות, אַלץ אין אים ווערט פאַרכאַפּט מיט דעם פילן איר נאָענטקייט.

— פאַרוואָס אַנטלויפסטו פון מיר?

— ווייל איך האָב מורא פאַר דיר...

— פאַר מיר?

— יאָ, איך האָב דאָ פאַר קיינעם נישט קיין מורא, נאָר פאַר דיר...

— באַשע!

זי כאַפּט אים אַרום און בייסט זיך איין אין זיינע ליפּן, ער דריקט זי פעסטער צו זיך. זי וויקלט זיך אַרום אים ווי אַ שלאַנג.

— .26 —

עס איז געווען אַ טריבער תשרי־טאָג ווען באַשע איז אָנגעקומען אין וואַלד אַריין. די לופט איז געווען שווער ווי איר געמיט, און נעפּל־

דיק ווי דאָס וואָס עס דערוואַרט זי דאָ ביי די פּאַרטיזאַנער... אַ געדיכ־טער שווערער רעגן האָט געגאָסן אָן אויפהער און געראָנען פון די צווייגן אין גאַנצע קאַלוזשעס. זי איז געווען אַדורכגענעצט ביזן לייב. דער ווינט האָט געשווידערט מיט איר גוף, ווי מיט די ביימער אַרום. אויפן וועג אַהער האָט זי וויניק געטראַכט וועגן דעם ווי עס וועט דאָ זיין. דריי טעג שוין אין מויל נישט געהאַט, האָט זי געטראַכט נאָר וועגן ברויט. זי וועט כאַפּן אַ גאַנץ ברייטל, איינבייסן זיך דערין, אַז דאָס גאַנצע פּנים זאָל זיך פאַרגראָבן אינעם ברויט...

אַהערגעקומען, האָט זי זיך דערפילט אַזוי פרעמד און פאַרלוירן, אַז זי האָט אפילו פאַרגעסן אינעם הונגער. געוואָרן דערשלאָגן און צעחושט, נישט געוווּסט וואָס מען רעדט צו איר. ערשט ווען מען האָט געגומען דערלאַנגען עסן, ווען דער ריח פון וואַרימער פעט־געשמאַלצענער זופּ האָט אַ שלאָג געטון אין נאָז אַריין, איז איר פאַרטרוקנט מויל פאַרלאָפן געוואָרן מיט סלינע און ביים האַרץ איז געוואָרן אַזוי לײַדיק. אירע הענט האָבן געציטערט, אַז זי האָט קוים געקענט דערהאַלטן די שיסל זופּ.

באַשע האָט געוווּסט, אַז עס טויג נישט אַזוי. מען משפּט אַ מענטשן לויטן ערשטן איינדרוק. אַלע קוקן איצט אויף איר ווי אויף אַ נעבעכל. זיי וועלן שפּעטער נישט אַזוי לייכט מודה זיין, אַז זיי האָבן געהאַט אַ טעות. נאָר וואָס קען זי זיך העלפן? די מענטשן דאָ זענען איר נישט אַזוי אייגן ווי זי האָט זיך פאַרגעשטעלט. זי ווייס גאָרנישט וועגן זיי, זי ווייס גאָר־נישט וועגן דעם לעבן דאָ, זי באַוועגט זיך ווי זי וואָלט געטאַפּט אין דער פינצטער...

— קום אַרויס אין וואַלד, האָט איר וואָלאָדקע פאַרגעלייגט, באַלד נאָך נאַכטעסן.

וואָלאָדקע איז אַ רויט־אַרמייער, אַנטלאָפן פון דייטשער געפאַנ־גענשאַפט. פון הויפּט־שטאַב האָט מען אים צוגעטיילט צו דער יידישער גרופּע. דער הויפּט־שטאַב קריגט אַמוניציע און אינסטרוקציעס פון דער רויטער־אַרמיי. פילט זיך וואָלאָדקע חשוב. ער רעדט באַפעלעריש אפילו צו עליאשן, וואָס איז אַ סך העכער פון אים אין ראַנג. ער האָט מורא

נאָר פאַר דעם קאָמענדאַנט קאָסטאַ, אַ „סטאַרשינע" פון דער רויטער ארמיי.

באַשע האָט גלייך איינגעזען, אַז וואָלאָדקע איז דאָ אַ גאַנצער מאַ־כער, אָבער זיין ברייט מגושם פּנים, זיינע טעמפּע אויגן אונטער דעם נידעריקן שטערן שרעקן זי. — ס׳רעגנט דאָך, פּרובירט זי זיך אַרויס־דרייען.

— ס׳רעגנט שוין נישט.

— כ׳בין מיד פון וועג, כ׳וויל גיין שלאָפן.

זי איז באמת געווען מיד, האָט געוואָלט גיין שלאָפן. אַנדערע האָבן זיך שוין געלייגט, באַשע איז געזעסן מיט אויפגעריסענע אויגן. האָט זי דען דערוואַרט, אַז עס זענען דאָ פאַראַן באַזונדערע „זשעמליאַנקעס" פאַר פרויען? ניין, זי האָט, דעם אמת געזאָגט, גאָרנישט געטראַכט וועגן דעם. איצט זעט זי ווי אַלע לייגן זיך צוזאַמען אויפן שטרוי, מענער און פרויען — איינער לעבן אַנדערן, וווּ זאָל זי זיך אַוועקלייגן?

זי האָט זיך אַרומגעדרייט, אַהין און אַהער, ביז וואָלאָדקע איז צו־געקומען און איר אָנגעוויזן, וווּ זי זאָל זיך אַוועקלייגן. ווי נאָר זי האָט זיך אַוועקגעלייגט, האָט וואָלאָדקע זיך געלייגט לעבן איר.

באַשע האָט זיך געשעמט צו שרייען. זי האָט שטיל זיך געראַנגלט און זיך אָפּגעוועהרט פון וואָלאָדקען. וואָלאָדקעס פויערישע שטאַרקע הענט האָבן זי ווידעראַמאָל און ווידעראַמאָל אַרומגעקלאַמערט, זי האָט זיך אַרויסגעריסן, אויפגעשפּרונגען און אַרויסגעלאָפן פון דער זשעמליאַנקע. וואָלאָדקע האָט זי נאָכגעיאָגט.

— זע נאָר, אַ באַרישניע, האָט ער געשריגן. האָסט אוודאי געהאַט אַ טאַטן אַ בורזשוי־קאַפּיטאַליסט און אַ מאַמען אַ פּריצטע. מיר וועלן דיר „אַרויסיאָגן די פליי פון דער נאָז", אָדער צעשיסן ווי אַלע בור־זשויסקע הינט.

פון די געשרייען האָט עליאש זיך איבערגעוועקט, ער איז אַרויס־געלאָפן און אָפּגעטריבן וואָלאָדקען פון באַשען.

— אַ „יעווריסקי קאַהאַל" ווילט איר דאָ מאַכן? האָט וואָלאָדקע

געשריגן, איר יעוורעיסקע סוחרים, בורזשויען, גנבים, שווינדלער. איר — —

— פארמאך דאס פיסק, האט אים עליאש אפגעענטפערט, וואס קאנסטו טון, אז דיין מארדע געפעלט איר נישט?

וואלאדקע איז אריינגעלאפן כאפן א ביקס, חברה האבן אים צוריקגעהאלטן. קאסטיא, דער קאמענדאנט, איז געקומען ארויסצולויפן און דערלאנגט וואלאדקען אין דער מארדע אריין.

וואלאדקע איז אוועקגעלאפן טיף אין וואלד אריין. דער עולם האט גענומען צוריק אריינגיין אין די זשעמליאנקעס.

— ווו וועל איך שלאפן? האט באשע געפרעגט קאסטיאן.

— קיין קלויסטער פאר נאנעס האבן מיר דא נישט.

עליאש האט געמאכט פאר איר פלאץ־צום־שלאפן לעבן זיין מיידל. עליאש האט געווארנט באשען: דו מוזסט זיך אויסקלויבן א בחור, לאנג וועסטו דא אזוי נישט אנהאלטן...

עליאשן וואלט זי אפשר אויסגעקליבן. עליאש אבער האט זיין מיידל. פעלעק איז אויך נישט קיין שלעכטער בחור, אביסל א היציקער, אבער נישט קיין פראסטער... נאר וואס ווייסט זי וועגן אים?

„דו קלויבסט, טאקע ווי א „בורזשויסקע פאניענקע" האט געקליבן א חתן", האט זי זיך געמוסרט.

ווען עמיץ וואלט געוווסט וואס זי טראכט... זיי וואלטן געקייכט פאר געלעכטער. אפילו עליאש וואלט געלאכט.

זי טראכט, — נאך דער מלחמה וועט פעלעק זיך פארלאזן א לאנגע טשופרינע, זי וועט קעמען מיט די פינגער זיינע האר, פעלעק וועט טון א ווארף מיטן קאפ, די האר וועלן אים פאלן אין די אויגן אריין, וועט ווידער טון א ווארף מיטן קאפ אוןווארפן די האר אויף צוריק, זייער קינד וועט דערפון לאכן, לאכן...

זי קען דאך אים כמעט נישט, פעלעקן. וועט ער האבן געדולד זיך צו שפילן מיטן קינד? וועט ער זיין א גוטער טאטע?

פעלעק האט נישט געזען, אז באשע זוכט זיין בליק, אז זי זוכט רעדן מיט אים. עליאש האט אמאל געזען, ווי באשע איז רויט געווארן,

ווען פעלעק איז צוגעגאַנגען צו איר. די נאַכט, ווען באַשע האָט זיך געלייגט שלאָפן, האָט זי פּלוצים דערזען, אַז פעלעק ליגט לעבן איר.

באַשע איז געלעגן מיט אַ פאַרהאַקטן אָטעם און געוואַרט. זינט זי האָט גענומען טראַכטן וועגן פעלעקן, איז זי שלעכט געשלאָפן ביינאַכט. זי האָט מיט אויפגעשפּיצטע אויערן אויפגעכאַפּט די שושקערייען פון די פּאָרלעך... די קלאַנגען פון קושן... אַז זי איז איינגעשלאָפן, האָט זי זיך געקושט און געהאַלזט... אין דעם זעלביקן חלום האָט דער בחור געהאַט פאַרשידענע פּנימער. טיילמאָל איז עס געווען עליאַש, טיילמאָל באָלעק — איר „סימפּאַטיע" פון גימנאַזיע, צומיינסט איז עס געווען פעלעק...

באַשע איז געלעגן און געוואַרט. נאָר ווען ער האָט זי אָנגערירט האָט זי אים אָפּגעשטופּט פון זיך. זי וויל אָנשטעלן אַ צנועהלע, מאַכט די שטיק וואָס מיידלעך האָבן געמאַכט אין דער היים, האָט פעלעק געטראַכט, און פעסטער זי געקלאַמערט.

באַשען האָט אַרומגעכאַפּט אַ שוידער. אַלץ אין איר האָט זיך אָנגעשפּאַנט קעגן פעלעקן. זי האָט זיך געשעמט צו שרייען. זי האָט פאַרביסן די ליפּן, מיט פאַרקראַמפּטע הענט זיך אָפּגעוועהרט, ביז פעלעק איז אויפגעשפּרונגען און אַוועק פון איר.

קאָסטיאַ האָט זי גערופן „מאָנאַכינאַ", „נאָנע". דער צונאָמען האָט זיך אָנגענומען. אפילו עליאַש האָט זי אַזוי גערופן. מען האָט געחוזקט, אַז זי שיסט „צום רבונו של עולם אין פענצטער אַריין". איז דען מעגלעך באַלד ביים ערשטן מאָל צו שיסן אין ציל? אָבער פון דער „נאָנע" האָט מען בכלל נישט דערוואַרט, אַז זי וועט זיך ווען עס איז אויסלערנען שיסן.

די נאָענטסטע עטלעכע וואָכן זענען געווען שווערע פאַר דער גאַנצער גרופּע. פינף פּאַרטיזאַנער זענען אַוועק אין אַ דאָרף אַריין ברענגען שפּייז, קיין איינער פון זיי איז נישט צוריקגעקומען. מען האָט שפּעטער געפונען די טויטע גופים נאָר פון פיר חברים. דער פינפטער איז, ווייזט אויס, געפאַנגען געוואָרן לעבעדיקערהייט. באַשע האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרוואָס מען האָט באַלד גענומען עוואַקואירן דעם לאַ־

גער, פארוואס מען האט איבערגעלאזט די גוט־איינגעארדנטע „זשעמ־ליאנקעס" און באזעצט זיך אויף א זומפיקן פלאץ ערגעץ אין דעם אנ־דערן עק וואלד. סטאך, דער געפאנגענער פארטיזאנער, איז דאך אזא גוטער חבר...

— כ'מיין אויך — ער וועט נישט מסרן, אבער מען קאן קיינמאל נישט וויסן... האט עליאש געזאגט.

— סטאך וועט בעסער שטארבן.

— זיי וועלן דען אים לאזן שטארבן? ער וואלט זיך נישט געלאזט נעמען לעבעדיקערהייט. זיי האבן אים זיכער געכאפט א פארוווּנדיקטן — א פארחלשטן. זיי וועלן אים היילן, פייניקן, ווידער היילן און ווידער פיי־ניקן. אזוי אן א סוף, טעג, וואכן, חדשים. סטאך וועט מסתמא אויסהאלטן, אבער ווער קאן וויסן? געווען דא איינער — יאנעק, פיר חדשים האט ער אויסגעהאלטן, דערנאך אלץ אויסגעזאגט פארן חסד צו לאזן אים שטארבן. די דייטשן זענען אנגעפאלן אומגעריכט, מער ווי א העלפט פון דער גרופע איז אומגעקומען.

***

קוים באוויזן זיך איינצוארדענען אויף דעם נייעם פלאץ, איז גע־קומען א באפעל אויפצורייסן א באן־בריק. די בריק איז געווען שטארק באוואכט. דריי פארטיזאנער זענען געפאלן אין קאמף. באלד צומארגנס ווידער א צוזאמענשטויס מיט דייטשן. עליאש און וואלאדקע האבן אנ־געפירט מיט דער שלאכט. דער קאמף איז געווען א שווערער, מען איז פונדעסטוועגן אפגעקומען נאר מיט איין קרבן — עליאש איז געפאלן.

די קעמפער זענען צוריקגעקומען גראד צום אנבייסן. מען האט דער־לאנגט צום טיש א שמעקעדיקע זופ. מען האט זיך אוועקגעזעצט צום טיש, גענומען א לעפל צום מויל און באלד צוריק אפגערוקט די שיסל. הע־לא, עליאשעס מיידל איז געלעגן אויף דער פריטש און געכליפעט. ביי אלעמען איז דער שלונג געווען פארשטיקט מיט טרערן. אלע האבן זיך געפילט פאריתומט נאך עליאשן.

וואָלאָדקע איז אויך געווען אַנדערש ווי אַלעמאָל. זיין פּנים — איין שטיק פייער. אויך ער האָט וויניק־וואָס געגעסן, נאָר געוויקלט מאַכאָרקע־טאַבאַק אין צייטונג־פּאַפּיר, פאַררויכערט איין פּאַפּיראָס נאָכן אַנדערן. באַשע האָט אַלעמאָל אַ קוק געטון אין זיין זייט, זי האָט גאָרנישט געקאָנט אָראָפּלייענען פון זיין טעמפּן פּנים. באַשע האָט אויסגעפרעגט ביי די חברים, ווי עס איז דאָרט געווען וואָלאָדקעס פּאָזיציע און ווי עליאָשעס פּאָזיציע. זי האָט גאָרנישט געקאָנט אַרויסקריגן. דער קאַמף איז געווען אַ שווערער, מען קאָן נישט געדענקען, עליאָש האָט שטענדיק גענומען אויף זיך די גרעסטע סכנות. באַשע האָט פונדעסטוועגן געטראַכט, אַז עליאָש איז געפאַלן נישט פון אַ דייטשער קויל...

ביינאַכט האָט באַשע, ווי שטענדיק, זיך געלייגט נעבן העלאַן. העלאַ האָט זיך געטוליעט צו איר. באַשע האָט קיין מוט נישט געהאַט איר אַ גלעט צו טון. אָרעמע העלע, דו ווייסט גאָרנישט, אַז איבער מיר איז געשען דאָס אומגליק.

עס איז שוין געווען פינצטער אין דער זשעמליאַנקע, ווען עס האָט זיך עמיץ אוועקגעלייגט נעבן באַשען. זי האָט נישט געזען ווער דאָס איז, זי האָט אָבער געוווּסט, ווער דאָס איז, זי האָט געוווּסט, אַז עס וועט אַזוי זיין...

באַשעס אַ ביס מיט די שאַרפע ציינער האָט געעפנט דעם קלאַמער פון וואָלאָדקעס שטאַרקע הענט. באַשע איז אויפגעשפרונגען און איז אַרויסגעלאָפן אין וואַלד אַריין. זי איז געלאָפן אָן אָפּשטעל. זי האָט שוין מער נישט געהערט קיין טריט הינטער זיך, זי איז ווייטער געלאָפן, ביז זי איז אַנידערגעפאַלן.

זי האָט געוויינט און געוויינט. דער האַלדז האָט שוין ווי געטון פון שלוכצן, און די טרערן האָבן זיך געגאָסן, געגאָסן, ווי אַלע דאַמבעס וואָלטן זיך אויפגעעפנט. קיין טרערן זענען שוין נישט געווען און דער גוף האָט נאָך געצוקט ווי אין גסיסה... מיט יעדן צוק אַ שטיק חיות אַרויסגעבראָכן. זי איז געבליבן ליגן אינגאַנצן אָן כּחות.

ווען זי האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז שוין געווען העלער טאָג. די זון האָט זיך אַדורכגעריסן דורך דער ביימער־געדיכטעניש און זי גע־צערטלט מיט אַ מילדער וואַרעמקייט.

וואָס זאָל איך טון? וווהין אַנטלויפן? די אויגן זענען ווידער פאַר־לאָפן געוואָרן מיט טרערן.

וואָס איז דאָס עפּעס! האָט זי אָנגעשריגן אויף זיך אַליין. זי האָט מיט האַסטיקע בעסדיקע באַוועגונגען אויסגעווישט די אויגן.

כ'האָב דאָך נישט וווהין צו גיין, האָט זיך נאָך עפּעס אין איר גע־פּיעשטשעט.

גיי צוריק! האָט זי זיך באַפוילן, און אין דעם באַפעל איז געווען אַזאַ האַרטקייט וואָס דערלאָזט נישט קיין אָפּפרעגן.

זי האָט זיך גענומען פּאַמעלעך אויפשטעלן.

— ריר זיך! האָט זי אויף זיך אָנגעשריגן. זי איז אויפגעשפּרונגען, גענומען גיין. איר טראָט איז געוואָרן וואָס אַמאָל פעסטער, איר בליק זיכער און שאַרף.

באַשע איז אַריינגעקומען אין דער זשעמליאַנקע, גראָד ווען מען האָט געגעסן אָנבייסן. וואָלאָדקע איז געזעסן אַריבערגעבויגן איבער זיין שיסל, נישט באַמערקט איר אַריינקומען. זי איז צוגעגאַנגען אים אַ שטורך געטון: העי, וועסט העלפן אָנשיילן קאַרטאָפל צום מיטאָג. וואָ־לאָדקע האָט זיך אויסגעדרייט צו איר, אָנגעקוקט זי מיט אַ פינצטערן בליק. ער האָט באַגעגנט באַשעס שטאָלענעם בליק, אַ רגע זי אָנגעקוקט מיט נייגיר און אַראָפּגעלאָזט די אויגן. — דו ווערסט פעט און פויל פון ליידיק גיין, האָט באַשע אים צוגעוואָרפן און אַוועקגעגאַנגען.

נאָך דעם זעלבן טאָג איז אויסגעקומען, באַשע זאָל אַרויסגעבן גע־ווער צו חברים וואָס האָבן באַדאַרפט אַרויסגיין פּאַטרולירן דעם וואַלד. זי האָט דערלאַנגט אַ ביקס צו אַ פּאַרטיזאַנער. יענער האָט מיט חוזקדי־קער העפלעכקייט אַ זאָג געטון: דזשענקויען פּאַני (כ'דאַנק דער פּאַני).

— דו, צעבראָכענער קאַפּעליוש, האָט באַשע צו אים אויסגעשריגן, לערן זיך בעסער אויס ווי צו האַלטן אַ ביקס אין האַנט, אַ ביקס איז נישט אַ בעזים!

עולם האָט אויסגעבראָכן אין א געלעכטער. דער פּאַרטיזאַנער האָט א געשריי געטון צו באַשן: נאַנע! ,

באַשע איז צוגעשפּרונגען און האָט אים דערלאַנגט א פּאַטש.

— איך וועל אויספּראַסקען די פּיסקעס יעדן איינעם וואָס וועט זיך דערוועגן מיך צו רופן נאַנע, האָט באַשע אויסגעשריגן און איז אוועק מיט א שטאָלצן טראָט.

— זע נאָר זע. געמיינט, דאָס קאָן קיין צוויי נישט ציילן און עפּנט גאָר אַזאַ פּיסק, — האָט איינער זיך געוואונדערט.

— „אַלע שטילע וואַסערלעך גראָבן טיף״, האָט אַן אַנדערער גע־ענטפערט.

— „אַלע פרומע קעצעלעך האָבן שאַרפע נעגל״...

באַשע האָט שוין געקאָנט גוט שיסן. ווען מען האָט צוזאַמענגענומען גע־קליבן מענטשן צו שיקן אויף אַן „אַקציע״, האָט זיך באַשע צוגעשטעלט פרייוויליק.

מען האָט זיך אָפּגעשטעלט אין א דאָרף, גענומען פערד ביי די פּויע־רים, צו רייטן א שטיק וועג. באַשע האָט נישט אויסגעזאָגט, אַז זי איז נאָך קיינמאָל פריער נישט געפאָרן רייטנדיק. זי האָט זיך איינגעקוקט ווי די יונגען שפּרינגען אַרויף אויף די פערד. א חבר איז צוגעקומען, העלפן באַשען אַרויפקריכן, ער האָט אונטערגעשטעלט זיין פּלייצע ווי א טרעפּ. באַשע האָט אים אָפּגעשטופּט. זי איז אַליין אַרויפגעשפּרונגען, עס איז איר געלונגען מיט דעם ערשטן שפּרונג זיך אַרויפצוזעצן אויף דעם פערד.

זי האָט געזען ווי אַנדערע שפּרינגען אונטער ביים רייטן, האָט זי אויך אַזוי געטון. דאָס פערד האָט זי צעשאָקלט, אָפּגעריבן די שענקלען, זי האָט פאַרביסן די ליפּן און איז נישט אָפּגעשטאַנען פון די אַנדערע.

זי האָט איצט מער נישט אויסגעמיטן וואָלאָדקען. ווען נאָר זי האָט באַמערקט, אַז ער קוקט אויף איר, איז זי אים אַנטקעגנגעשפּרונגען מיט אַזאַ שאַרפן שניידיקן בליק, אַז וואָלאָדקע האָט באַלד אָפּגעקערט דאָס פּנים.

„ער איז דאָך גאָר א פּחדן דער גאַנצער וואָלאָדקע״, האָט זי באַלד איינגעזען. זי האָט שוין מער נישט באַדאַרפט אָנשטעלן ווילעדישקייט,

זי האָט שוין באמת מער פאַר אים נישט מורא געהאַט. וואָלאָדקע האָט זי מער נישט געטשעפּעט, שטענדיק אויסגעמיטן איר קוק, נאָר ווען זי איז געווען אויסגעדרייט צו אים מיטן רוקן, האָט ער זי באַגלייט מיט אַ פינצטערן בליק.

באַשע האָט זיך געהיטן נישט צו גיין אויף אַן אַקציע צוזאַמען מיט וואָלאָדקען. איינמאָל ווען זי איז שוין געשטאַנען אין דער ריי אַוועק־צוגיין, האָט זיך וואָלאָדקע אויך צוגעשטעלט ווי דער אָנפירער פון דער גרופּע. באַשע האָט שוין געוואָלט צוריק אויסטון דעם אויטאָמאַט, אָבער ניין. וואָלאָדקע טאָר נישט זען, אַז זי האָט מורא. קיינער טאָר נישט זען, אַז זי האָט מורא. זי איז אַוועק מיט דער גרופּע. זי האָט זיך באַמיט צו זיין די גאַנצע צייט נעבן וואָלאָדקען, אים נישט אַפּנעלאָזט פון אויג.

חברה האָט פיבערדיק געאַרבעט ביים פאַרלייגן אַ מינע אויף די באַן־רעלסן. אין פּופצן מינוט אַרום האָט דאָ באַדאַרפט אַדורכלויפן אַ דייטשער מילטערישער צוג. באַשע איז געשטאַנען אויף אַן אָבסערוויר־פּונקט, געהיט צי עס קומט נישט אָן אַ דייטשע וואַך. פּלוצלינג איז גע־פאַלן אַ שאָס. אַ קויל האָט אַ פייף געטון פאַרביי באַשעס אויער. די קויל איז געקומען פון הינטן, פון דאָרטן וווּ עס זענען געשטאַנען די חברים.

באַשע האָט זיך אַ וואָרף געטון אויף דער ערד. זי האָט באַלד דער־זען: פון אונטער אַ בוים האָט אַפּויר געגלאַנצט אַ לויערנדיק אויג. באַשע האָט אָנגעצילט דעם אויטאָמאַט אַפּצופייערן אַ שאָס. זי האָט זיך אָבער באַלד געכאַפּט, אַז אַ שיסעריי וועט שאַפן אַ מהומה און שטערן דער אַקציע. זי האָט געגעבן אַ צייכן, אַז אַלץ איז אין אָרדענונג און ליגנדי־קערהייט ווייטער אָבסערווירט דעם שאָסיי, אַכטונג געגעבן, צי עס קומען נישט אָן די דייטשן.

די מינע איז געווען פאַרלייגט. חברה איז אַפּגעשפּרונגען פון די שי־נעס און אַריין אין וואַלד אַריין. מיט אַ קאַץ־שפּרונג איז באַשע געבליבן שטיין קעגנאיבער וואָלאָדקען, דעם אויטאָמאַט אָנגעצילט צו זיין ברוסט.

— רוקי ווערך (די הענט אין דער הויך)! האָט זי אַ געשריי געטון.

וואָלאָדקע האָט אויפגעהויבן די הענט מיט דער ביקס צוזאַמען.

— לאָז אַראָפּ די ביקס!

די ביקס איז געפֿאַלן לעבן וואָלאָדקעס פּיס.

— דריי טריט צוריק!

וואָלאָדקע האָט אויסגעפֿאָלגט, באַשע איז צוגעשפּרונגען, אויפֿגע־הויבן זיין ביקס.

— אַלע ציִען זיך צוריק אונטער מיין קאָמאַנדע! האָט באַשע באַ־פֿוילן. באַלעק און יאַנעק בלייבן צו אָבסערווירן דעם אויפֿרייס, דעריאַגן אונדז ביי דער פּאָליאַנע.

קיינער האָט נישט געוווּסט, וואָס עס איז געשען. באַשע האָט זיך געוווּנדערט וואָס אַלע פֿאָלגן זי. די גרופּע איז צוריקגעגאַנגען מיט אַ האַלב־לויפֿנדיקן טריט, באַשע איז געלאָפֿן הינטער וואָלאָדקען, דעם אויטאָמאַט אָנגעצילט צו זיין רוקן.

באַלד האָט זיך דערהערט אַ דונער. די ערד האָט אַ ציטער געטון פֿון אויפֿרייס. אַלע האָבן זיך געוואָרפֿן אויף דער ערד. וואָלאָדקע האָט גענומען אַוועקלויפֿן אין אַ זייט.

ער וועט אונדז מסרן! האָט באַשע אויסגעשריגן. נישט שיסן. די שיסעריי וועט ווייזן די דייטשן, ווו מיר זענען, די ריכטונג אין וועלכער מיר לויפֿן. יאָגט אים נאָך, כאַפּט אים!

מען האָט אים שנעל געכאַפּט. איצט האָט מען אים שוין אַרומגע־רינגלט פֿון אַלע זייטן.

צומאָרגנס איז געקומען דער הויפּט־קאָמענדאַנט פֿון גאַנצן אָטריאַד, אַ רוסישער פּולקאָווניק. אויסגעהערט ווי עס איז געווען, האָט ער אַרויס־געכאַפּט דעם רעוואָלווער צו דערשיסן וואָלאָדקען. באַשע האָט אים אָנ־געכאַפּט ביי דער האַנט. שיס אים נישט, ער איז אַ גוטער קעמפֿער, נעם אים נאָר צו פֿון דאַנען. דער קאָמענדאַנט האָט אָפּגעשטופּט באַשען, אַוועקגעפֿירט וואָלאָדקען ווייטער אין וואַלד אַריין. באַלד האָבן זיך דער־הערט עטלעכע שאָסן.

אין דעם ראַפּאָרט וואָס מען האָט שפּעטער פֿאַרגעלייענט, איז גע־ווען אָנגעגעבן דער מאָטיוו פֿון אורטייל: מיט זיין שאָס, האָט ער גע־קאָנט צעשטערן די אַקציע קעגן שונא... אין דעם זעלבן ראַפּאָרט האָט

מען באַשען געלויבט — פאַר דעם מוטיקן דערפירן די אַקציע קעגן שונא צו אַ דערפאָלג.

***

יענעם אָוונט האָט באָלעק אַ פרעג געטון באַשען מיט אַ נישט־דרייסט קול: ווילסט אַרויסגיין מיט מיר אַביסל שפּאַצירן?

— גיי אַוועק, ווייל וועסט האָבן צו טון מיטן פּאָלקאָווניק, האָט באַ־שע אַ שפּאַס געטון.

באָלעק איז אַוועק מיט אַ שנעלן טראָט.

צומאָרגנס האָט העלאַ דערציילט באַשען: מען שושקעט זיך, אַז דו ביסט די געליבטע פונעם הויפּט־קאָמענדאַנט. באַשע האָט אַ שמייכל גע־טון און געטראַכט: בעסער אַזוי...

***

אַ האַלב יאָר איז אַפּגעלאָפן. עס זענען ווייניק געבליבן ביים לעבן פון די חברים וואָס זענען געווען אין דער גרופּע, ווען באַשע איז אָנגעקומען אין וואַלד אַריין. די וואָס זענען יאָ דעמאָלט געווען, האָבן אויך מער נישט געדענקט באַשען ווי אַ „נעבעכל", אַ „נאָנע". מיט וועמען נאָר דער דאָקטאָר האָט גערעדט וועגן באַשען, האָבן אַלע אים געוואָרנט: היט זיך דיין פעל, זי איז דאָס ריכטיקע שטיקל סחורה...

— .27 —

— דאָקטאָר...

— רוף מיך נישט דאָקטאָר, רוף מיך ביים נאָמען, ווי איך רוף דיך באַשעלע... רוף מיך איצאַק.

— איצאַק איז מיר פרעמד. איצאַק איז אויף יידיש — יצחק — איטשע. איך האָב געהאַט אַ ברודערל איטשעלע — איך וועל דיך רופן איטשע, ווילסט?

— אַז דיר איז ליב אַזוי... איך האָב נישט געוווסט ווי עס איז אויף יידיש.

— און ווי האָט דיין טאַטע געהייסן, פרעגט זי.

— אַדאָלף.

— אָבער ווי האָט ער געהייסן אויף יידיש? אַדאָלף קען זיין אַב־רהם, קען זיין אהרן. מען וועט עס דאַרפן איינשרייבן, ווען מיר וועלן נאָך דער מלחמה חתונה האָבן ביי אַ רב, דו ווייסט נישט?

— איך ווייס נישט.

— און וואָס ביסטו, אַ כהן צי אַ לוי? מיין טאַטע איז געווען אַ כהן.

— דו ווייסט דאָך איך בין אַן אינטערניסט.

זי צעלאַכט זיך; דאָס מיינט נישט די פּראָפעסיע; כהנים, לוויים, ישראלים, דאָס זענען באַצייכענונגען פון דער היראַרכיע ביי יידן.

— זיי מוחל, טייערינקע, איך ווייס גאָרנישט וועגן דעם. דו וועסט מיך לערנען, איאָ, באַשעלע? איך וויל אַלץ וויסן... איך וויל זיין אַ ייד ווי דו... אַ מענטש, וואָס האָט פיינט זיין שטאַם, איז ווי עמיץ וואָס האָט פיינט זיין מאַמע... אַ שלעכטער מענטש, אַ — — —

ער רייסט פּלוצלינג איבער און בלייבט זיצן שוויינגדיק, טרויעריק.

— נו זיי נישט טרויעריק, איטשע, איטשעלע... דו האָסט דאָך נישט פיינט געהאַט, דו האָסט נאָר גאָרנישט געוווסט...

איך? האָקט ער איבער אירע רייד און ווערט ווידער אַנטשוויגן.

ווען זיי גייען צוריק צום לאַגער, זאָגט ער שטיל און פאַרשעמט: רוף מיך איטשע... איך בין אַזוי — — דו קענסט גאָרנישט וויסן ווי גוט דאָס מאַכט מיר... ווי דאָס לייזט מיך אויס... רוף מיך איטשע...

איבער אַלע קאָמפּלעקסן אין דעם גרויסן וואַלד, צווישן אַלע פאַר־טיזאַנער גרופּעס צעטראָגט זיך שנעל די ידיעה וועגן באַשען מיטן דאָק־טאָר. מען האָט אומעטום ליב באַשען און מען פאַרגינט דעם דאָקטאָר. ער איז אַזוי איבערגעגעבן, אַזוי גוט צו אַלעמען.

דער דאָקטאָר קלערט ווי אַזוי אָפּצולייקענען דאָס וואָס מען זאָגט וועגן באַשען. אַזעלכע מיאוסע זאַכן וועגן אַזאַ כשר קינד... אָבער ע־

דארף נישט אַפּלייקענען, מען האָט פּשוט פאַרגעסן וואָס מען האָט אַמאָל געזאָגט. באַשע שעלט נישט מער, באַשע זידלט נישט מער, באַשע איז אָבער ווייטער די ערשטע צו די שווערסטע „אויפגאַבעס".

— .28 —

אַ קליינע גרופּע צען פּאַרטיזאַנער ווערט אַרויסגעשיקט אויף אַ געוועלנלעכער אַקציע צו ברענגען שפּייז. אַלץ גייט אַדורך בשלום, חברה לאָזט זיך האַפּערדיק גיין צוריק אין וואַלד אַריין. עס איז שוין נאָכמי־טאָג, ווען עס קומט זיי אויס אַדורכצושניידן אַ שאָסיי בכדי אַריינצו־קומען אין יענעם טייל וואַלד, וווּ עס געפינט זיך דער לאַגער. ווען זיי קומען צו צום שאָסיי, הערט זיך אַ גערויש פון אָנקומענדיקע אויטאָס.

אין דער געגנט, וואָס איז באַהערשט פון די פּאַרטיזאַנער, באַווייזן זיך די דייטשן גאַנץ זעלטן. ווען זיי מוזן דאָ אַדורכפאָרן, פאָרן זיי אין גרויסע, שטאַרק־באַוואָפנטע קאָנוואָיעס. די פּאַרטיזאַנער האָבן סך־הכל אַכט געוועלנלעכע ביקסן און צוויי אויטאָמאַטן, באַשליסט מען, נישט צו פאַרטשעפּען דעם קאָנוואָי.

דער וועג שלענגלט זיך, מען זעט נאָך נישט די אויטאָס, פּרובירט מען אַריבערלויפן דעם וועג איידער זיי קומען אָן. נאָר באַשע און יורעק באַווייזן אַריבערצולויפן. דער ערשטער אויטאָ קומט אַרויס פון דעם וועג־אויסבויג און דער גאַנצער וועג צווישן וואַלד בלייבט אָפן פאַר זייע־רע אויגן. די אַכט פּאַרטיזאַנער ציען זיך צוריק אין וואַלד אַריין און באַהאַלטן זיך הינטער ביימער.

דעם קאַלב, וואָס זיי פירן, פאַרשטאָפּט מען דאָס מויל, מען פירט עס אַריין טיפער אין וואַלד אַריין און מען בינדט עס צו צו אַ בוים. אַזוי וואַרט מען, די דייטשן זאָלן פאַרבייפאָרן, מען זאָל קענען גיין ווייַ־טער. אויף אַ בוים הינטער דער סאַמער קרוין זיצט אַ פּאַרטיזאַנער און היט דעם וועג.

די קאָלאָנע פאַרהאַלט זיך ביים עק וואַלד. אַ פופציק דייטשן שפּרינ־

גען אראָפּ פון די אויטאָס, די קעפּ מיט שטאָלענע העלמען, אין די הענט — אויטאָמאַטן, ביקסן און לייכטע מאַשין־ביקסן. אויף דעם דאַך פון שאָפער־ביידל ביים ערשטן אויטאָ שטייט אַ שווערע מאַשין־ביקס.

די דייטשן באַוועגן זיך שטיל און רעדן צווישן זיך שטיל. עס איז קלאָר, אַז זיי זענען אהער געקומען אויף אַן אַקציע. די דייטשן ווייסן, זעט אויס, אַז די פּאַרטיזאַנער דאַרפן דאָ אדורכגיין. מען האָט, מן הסתם גע־מסרט וועגן דער אדורכגעפירטער אַקציע, אין דאָרף.

נאָר אַ קליינע גרופּע דייטשן בלייבט ביי די אויטאָס. אַלע אַנדע־רע גייען אַוועק פאַראויס. זיי באַוועגן זיך פריי אויפן שאָסיי. זיי זענען זיכער, די פּאַרטיזאַנער זענען נאָך נישטאָ. דער מסור האָט איבערגעגעבן, אַז זיי זענען אַוועק פון דאָרף צופוס, זיי ווייסן נישט, אַז פּויערים האָבן מיט זייערע וועגענער צוגעפירט די פּאַרטיזאַנער אַ שטיק וועג — ביז צום ערשטן וואַלד.

דער דייטשער אָפיציר מעסט מיט זיין בליק דעם אַרום און גיט אַרויס באַפעלן, וווּ זיינע זעלנער זאָלן פאַרנעמען פּאָזיציעס אָפּצוּוואַרטן די פּאַרטיזאַנער.

אַז עס איז נישט מעגלעך אויסצומיידן דעם קאַמף, איז גלייכער אים אויפצונעמען, איידער די דייטשן פאַרשטעקן זיך אין די ראָוועס. אַזוי באַשליסט פעלעק, דער אָנפירער פון דער גרופּע. ער שאַרט זיך צו צום ראַנד פון וואַלד, די דייטשן שטייען נאָך אין אַ קופּע אַרום זייער אָפיציר. אַ פאָכע מיט דער האַנט אָנצונעמען שוווּנג און אַ בינטל גראַ־נאַטן פליט צו די דייטשן.

רויך, זאַמד, שטיינער און שטיקער איברים געבן אַ שאָס אַרויף אין דער לופטן. מער ווי אַ צענדליק דייטשן זענען צעריסן געוואָרן פון די גראַנאַטן. די אַנדערע פאַרשטעקן זיך אין דעם ראָוו פון דער קעגנאיי־בערדיקער זייט שאָסיי, און עפענען אַ שיסעריי. זיי גייען נישט אַריין אין וואַלד, וווּ פון אונטער יעדן בוים קען מען שיסן אויף זיי. ווייסן די פּאַר־טיזאַנער, וווּ די דייטשן זענען און שיסן צום ציל, די דייטשן שיסן בלינד, ווייסן נישט גענוי וווּ די פּאַרטיזאַנער באַהאַלטן זיך.

פונדעסטוועגן איז די לאַגע פון די פּאַרטיזאַנער נישט קיין גוטע.

זיי האָבן נאָר זעקס מאַגאַזינען מיט קוילן פאַר די אויטאָמאַטן, אויך פאַר די ביקסן האָבן זיי ווייניק קוילן. דער שטח צווישן די קעמפּנדיקע איז אַזאַ קליינער, אַז מ'האָט פון די ביקסן סייווי נישט קיין גרויסן נוצן. אַ העלפט פון אַלע גראַנאַטן האָט פעלעק אויסגענוצט ביים ערשטן אָנגריף. איצט זענען געבליבן נאָר פינף גראַנאַטן, וואָס פעלעק צעטיילט צו פינף קעמפער — יעדן איין גראַנאַט. געוועז נאָך אַביסל גראַנאַטן, אָבער דאָס האָבן באַשע מיט יורעקן מיט זיך. מען הערט גאַרנישט פון זיי, זיי זענען מן הסתם אַוועק אַלאַרמירן דעם לאַגער און ברענגען פאַרשטאַרקונגען, צי וועלן זיי עס באַווייזן? די דייטשן שיסן טאַקע בלינד, אָבער זיי האָבן אַ סך אויטאָמאַטן און דאָס שווערע מאַשין־געווער באַהאַלט געדיכט מיט קוילן דאָס גאַנצע וועלדל.

דער אויסקוקער גיט אַ צייכן, אַז די דייטשן קריכן אַוועק ווייטער אויף רעכטס לענגאויס דעם ראָוו. זיי מיינען דאָרט צו קענען אַריבערקריגן זיך אומבאַמערקט איבער דעם שאָסיי און באַפאַלן די פּאַרטיזאַנער פון הינטן. צוויי פּאַרטיזאַנער מיט גראַנאַטן און ביקסן לאָזן זיך אין יענער ריכטונג. ווי נאָר די דייטשן קריכן אַרויס פון ראָוו פליט צו זיי אַ גראַנאַט, די גאַנץ־געבליבענע ציען זיך צוריק.

ווידער אַ זיג. אָבער דאָס מאַשין־געווער צילט וואָס אַמאָל בעסער און דאָ לאָזן זיך אויס די קוילן. צוריקציען זיך, איז נישטאָ וווהין, דאָס וועלדל אויף דער זייט שאָסיי איז קליין, אַרויסגיין אויפן אָפענעם פעלד טאָר מען נישט.

פעלעק גיט אַ באַפעל אָפּצושטעלן דאָס פייער און שיסן נאָר דעמאָלט, ווען די דייטשן וועלן פּרובירן ענדערן זייער אָפּאָזיציע. אפשר וועט מען קענען דערציען ביז באַשע וועט באַווייזן צו ברענגען פאַרשטאַרקונגען.

מען מוז כסדר פאַרטיידיקן די פלאַנקן. די דייטשן וואָס זענען געבליבן הינטער די אויטאָס פּרובירן אַרומצורינגלען די פּאַרטיזאַנער פון לינקס, צוויי גראַנאַטן שטויסן זיי צוריק. אָבער גראַנאַטן זענען סך הכל געבליבן נאָך צוויי און ביז פאַרשטאַרקונגען קענען באַווייזן אָנצוקומען מוז נאָך נעמען מינדעסטנס אַ צוויי שעה.

דאָס גלייכסטע וואָלט אפשר געווען אריבערצושפּרינגען דעם שאָסיי גלייך אויף די דייטשן ארויף, אדורכרייסן זיך און לויפן טיפער אין וואַלד אריין, דאָרטן איז דער וואַלד גרויס און געדיכט. די פּארטיזאַנער קענען יעדעס שטעגל. ווען עס וועט געלינגען לעבעדיק אריבערצוקומען אין יענעם וואַלד אריין, דער וועט זיין געראַטעוועט. אז מען וועט אויסשיסן די לעצטע קויל און די לעצטע צוויי גראַנאַטן, וועלן אַלע אומקומען.

ווען נישט די גרויסע מאַשין־ביקס וואָלט אפשר מעגלעך געווען דאָס אדורכצופירן, אָבער די מאַשין־ביקס זייעט אַזוי געדיכט די קוילן, אז קיין איינער וועט נישט אריבערקומען, ווען זי וועט אויף דעם שאָסיי האָבן אַן אָפענעם ציל. צום אומגליק שטייט די מאַשין־ביקס אַזוי ווייט, אז מען קען זי מיט קיין גראַנאַט נישט דערגרייכן.

שוין פאַראַן אַ קרבן. דער ערשטער קרבן.

וואָס וועט זיין?

פּלוצים האָט די מאַשין אויפגעהערט שיסן, באַלד דערנאָך הערט זיך אַ גראַנאַטן־אויפרייס פון דעם אָרט, וווּ עס שטייען די אויטאָס.

זענען שוין אָנגעקומען פארשטאַרקונגען פונעם לאַגער? נישט מעגלעך. זיי האָבן עס נישט געקענט באַוויזן אַזוי שנעל.

אָט שיסט די מאַשין־ביקס ווידער, בחנם געהאָפט...

זע נאָר, זע, די מאַשין־ביקס שיסט און אין וועלדל ביי די פּארטיזאַנער פאַלן נאָר איינצלנע קוילן פון ביקסן און אויטאָמאַטן. אויף יענער זייט, ביי די דייטשן — אַ מהומה, געשרייען, קללות. די מאַשין־ביקס שיסט צו די דייטשן! איז דער שיסער משוגע געוואָרן?

צו די פּארטיזאַנער פאַלט נישט קיין איין קויל, די דייטשן זענען צעמישט. פעלעק קריכט אַוועק אין דער ריכטונג פון די אויטאָס, ער גיט באַלד אַ צייכן — אַלע זאָלן צוקומען אַהין.

באַשע האָט געהאַט באַשלאָסן אויסצונוצן דאָס וואָס זי געפינט זיך הינטערן שונאס רוקן. האָט זי יורעקן אַליין אַוועקגעשיקט נאָך הילף און זי האָט גענומען צוטראַכטן וואָס צו טון, עס זאָל צום בעסטן העלפן די חברים. זי איבערצייגט זיך גיך, אז דאָס בעסטע וואָלט געווען אומ־

שעדלעך צו מאַכן די מאַשין־ביקס. יענער וואַלד אויף דער זייט פון די דייטשן ווערט נישט געהיטן, זיי ווייסן דאָך נישט, אַז דאָרט איז עמיץ דאָ, איז איר לייכט צוצוקומען נאָענט.

זי באַשליסט צוערשט אָפּצושטעלן דאָס מאַשין־געווער, כדי זי זאָל קענען צולויפן נאָענט מיט די גראַנאַטן. צוויי דייטשן באַדינען דאָס מאַשין־געווער. זיי שטייען אַזוי אָפּן פאַר באַשעס ציל, אַז מיט די ערשטע צוויי קוילן לייגט זי זיי אַוועק.

די שאָפערן פון די אויטאָס שטייען אַלע צוזאַמען, באַהאַלטן הינטער דעם צווייטן אויטאָ. נאָך איידער זיי קומען צו זיך און באַווייזן אויפצוהייבן זייערע ביקסן, לויפט שוין באַשע אויף זיי מיט אַ בינטל גראַנאַטן. זיי פליען אין דער לופט צוזאַמען מיט שטיקער פון זייערע אויטאָס.

באַשע האָט געמיינט, אַז דאָס מאַשין־געווער וועט אויך צעריסן ווערן פון די גראַנאַטן, אָבער פון דעם ערשטן אויטאָ איז צעריסן געוואָרן נאָר דער הינטערשטער טייל, שפּרינגט זי שנעל צו, דרייט אוים דעם מאַשין־געווער אויף הינטן און פאַר זיכערקייט־וועגן דערלאַנגט זי אַ סעריע קוילן אין דעם ברוכוואַרג און אין די גאַנץ־געבליבענע אויטאָס אַריין, נאָכדעם דרייט זי צוריק און צילט אָן אויף די דייטשן. זי קען זיך קוים אַן עצה געבן, זי מוז אַליין צילן און אַליין דערלאַנגען די קוילן־טאַשמע צו דער מאַשין.

פעלעק שפּרינגט אַרויף אויפן אויטאָ און דערלאַנגט די טאַשמע צו דער מאַשין־ביקס. איצט ווערט די דייטשע פּאָזיציע געדיכט באַזייעט מיט קוילן. עטלעכע דייטשן פּרובירן זיך אַרויסקריגן פונעם ראַוו אין וואַלד אַריין, אָבער באַשע היט גוט און צילט גוט.

די גאַנצע גרופּע באַפעסטיקט זיך אַרום די אויטאָס. פעלעק וויל אוועקשטעלן עמיצן אַנדערש ביים מאַשין־געווער, באַשע זאָל קענען „אָפּכאַפּן דעם אָטעם”, אָבער באַשע וויל נישט אָפּטרעטן, ס'לוינט שוין נישט. עס וועט שוין לאַנג נישט דויערן. פלוצלינג טוט אַ קויל אַ פייף

פארביי פעלעקס אויער, באשע פאלט געבן זיינע פיס אין א קאלוזשע בלוט.

צווישן די געהרגעטע שאפערן פון די אויטאס איז איינער געווען נאר פארווונדעט, ער איז געקומען צו זיך און געשאסן אויף באשען פון הינטער איר רוקן.

פעלעק לייגט באלד אוועק דעם שיסער און ווארפט זיך העלפן באשען.

אז די מאשין־ביקס ווערט אנטשוויגן, פרווון די דייטשן צולויפן צו די אויטאס, אנדערע פארטיזאנער פארנעמען שנעל באשעס און פעלעקס ארט. די דייטשן פרובירן נאך עטלעכע מאל צוקומען צו די אויטאס מיט שטורם. די מאשין־ביקס שניידט זיי אונטער ווי א קאסע שניידט זאנגען. דערווייל קומט אן יורעק מיט פארשטארקונגען און באפאלט די דייטשן פון הינטן. ווען די נאכט פאלט צו, איז שוין נישטא קיין איין לעבעדי־קער דייטש.

טראץ דעם גרויסן זיג און גרויסן קריגס־רויב אין געווער, גייט מען אהיים מיט א שווער געמיט. אויפן שלאכטפעלד איז געבליבן א חבר און באשען טראגט מען א באוווסטלאזע — שווער־פארווונדעט.

באשען האט געטראפן א דום־דום קויל און אויסגעריסן א שטיק די גרויס פון א טעלערל. דער גאנצער רעכטער אקסל ביז צו דער ברוסט איז א שטיק צעשליסן פלייש. דער דאקטער שניידט אויף דעם צייט־ווייליקן באנדאזש, פון באשעס אקסל קוקט ארויף צו אים — א בלוי־טיקער קאלטן...

— 29 —

זי איז אויך א וויל געקומען צום באוווסטזיין. זי האט אויסגע־שטרעקט צו אים די האנט און געשמייכלט. ווי אזוי קענען ליפן זיך אויסבייגן אין א שמייכל, ווען יעדער אבער קראמפט זיך אין יסורים? ווי אזוי קען איר געפיל צו אים איבערוועלטיקן די יסורים וואס פארטרייבן פון איר דאס באוווסטזיין כמעט אויף 24 שעה אין מעת לעת?

ניין, עס איז נישט אמת, וואָס יענער ציניקער האָט געזאָגט און וואָס ע ר האָט אַזוי געוואָלט אויסנוצן צו פאַרטיידיקן זיך, אַז „עס זענען נישטאָ קיין העלדן, עס זענען נאָר דאָ העלדישע סיטואַציעס". עס איז נישט אמת! ווער עס איז אַ העלד בלייבט אַ העלד אין אַלע סי־טואַציעס: ווער עס לעבט, ווען ער קעמפט און אפילו ווען ער שטאַרבט. וואָס איז אַ העלד? אַ העלד איז אַ מענטש וואָס זיינע געפילן זענען אַזוי שטאַרק, אַז קיין שרעק האָט איבער זיי נישט קיין שליטה, און קיין יסורים האָבן איבער זיי נישט קיין שליטה, און דער טויט האָט איבער זיי נישט קיין שליטה. די זעלביקע קראַפט, וואָס גיט איר כוח איצט צו קענען שמייכלען, די זעלביקע קראַפט האָט זי געפירט אין די גרעסטע געפאַרן פאַר אירע אידעאַלן. דאָקעגן אַ מענטש וואָס די מינדעסטע גע־פאַר איז בכוח צו פאַרטונקלען זיינע אידעאַלן און זיין מענטשלעכקייט, איז אַ געמיינער פחדן, אַ מנובל.

איז עס דען נישט אַ גליק פאַר איר וואָס זי שטאַרבט? איז עס דען נישט אַ נס פאַר איר, וואָס זי וועט נישט דערלעבן דעם טאָג, ווען זי קען זיך דערוויסן, ווער ער איז? גוואַלד! גוואַלד! ווען באשע, די ווונ־דערלעכע באשע, זאָל זיך דערוויסן, ווער עס איז איר ערשטער און איינ־ציקער געליבטער, צו וועמען זי שמייכלט נאָך פון דער שוועל צו יע־נער וועלט.

פאַרוואָס איז פאַראַן אַזאַ אומגערעכטיקייט, אַז עס קלעפּן זיך צו מיר דווקא אַזעלכע ריינע הייליקע נשמות? פאַרוואָס איז נישט אויס־געברענט געוואָרן אַ קין־צייכן אויף מיין שטערן, עס זאָלן אים זען אַלע וואָס דערנענטערן זיך צו מיר? פאַרוואָס דערפילן נישט זייערע איי־דעלע חושים די אומריינקייט אין מיר? פאַרוואָס לויפן זיי צו מיר ווי פלאַטערלעך צו פייער און באַצאָלן דערפאַר מיטן לעבן? באשע, באשע! אויב עס איז דיר באַשערט נישט צו דערלעבן די אַנטוישונג, טאָ פאַר־וואָס בין איך נישט בעסער געפאַלן? פאַרוואָס זאָל איך נישט שטאַרבן?! איך האָב דאָך שוין אַ טויט־אורטייל אויף מיין קאָפּ.

— אַט טאָקע דערפאַר! איך טאָר נישט פאַלן ווי אַ העלד, איך דאַרף נישט שטאַרבן ווי אַ פאַרטיזאַנער, איך דאַרף שטאַרבן ווי אַ מסור,

ווי דער געשטאַפּאָ־אַגענט 1837! מיט איר העלדישקייט און מיט איר ריינקייט האָט זי עס פאַרדינט, האָט זי זוכה געווען ביי גאָט, דאָס נישט צו דערלעבן...

פון דעם דאָקטערס ברוסט איז ווידער פאַרשוווּנדן דער מעדאַל. אויף דעם אָרט, ווו דער מעדאַל איז געהאָנגען, איז אויסגעריסן געוואָרן אַ לאָך אין דער בלוזע, ווי מען וואָלט דעם מעדאַל מיט כעם אַראָפּ־געפּליקט.

— 30 —

ערשט נאָך עטלעכע וואָכן האָט זי זיך אָנגעהויבן בעסערן, די ווונד האָט זיך אויסגערייניקט און זיך גענומען פאַרציען מיט אַ הייטל, ווי אַ הייטל וואָס פאַרציט זיך אויף אָפּקילענדיקער מילך.

— אַז וועסט אַביסל קומען צו זיך, — זאָגט דער קאָמאַנדיר צו באַשען, ווען ער קומט זי מבקר חולה זיין, — אַז דו וועסט אַביסל קומען צו זיך, וועסטו זיך מוזן נעמען צום דאָקטער און צוריק מאַכן אים פאַר אַ לייט. גאַנצע טעג זיצט דאָ ביי אים דער „ראַבין" און נאָר זיי „מאָד־ליען" זיך. דער דאָקטער איז שוין באַלד אַליין געוואָרן אַ „ראַבין".

אין די קליינע שטעטלעך זענען די געטאָס נישט געווען אָפּגעשלאָסן. ווען מ'האָט אָנגעהויבן זיי אַרויספירן, זענען די יידן צעלאָפן זיך אין די אַרומיקע וועלדער. די דייטשן האָבן געמאַכט אָבלאַוועס און זיי אויסגעכאַפּט, איינצלנע יידן איז געלונגען צו געפינען יידישע פּאַר־טיזאַנער־גרופּעס. די יידישע פּאַרטיזאַנער האָבן אויסגעבויט פאַר זיי „זשעמליאַנקעס", געשפּייזט זיי און געשיצט, די יונגע און קאַמפּס־פּע־איקע זענען געוואָרן פּאַרטיזאַנער.

אויך ביי דער פּאַרטיזאַנער־גרופּע האָבן זיך אויפגעהאַלטן געראַ־טעוועטע יידן פון אַרומיקע שטעטלעך. צווישן זיי איז געווען איינער, ר' אהרן. די פּאַרטיזאַנער האָבן אים גערופן „ראַבין", מחמת ער האָט געהאַט אַ לאַנגע ווייסע באָרד און זיינע ליפּן האָבן זיך שטענדיק באַ־וועגט אין תפילה.

צום „ראבין" לויפט דער דאָקטער, ווען באַשע ליגט צווישן לעבן און טויט.

— פאַניע רעבאָרן, איך בעט אייך, פאַניע רעבאָרן אַזאַ ריינע נשמה, בעט פאַר איר. אויב ס'איז אין מיינע זינד, זאָל גאָט מיך שטראָפן, די ערגסטע שטראָף אויף מיר, איך בין זינדיק. זי דאַרף נישט ליידן פאַר מיר.

— גאָט וועט העלפן, פאַניע דאָקטער, — טרייסט אים ר' אהרן.

— דו ביסט אַ גוטער מענטש, גאָט העלפט גוטע מענטשן.

— איך בין נישט קיין גוטער מענטש, איך בין זינדיק, פאַניע רעבאָרן, זייער זינדיק...

— אַז דו האָסט חרטה, ביזטו שוין נישט זינדיק, מ'קען דיך שוין נישט שטראָפן דערפאַר. אַז מען טוט אמתדיק תשובה מיטן גאַנצן האַרצן, ווערט מען אָפּגערייניקט פון די זינד; „במקום שבעלי תשובה עומדים אין צדיקים גמורים יכולים לעמוד". פאַרשטייסט? אמתע צדיקים קענען נישט דערגרייכן אַזאַ ריינקייט ווי בעלי תשובה. און אַ בעל תשובה שטראָפט מען נישט. יתמו חטאים, שרייבט דער פסוק, די זינד וועלן פאַרשווינדן, אָבער נישט די זינדיקער, די זינדיקער קענען ווערן ריין.

— וואָס פאַר אַ וווּנדערלעכע לערע! וואָס פאַר אַ הערלעך גלויבן! לערנט מיך, פאַניע „רעבאָרן", לערנט מיך גלויבן ווי איר, און „מאָדליען" זיך ווי איר.

דער דאָקטער זאָגט־צו ר' אהרנען, אויב גאָט וועט העלפן און באַשע וועט געזונט ווערן, וועט ער תיכף שטעלן מיט איר אַ חופה. און ר' אהרן פאַרזיכערט דעם דאָקטער, אַז גאָט וועט טאַקע העלפן, גאָט איז מכפר און אַ חופה איז מכפר. ער וועט אַרויסגיין פון אונטער דער חופה ווי אַ ניי געבוירן קינד.

ווען די היץ ביי באַשען נעמט פאַלן און די ווונד הויבט אָן טרוקענען, דערזעט דערין דער דאָקטער אַ צייכן פון גאָט אַז זיין תשובה איז אָנגענומען געוואָרן.

ר' אהרן האָט גענומען גרייטן אַ חופה פאַר באַשען מיטן דאָקטער. ביי די פאַרטיזאַנער האָט עס אויסגעזען ווילד און לעבערלעך. שוין אָפּ־

גערעדט דערפון, אַז דאָס שטימט נישט מיט דער „ליניע" וואָס עס פריידיקן די „פּאָליטישע", — די אויפקלערונגס־אַפּיצירן, וואָס זענען אַריינגעשיקט געוואָרן פון דער פּאַרטיי. לויט זיי איז עס דאָך „פּאַנאַטיזם" און „צוריקגעשטאַנענקייט". נאָר סתם, וואָס עפּעס אין מיטן דרינען אַ חופּה? ווילסט זיך פאַרזאָרגן מיט אַ ווייב „אויף אייביק"? און מיט דיין אייגענעם לעבן ביסטו פאַרזאָרגט אויף אייביק? און מיט דעם מאָרגנדיקן טאָג ביסטו יאָ זיכער? האָסט דיר דיין מיידל, — האַלט זי דיר געזונטערהייט. ווילסטו זי זאָל זיין נאָר דיינע? קיינער וועט זי ביי דיר נישט צונעמען. אָבער אַ חופּה? וואָס וועלן זאָגן די גויים? וואָס וועט מען זאָגן אין שטאָב, ווו עס זיצן קאָמסאָמאָלצעס פון רוסלאַנד?

אָבער סיי דער דאָקטער, סיי באַשע האָבן עס צודרינגלעך פאַרלאַנגט. זיי דאַרפן נישט קיין גרויסע צערעמאָניעס, קיינער דאַרף נישט וויסן. אין אַ ווינקל, דאָרטן ביי די אַלטע יידן.

האָט דער קאָמענדאַנט געזאָגט, אַז ווייל עס איז באַשע און דער דאָקטער, דאַרפן יאָ זיין גרויסע צערעמאָניעס און אויב זיי ווילן אַ „פּאַנאַטישע" חופּה, טאָ זאָל זיין אַ חופּה מיט גרויס פּאַראַד.

זענען געקומען פּאַרטיזאַנער אויך פון אַנדערע גרופּעס. בראָנפן האָט זיך געגאָסן ווי וואַסער. איבערן וואַלד האָבן זיך געטראָגן געזאַנגען, די נייסטע פאַרבענקטע רוסישע לידער. „טיאָמנאַיאַ נאָטש", „לובי מאָי גאָראָד" און אַנדערע. דער „חבר קאָמענדאַנט" האָט געהאַלטן אַ רעדע, מען האָט געשאָסן אויף וויוואַט און עס איז געווען לעבעדיק.

נאָכדעם האָט מען אויפגעצויגן אַ זעלנערישן קאָץ אויף פיר ביקסן און אויפגעהויבן אַ חופּה. ר' אהרנס ווייסע באָרד האָט געציטערט אין ווינט און אויף זיינע ליפּן האָבן געציטערט די ברכות. און זעט נאָר, זעט: ביי אַלע פאַרהאַרטעוועטע וואַלד־מענטשן האָבן די אויגן זיך אָנגעפילט מיט טרערן, בעת דער „ראַבין" האָט אויסגעזונגען: ברוך אתה אדוני מקדש ישראל על ידי חופּה וקדושין.

די דייטשן האָבן ווידער געמאַכט אַ גרויסע אָבלאַווע. איינגנטלעך האָט מען זיך געריכט אויף דעם. אַלע וויכטיקע בריקן אין דער געגנט אויפגעריסן. קיין איין טראַנספּאָרט צום פראָנט נישט אַדורכגעלאָזט. דעם שאָסיי באַזייט מיט מינעס, עטלעכע אויטאָ־קאָנוואָיעס זענען געפלויגן אין דער לופטן. האָבן זיי געמוזט דערויף רעאַגירן. צען טויזנט סאָל־דאַטן, זאָגט מען, האָבן זיי אַראָפּגעבראַכט און אַרומגערינגלט די וועל־דער. הארמאַטן שיסן אַריין אין וואַלד. דאָסמאָל וועלן זיי באַווייזן וואָס זיי קענען.

אַ ציטערניש כאַפּט אַרום דעם עולם. איצט? ווען די הילף איז אַזוי נאָענט?

פון שטאַב באַרואיקט מען: זי וועלן נישט באַווייזן. אָבער פון שטאַב באַרואיקט מען שטענדיק. זינט סטאַלינגראַד, האָפט מען פון טאָג צו טאָג, אָבער דער פראָנט שטעלט זיך אַלעמאָל אָפּ און ווידער — גאָר־נישט. אויך איצט שטייט דער פראָנט ביים טייך בוג. מען נעמט די שטאָט קאָוועל, מען גיט צוריק קאָוועל און גאָרנישט... און דווקא איצט, אויפן שוועל פון דער באַפרייאונג, גלוסט זיך נישט שטאַרבן.

פּלוצים ווערט שטיל מיט דער דייטשער בלאָקאַדע. מען הערט נישט שיסן. צען טויזנט דייטשן אַרום דעם וואַלד און מען הערט נישט קיין שאָם. עפּעס אַ ניי שפּיצל פון די דייטשן? און אפשר... אפשר... מען לייגט זיך שלאָפן מיט אַן אומרואיקייט אין האַרץ. ווי נאָר מען לייגט זיך אַוועק אויף דער ערד, פילט מען, אַז די ערד ציטערט. מען לייגט צו אַן אויער צו דער ערד; זאָגט די ערד אוים דעם סוד: בום! בום! בום! שווערע אַרטילעריע שיסט. מען לויפט אַריבער אין נאָענטן וואַלד אַריין, דאָרטן אין „באַזאַר" האָבן זיי אַ ראַדיאָ. באַלד קומט אָן אַ שליח מיט דער בשורה: די רויטע אַרמיי איז אַריבער דעם בוג.

פאַרטאָג צעטראָגט דער גאַנצער וואַלד דאָס געזשום פון עראָפּלאַ־נען. מען קריכט אַרויף אויף ביימער זען וואָס עס טוט זיך: „נאַשע", „אונדזערע", „אייגענע".

איצט לויפן שוין די געשעענישן אין אַ ווילדן גאַלאָפּ. די רויטע אַרמיי טוט אַ פלייץ איבערן לאַנד ווי אַ געוויטער. די פּאַרטיזאַנער גייען אַקעגן דער אַרמיי און פירן די זעלנער דורך הינטער־וועגן און וואַלד־וועגן. די דייטשן אַנטלויפן אין בהלה, אַלעמאָל וואַקסט זיי פון פאָרנט אויס אַן אָפּטיילונג פון רויט־אַרמייער און פּאַרטיזאַנער און שניידן אָפּ פאַר זיי דעם וועג. באַלד קומען אָן אויך פּוילישע סאָלדאַטן פון גענעראַל בערלינגס אַרמיי, איז די שמחה גאָר גרויס. די יידישע פּאַרטיזאַנער באַ־געגענען דאָרטן באַקאַנטע און אייגענע. בערלינגס אַרמיי איז פול מיט יידן. די פּאַרטיזאַנער גלידערן זיך איין אין דער אַרמיי און יאָגן דעם דייטש ביז בערלין.

— .32 —

דער דאָקטאָר ליבענשטיין און זיין ווייב קומען צוריק קיין וואַרשע, ערשט סוף מאַי 1945. אויף זייערע בריסטן הענגען, אויסער די פּאַרטי־זאַנישע מעדאַלן, אויך די אויסצייכענונגען פון פּוילישן מיליטער: „פּאָ־לאָניאַ רעסטיטוטאַ", פאַרן פאָרסירן די ווייסל, דעם טייך „אָדער", פאַרן איינגעמען בערלין, די גאַנצע ברוסט איז באַהאָנגען מיט מעדאַלן. האָט מען פאַר זיי דורך אַרץ אין וווינונגס־אַמט, דר. ליבענשטיין קריגט שנעל צוריק זיין פאַר מלחמהדיקע וווינונג אויף פּאָזנאַנסקע גאַס. ער טרעפט אַ סך פריינט, געוועזענע פּאַציענטן. מען העלפט אים איינאָרדענען ווי־דער אַ קאַבינעט. אויף דער טיר, אויף דעם זעלבן אָרט וואָס פאַר דער מלחמה, הענגט אַ שילדל: „דר. איגנאַצי ליבענשטיין, אינערלעכע קראַנק־הייטן, נעמט אָן פון צען ביז איינס און פון פיר ביז זעקס נ. מ.".

נאָך איין זאַך איז אויסגעהאָנגען געוואָרן אויף דער טיר, אייגנטלעך אויף דעם געזימס פון דער טיר. — אַ מזוזה. ביים אָנקלאַפּן די מזוזה האָט דר. ליבענשטיין באַמערקט אַן אויסהוילונג אין דעם האָלץ. ווייזט אויס, דאָרט איז שוין אַמאָל געהאָנגען אַ מזוזה, פאַר דער מלחמה, איי־דער ער האָט זיך אַריינגעצויגן. ער דערמאָנט זיך איצט טאַקע, אַז ער אַליין האָט עס אַראָפּגעריסן, מען זאָל נישט דערקענען, אַז דאָ וווינט אַ

ייד. היינט, גלויבט ער אויך נישט, אז די מזוזה פארהיט די וווינונג פון שלעכטס, ווי עס גלויבן די פרומע יידן, ער הענגט עס היינט ארויס צוליב דער פארקערטער סיבה, פארוואס ער האט עס דעמאלט אראפגעריסן. ער וויל מען זאל דערקענען, אז דא וווינט א ייד.

די ווונד ביי באשען היילט זיך, היילט זיך און ווערט קיינמאל נישט פארהיילט אינגאנצן.

ווי א שטיקעלע ווונד אין גוף קאן ענדערן א מענטש. באשע איז געווארן איינגעדארט. אירע, אמאל, פולע ארעמס זענען געווארן דין ווי שטעקעלעך. איר הויט איז מער נישט ברוין, נאר גרינלעך ווי א נישט רייפער עפל. אירע אויגן האבן די אמאליקע ליכטיקייט, אבער זיי זענען אריין טיפער אין קאפ און זענען אונטערגעהאקט־שווארץ. אפילו די רירעוודיקייט און לוסטיקייט איז פארשוווּנדן. ווער ווייס? אפשר טוט איר די ווונד ווייַ ביים באוועגן זיך, ביים לאכן. אינגאנץ אדער „איטשעלע״ ווי זי רופט אים, טרייסט זי, אז איצט נאכדעם, ווי זי וועט זיך בעסער דערנערן, דער קערפער וועט האבן די נויטיקע וויטאמינען, וועט די ווונד זיך פארהיילן און זי וועט צוריק אויפבליען ווי אמאל.

— „אויפבליען ווי אמאל״, חזרט זי איבער טרויעריק.

— אויב עס גייט אין חן, פארמאגסטו עס נישט ווייניקער ווי אמאל. עס איז נאר איצט מער יידישלעך. טרויער פאסט צו א יידיש פנים און נאך דערצו צו אזא יידיש פנים פון א חסידיש קינד ווי דו.

— דו ביסט גוט צו מיר, איטשעלע.

— איך בין גוט צו דיר? איך בין גוט צו זיך מיט דעם וואס איך בין גוט צו דיר. ווי קען איך דען אנדערש זיין צו דיר, מיין קליין מיידעלע.

— ווי אזוי בין איך דיר דעמאלט געפעלן געווארן, ווען איך בין געווען אזא לוסטיקע און ווילדע, אז דיר געפעלט נאר א טרויעריקע?

— דו ווייסט באשעלע, וואס איך פיל צו דיר... דו געפעלסט מיר און דאס איז אלץ. ביסטו געווען פריילעך, האט זיך מיר געדאכט, אז מיר געפעלן פריילעכע, ביסטו טרויעריק, זע איך, אז מיר געפעלן נאר טרויע־

ריקע. נישט פאראן קיין כללים, דו געפעלסט מיר שטענדיק אזוי ווי דו ביסט.

— דו ביסט אזוי גוט צו מיר.

— דו פארשעמסט מיך, אז דו רעדסט אזוי. ווי קען איך זיין שלעכט צו דיר? וועמען און וואס האב איך אויף דער וועלט אויסער דיך?

— דו האסט ליב יענע, די בליענדיקע פון וואלד און דיין גוטסקייט באשטייט אין דעם, וואס אז דו קוקסט אויף מיר היינט, זעסטו אויך יענע און נישט די היינטיקע...

זיינע אויגן פילן זיך אן מיט טרערן: ווילסט מיר וויי טון?

— ניין, איך וויל דיר נישט וויי טון, איטשעלע.

— דו טראכטסט צופיל וועגן דער ווונד. טראכט נישט וועגן דעם. עס וועט פארביי און וועסט שנעל פארגעסן דערין.

— טראכסט דו נישט דערפון?

— איך? צוליב גאר אן אנדער סיבה... איך טראכט, אז באלד ווי נאר די ווונד וועט זיך פארהיילן... פארשטייסט מיך, באשעלע?

— איך פארשטיי דיך, איך פארשטיי דיך... וואס ווילסטו א יינגעלע אדער א מיידעלע?

— וואס עס וועט קומען, אבי פון דיר, אבי עס זאל זיין ענלעך צו דיר.

— און איך וויל עס זאל ענלעך זיין צו דיר. דו ביסט אזא שיי־נער... דו ביסט אזא גוטער...

— ניין, ניין! שרייט ער אויס: נישט צו מיר, צו דיר! איך בין נישט גוט, איך — — איך — — —

— וואס שרייסטו, נארעלע? ווי עס וועט זיין, וועט גוט זיין. צו מיר, צו דיר, צו ביידע... אבער דו ביסט באמת א גוטער, אן איידעלער, איך בין א שלעכטע, געדענקסט, ווי איך האב דיך געשלאגן דעמאלט אין וואלד? שוין דעמאלט דיך ליב געהאט...

באשע שלאפט איין. ער דרייט זיך פון איין זייט אויף דער אנדערער און טראכט: ס'איז דאך פאר מיינע זינד. די ווונד היילט זיך נישט, די ווונד שטייט מיר שטענדיק פאר די אויגן צו דערמאנען אין יענער

אָבער פאַרוואָס דאַרף באַשע טראָגן די וווּנד? פאַרוואָס נישט איך?

— ווייל דיינס אַ וווּנד וואָלט דיר נישט ווי געטון, וואָלסט פאַר ליב גענומען. איך לייד פאַר מיינע זינד, איך בין פּטור. עס טוט דיר אַזוי ווי, טאַקע ווייל זי האָט די וווּנד.

אָבער ר' אהרן האָט דאָך געזאָגט, אַז חרטה ווישט אָפּ די זינד, אַז אַ חופּה ווישט אָפּ די זינד, טאָ פאַרוואָס האָט עס ביי מיר נישט אָפּגעווישט? פאַרוואָס מוז נאָך באַשע טראָגן אַ בלוטיקן קאַלטן אונטער איר אַקסל? פאַרוואָס?

— .33 —

באַשע און איגנאַץ גייען אַהיים. אַריינקומענדיק אויף פּאָזנאַנסקע גאַס, קומט זיי אַקעגן אַ גרופּע יונגעלייט און מיידלעך, איינער פון זיי אַ הויכער מיט בלויע אויגן און קליינע בלאָנדע וואָנצעלעך, שטעלט זיך אָפּ און קוקט נאָך איגנאַצן. איגנאַץ גייט אים פאַרביי, דער יונגער־מאַן יאָגט אים איבער און פאַרלויפט אים דעם וועג.

— דו ביסט פעלטשאַק — !837

איגנאַץ בלייבט שטיין אַ פאַרציטערטער און רעדט נישט אַרויס אַ וואָרט. אַריה כאַפּט אָן זיין אָרעם און האַלט אים פעסט.

— וואָס ווילט איר? פרעגט באַשע.

— ווער ביסטו? פרעגט אַריה.

באַשע טוט אַ צעפּראַל דעם מאַנטל, אויף איר בלוזע זענען אָנגע־ שפּיליעט זעקס מעדאַלן.

— איך בין פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, דער אָ, איז געווען אַ געשטאַפּאָ־אַגענט. ער האָט גענוג יידישע לעבנס אויף זיין גע־ וויסן, מיר האָבן אַרויסגעטראָגן אויף אים אַ טויט־אורטייל.

— איר האָט אַ טעות יונגערמאַן, דאָס איז מיין מאַן, אַ פּאַרטיזאַ־ נער, אַ העלדישער פּאַרטיזאַנער. באַשע פּראַלט אויף איגנאַצעס מאַנטל, אויך זיין ברוסט איז באַהאָנגען מיט מעדאַלן.

אריה בלייבט שטיין אַ צעמישטער. זיין שאַרף אויג און גוטער זכרון גענאַרן אים זעלטן.

ווייזט מיר אייערע דאָקומענטן, פאָדערט אריה.

— קיין שום לעגיטימירן אין גאַס! ענטפערט באַשע שטאָלץ. איר האָט אַן ענין צו אונדז? קומט צו אונדז אַהיים, אָט אין יענעם הויז וווי־נען מיר אויפן ערשטן שטאָק. — דר. ליבענשטיין.

— דאָקטאָר? יענער איז אויך געווען אַ דאָקטאָר.

— דאָקטאָר איגנאַצי ליבענשטיין, באַטאָנט באַשע דעם נאָמען. — אויפן ערשטן שטאָק.

אריה בלייבט שטיין. זיי גייען אַהיים. איגנאַץ איז בלייך ווי אַ מת.

— וואָס נעמסטו זיך צום האַרצן אַ זינלאָזן אינצידענט? נאַריש־קייטן! אָ, וואָס האָסטו מיר געקוועטשט די האַנט, ווען איך האָב געוויזן, וווּ מיר וווינען? איך האָב נישט פאַרשטאַנען וואָס דו מיינסט.

— ניין, גאָרנישט, פון אויפרעגונג...

איגנאַץ איז באַלד אַוועק פון שטוב. אין אָוונט האָט ער געקלונ־גען, אַז ער מוז בלייבן ביי אַ פּאַציענט אַ גאַנצע נאַכט, ער וועט נישט אַהיימקומען שלאָפן. צו מאָרגנס פאַרטאָג האָט ער אָנגעקלונגען:

— קיינער נישט געווען?

— ווער זאָל זיין ביינאַכט?

— כ׳מיין פּאַציענטן?

— ניין, קיינער נישט. ווען קומסטו?

— כ׳וועל באַלד קומען.

— הער מיך אויס באַשעלע, איך וויל מיר זאָלן זיך איבערציִען קיין נידערשלעזיע, דאָרט איז אַ בעסערע לופט, וועסט שנעלער קומען צו זיך.

— זאָל זיין. שרייב אַוועק אַ בקשה, מען זאָל דיר צוטיילן וווּ צו אַרבעטן, אַ וווינונג.

— מען דאַרף גאָרנישט שרייבן, באַשעלע, אויפן אָרט וועט מען אַלץ דערליידיקן. אַכט אַזייגער גייט אַפּ דער צוג.

— וואָס? שוין? אויף איין פוס? מיר דאַרפן זיך נאָכפרעגן, מען דאַרף פאַרפּאַקן די זאַכן.

— מען דאַרף גאָרנישט, מיר וועלן דאָרט האָבן אַנדערע זאַכן. לאָמיר גיין צום צוג.

— וואָס טוט זיך מיט דיר? כאַפּ־לאַפּ, ערשט דיר איינגעפאַלן און שוין לויפן צום ערשטן צוג? און אַז מיר וועלן פאָרן מאָרגן? אָדער אין אַ פּאָר טעג אַרום?

— קום שוין, איך בעט דיך, קום — — — —

— האַ???

— וואָס?

באַשע שטעלט זיך אויף, גייט צו צו אים.

— דו?!

— וואָס מיינסטו?

— דו ווילסט אַנטלויפן פון דעם „זשאַב”?

— דו קענסט „זיי” נישט, די קעמפער, אַ חשד — און זיי שיסן שוין, ביי זיי שפּילט נישט קיין ראָל...

באַשע כאַפּט דעם מאַנטל און לויפט צו דער טיר. זי גיט מער נישט אַ קוק אין זיין זייט, נאָר פון אונטער אירע קליידער, פון אונטער דעם באַנדאַזש קוקט צו אים אַ בלוטיקער קאַלטן...

— 34. —

דער צוג קיין ווראָצלאַוו שטייט שוין אויף דער פּלאַטפאָרמע. אַלע וואַגאָנען זענען שוין פול און מען שטופּט זיך נאָך אַריין. שפּייז־הענדלער מיט ריזיקע קוישן. מלבושים־הענדלער מיט גרויסע וואַליזעס. איגנאַץ האָט גאָרנישט אין די הענט, איז אים לייכטער זיך אַריינצושטופּן. די קאָנדוקטאָרן נעמען אַראָפּשלעפּן די מענטשן וואָס האָבן זיך אָנגעהאָנגען אויף די טרעפּלעך פון די וואַגאָנעס. דער צוג דאַרף שוין אָוועקגיין, נעמט איגנאַץ זיך שטופּן אַרויס. ער באַוויזט קוים אַראָפּצושפּרינגען איידער דער צוג רירט.

זי וועט צוריקקומען! זי האָט מיך ליב... איך בין אַזוי גוט צו איר... האָט זי נישט אַליין געזאָגט, אַז איך בין גוט צו איר? זי וועט נישט קענען אַוועקגיין, זי וועט צוריקקומען...

ער קוקט זיך אום, צי קיינער שטייט נישט פאַרן טויער און גייט אַרויף אין זיין וווינונג. פּאַמעלעך שליסט ער אויף די טיר, גייט אַריין אין עס־שטוב, אין שלאָף־שטוב, אַלץ איז אַזוי ווי ער האָט עס איבער־געלאָזט, קיינער איז נישט געווען. ער פאַרשליסט די טיר פון אינעוויי־ניק און נעמט אַרויס דעם שליסל (זי האָט אירם אַ שליסל). ער זעצט זיך אַוועק וואַרטן.

אַ זייגער צען קלינגט מען שטאַרק אין טיר. זענען עס די „זשאַב"־ליים? ער שלייכט זיך אַריין אין באָד־צימער און באַהאַלט זיך דאָרטן. מען איז שוין אַוועק פון טיר, ער קריכט שטיל אַרויס. אונטער דער טיר ליגט אַ צעטעלע, ער זאָל קומען צו אַ פּאַציענט.

זיי, אַז זיי וועלן קומען, וועלן זיי קומען מיט פּאָליציי און אויפרייסן די טיר. ער טאָר דאָ נישט זיין, ער מוז אַנטלויפן.

„אויב וועסט קומען, וואַרט אויף מיר, איך וועל צוריקקומען, איך מוז מיט דיר ריידן". שרייבט ער אויף אַ צעטעלע, לייגט עס אַוועק אויפן טיש, נעמט אַרויסגיין. ער לויפט באַלד צוריק און צערייסט דאָס צעטע־לע. זיי קענען קומען, אויפרייסן די טיר, געפינען עס און וואַרטן אויף אים, ער וועט שוין אָן דעם דערקענען, צי זי איז געווען.

זי איז נישט געווען. נאָך אַמאָל און ווידעראַמאָל ריזיקירט און זיך אַריינגעגנבעט אַהיים, פון באַשען איז קיין צייכן נישטאָ. ווי קען זי אַזוי? ווי קען זי אַזוי?! איר גאַנץ לעבן און איר גאַנצע וועלט אַלץ האָט גע־הערט צו מיר, און מיט איין מאָל אוים? זי ווייס דאָך וואָס זי איז פאַר מיר... ווי האָט זי געקענט אַוועק אָן אַ וואָרט? ווי האָט זי געקענט מיך פאַרלאָזן אין אַזאַ קריטישן מאָמענט? זי האָט דאָך מיך ליב.

— באַשע האָט דיך ליב? נישטאָ וועך עס זאָל לאַכן. באַשע האָט ליב געהאַט אַ ריינעם מענטש, אַ מוטיקן פּאַרטיזאַנער, באַשע האָט קיין־מאָל נישט ליב געהאַט אַ געשטאַפּאָ־אַגענט, אַ מסור!

אָבער זי האָט דאָך געזען מיך אָן אַנדערן, זי האָט דאָך געזען ווי

אנדערש און ווי גוט איך בין געוואָרן. ווי קען זי זיין אַזוי ברוטאַל צו מיר?

ברוטאַל? איז דען פאַראַן אַ גרעסערע אַכזריות ווי דיין אָנעמען איר ליבע? ווי דיין פאַראייגיקן זיך מיט איר? דו האָסט דאָך געוווּסט ווער דו ביסט, פאַרוואָס האָסטו זי געגנאַרט? דו, וואָס האָסט אַזויפיל לעבנס אומגעברענגט צו ראַטעווען דיין פעל, ווי האָסטו דערוועגט זיך צו דער־נענטערן צו איר, וואָס איז יעדע מינוט געווען גרייט אָוועקצוגעבן איר לעבן פאַר אַנדערע?

איך וואָלט איר ווײַ געטון, איך וואָלט זי צעבראָכן, ווען איך וואָלט נישט אָנגענומען איר ליבע. זי האָט דאָך מיך ליב, אַז מען האָט ליב איז מען מוחל... פאַרוואָס קומט זי נישט צוריק?

אפשר — — אפשר קען זי שוין נישט קומען? אפשר ליגט זי ערגעץ קראַנק? אפשר לעבט זי שוין נישט?! זי איז דאָך אַזוי שוואַך געווען — און אַזאַ קלאַפּ! ניין. זי האָט עס זיכער נישט אויסגעהאַלטן. דאָס איז געווען ערגער, ווייטיקלעכער ווי די דום־דום קויל, דאָס האָט זי דער־הרגעט!

ער פאַרשטיקט מער נישט די ספּאַזמען. זאָל מען הערן, זאָל מען קומען אים נעמען, עס איז אים אַלץ איינס.

***

„ווער עס וויל זיך רייניקן, העלפט מען אים פון הימל", האָט אים ר' אהרן אַמאָל געזאָגט. ער וויל זיך רייניקן. זעט מען דען נישט אין הימל, אַז ער וויל זיך רייניקן? און דאָ האָט מען אים אונטערגעשיקט נאָך אַ מאָרד. ער האָט דערהרג'עט באַשען. זי האָט עס זיכער נישט אי־בערגעלעבט. ער האָט עס געדאַרפט פאָראויסזען, ער האָט געדאַרפט פאַר־שטיין, אַז עס קען אַזוי געשען. ער האָט זיך ווידער אָפּגענאַרט, ווי ער פלעגט זיך שטענדיק אָפּנאַרן ביי אַלע זיינע פאַרברעכנס. ער איז איצט נישט אַ סך בעסער ווי דעמאָלט. ווען באַשעס גורל וואָלט אים אַזוי טייער געווען ווי דער גורל פון זיין אייגענעם פּאַסקודנעם לעבן, וואָלט ער פאַר־

אויסגעזען, וואס עס קען געשען און וואלט עס אויסגעמיטן. אבער ער האט זיך גאר געיאגט נאך איר. אויסגעזויגן באשעם יוגנט און אומשולד, אנגענומען דעם כבוד פון א פארטיזאנער א העלד. דאס הייסט חרטה? דאס הייסט תשובה געטון? ער נארט זיך ווייטער. עס האט זיך ערגעץ אין אים פארוואלגערט א שטיקל געווויסן וואס לאזט אים נישט צורו, נארט ער עס כיטרע אפ. אויך זיין תשובה איז אפנארעריי. נישט אזוי טוט מען תשובה! נישט אזוי!!!

— .35 —

מיט דער רעפאטריאציע פון פוילישע בירגער פון רוסלאנד קיין פוילן — קומען צוריק קיין לאדזש עטלעכע יידן מיט בערד, עטלעכע חסידים. דאס בית המדרש אויף זאכאדניע גאס באקומט ווידער א פנים פון א יידישן בית תפילה. שוין פארטאג שטעלט זיך דאווענען דער ערש־טער מנין, ווען דער לעצטער מנין ענדיקט דאווענען שחרית, איז שוין נאענט צו מנחה.

פישל דער משמש זיצט אין בית המדרש א גאנצן טאג, שלאפט אויך אין בית־המדרש אויף א באנק. פרומע ווייבער ברענגען אים עסן אין בית המדרש אריין.

איינמאל קומט אין בית מדרש אריין עפעס א מאדנער מאן. אויס־זען זעט ער אויס ווי א ייד, נאר קיין עברי קען ער נישט. די פאר יידישע ווערטער, וואס ער קען, רעדט ער ארויס ווי א גוי. אויף די פראגעס: ווער ער איז, פונוואנען ער איז, ענטפערט ער נישט: „לערנט מיך זיין א ייד״, דאס איז אלץ וואס ער זאגט. ער בלייבט וווינען אין בית מדרש, פישל לערנט אים עברי און יידישקייט. פישל טיילט מיט אים זיינע מאלצייטן.

מחמת ער רעדט יידיש ווי א גוי, האלט מען אים פאר א גר. און אזוי רופט מען אים טאקע: דער גר.

אפילו לייענען קיין יידיש קען ער, ווייזט אויס, נישט. די ווייבער פאקן איין דאס עסן, וואס זיי ברענגען, אין צייטונגס־פאפיר. איז עס

אַ פּוילישע צייטונג, נעמט ער טײַלמאָל לייענען, און אַ יידישער צייטונג פּרוווט ער קיינמאָל נישט אַריינקוקן.

איינמאָל טרעפֿט אַז אַ ייד פֿאַלט אין חלשות, אינמיטן דאַווענען. דער גר לויפֿט צו אים ראַטעווען. ער שטופּט אַלעמען אַוועק, אַלץ וואָס ער טוט איז — ווי ער וואָלט זיך געקענט אין די זאַכן.

— איר ווייסט עפּעס אין חכמות הרפואה? ווערט שוין פֿישל משמש נייגיריק. דער גר ענטפֿערט, ווי שטענדיק, נאָר מיט אַ שטומען ברום און גייט צוריק צו זיין תהילימל.

מיט דער צייט וואַקסט אים אָן אַ גרויסע באָרד. די באָרד, דער איינגעדאַרטער גוף און די ברענענדיקע אויגן, גיבן אים אַזאַ אויסזען, אַז מען באַציט זיך צו אים מיט גרויסן יראת הכבוד און מען פֿרעגט אים מער גאָרנישט.

דער גר האָט זיך אויסגעלערנט עברי. עס גייט נאָך נישט ביי אים אַזוי שנעל ווי ביי די אַנדערע מתפּללים אין בית המדרש, ער סען קיינמאָל נישט אָניאָגן דעם חזן. ער הייבט אָן דאַווענען מיט דעם ערשטן מנין און ווען דער לעצטער מנין ענדיקט דאַווענען, איז ער נאָך נישט פֿאַרטיק. נאָכן נעמען עפּעס אין מויל אַריין, זאָגט ער תהילים ביז מנחה. מיט מנחה און מעריב ווערט ער פֿאַרטיק ערשט שפּעט ביינאַכט, נאָכ־דעם נעמט ער זיך ערשט קריאת שמע לייענען.

מיט דער עברי פֿון וואָכעדיקן און שבתדיקן דאַווענען ווערט ער שוין אַביסל היימיש, אָבער ווען ער עפֿנט דאָס ראש השנהדיקע מחזור ווערט אים אַזש ענג אין דער ברוסט: אַזעלכע פֿרעמדע אומבאַקאַנטע ווערטער, אַזוי שווער אַרויסזאָגן־צוזאַמען די משונהדיקע טראָפּן. די מתפּללים פֿון בית המדרש זאָגן נישט אַלע יוצרות, וואָס געפֿינען זיך אין מחזור, דער גר אָבער וויל גאָרנישט פֿאַרפֿעלן. דער שווייס גיסט זיך אים פֿון שטערן און ער מאַטערט זיך: ווע—ווע—וועגע, וועגעסאַ—סאַ—נע טוי—טויק טויקעף (ונתנה תוקף). ווען מען דאַוונט שוין מעריב האַלט ער נאָך אין מיטן שחרית, ווען מען האַלט שוין ביים מוסף פֿון צווייטן טאָג, האַלט ער נאָך ביי מעריב פֿון דער פֿריערדיקער נאַכט. ביז יום כּי־פּור ווערט ער קוים פֿאַרטיק מיט די ראש השנהדיקע תּפֿילות און ווען

עס קומט סוכות איז ער נאך נישט פארטיק מיט די יום כיפורדיקע יוצ־רות, ווען מען בענטשט אתרוג זאגט ער גאר „על חטא"...

פישל האט אים שוין עטלעכע מאל געזאגט, אז א ברכה מאכט מען נאר איידער מען הייבט אן עסן, און ער מאכט א ברכה איבער יעדן ביסן. — ס'איז א „ברכה לבטלה", זאגט אים פישל, אבער דער גר ווייסט נישט וואס אזעלכעס עס איז א „ברכה לבטלה" און טוט זיך ווייטער דאס זייניקע.

די טעג פארשווינדן איינער נאכן אנדערן, די טעג גייען לייכט און שנעל פארביי. ער ארבעט שווער איבער די תפילות א גאנצן טאג און ערשט שפעט ביינאכט ווערט ער פארטיק מיט דער קריאת שמע לייענען און פאלט אויף דער באנק א פארמאטערטער, א באגאסענער מיט שוויס. טראץ דער פארמאטערטקייט נעמט אים נישט קיין שלאף. די נאכט פויזעט פאמעלעך און די געדאנקען ביינאכט לויפן משוגע־שנעל. זיין גאנץ לעבן — א לעבן פון קנאפע פערציק יאר, לויפט פארביי און דער שטאט־זייגער שלאגט ערשט צוויי. אלץ הייבט זיך אן אויפסניי... טייל געשטאלטן לויפן פארביי מיט דער שנעלקייט פון א ווינט, אבער די וואס ער וויל שנעל פארטריבן טשעפען זיך אן אין אים, ווילן נישט אפטרעטן, שטייען פאר אים מיט צעקאטעוועט לייב און געלעכערטע שארבנס... ער טויכט אראפ אין די זכרונות, שווימט ארויף און כאפט זיך אן אין א ליכ־טיקן ברעג: באשעלע...

ווי אלע האבן מורא געהאט פאר איר. די שטארקסטע יונגען האבן געציטערט פאר אט דעם צארטן מיידעלע. די האר האבן זיך ביי זיי אויפ־געשטעלט פון פחד, ווען זי האט געשריגן איבער זיי, און אירע אייגענע האר... אונטער דעם מענערישן מיליטערישן הוט — מיט א דאשעק ווי א שארפער שנאבל, האבן זיך באהאלטן אזעלכע ווייכע זיידענע האר... וואס פארא מחיה עס איז געווען אריינצושטעקן די פינגער אין איר טשופרינע...

ער האט עס קוים געהאט אויסגעבעטן ביי איר: איינמאל, כאטש איינמאל איינגאנצן צו אנטפלעקן זיך פאר אים... ער האט אראפגעצויגן פון איר די זעלנערישע מלבושים און שטיקער ליכטיק לייב האבן גענו־

מען ארויסבלענדן ווי פלאמען... צווישן דער געדיכטעניש פון די ביימער האט זיך אדורכגעריסן א זון־שטראל, אנגעשטעלט אויף איר ווי א שיין־ווארפער. ער האט געקניט עטוואס אפגערוקט פון איר און געטרונקען די ליכטיקייט וואס האט געשטראלט פון איר. געשלונגען די ליניעס, אזעל־כע ליניעס! זי איז געלעגן אין געדיכטן וואלד אויפן גרינעם גראז, מיט א גרינלעכער גאלדיקייט האט געשיינט אויך איר גוף, — א פרישער ווי א נאר וואס רייף געווארענע פרי, באדעקט מיט א מאטן טוי — ווי א רייפע פלוים אויפן בוים... איר רייץ איז געווען אזוי מאכטיק ווי די דעמבעס וואס האבן געוואקסן ארום, ווי די ליכטיקייט פון דער זון אויבן. איר רייץ האט געשלאגן צו אים מיט דער קראפט פון א שטראמיקן טייך, פון א וואסערפאל! דער וואלד ארום, זי אין איר נאקעטקייט — אלץ צוזאמען איז געווען סטיכיע אין דער ווילדער קראפט, אין דער אומ־גלויבלעכער שיינקייט.

עס האט אויפגעפלאמט אין אים א באגער איינצובייסן זיך אין איר — ביזן קראמפהאפטיק ביז בלוט. עס האט אויפגעפלאמט מיט אזא קראפט, אז עס האט איבערגעברענט... ער איז צוגעפאלן צו איר מיט א געוויין.

פלוצים דערמאנט ער זיך, אז עס איז א זינד דא אין בית המדרש צו טראכטן וועגן דער נאקעטקייט פון א פרוי, מען טאר נישט אפגעבן זיך צו אזעלכע געדאנקען...

אבער עס איז דאך וועגן זיין ווייב, וואס איז מיט אים אונטער א חופה געשטאנען. און ליב האבן איז דאך זיכער נישט קיין זינד. ער האט זי דאך ליב ביז איצטער, ער האט זי דאך פונקט ווי דעמאלט, ליב געהאט אויך שפעטער, אין ווארשע, ווען זי איז שוין נישט געווען אזוי רייצנדיק. ווי גוט אים איז געווען מיט איר... די גאנצע רעכטע זייט פון איר אויבערשטן קערפער־טייל איז געווען פארדעקט מיט א באנדאזש. אירע ארעמס זענען געווען אזוי דאר, איר הויט אזוי גרין, אירע קליינע ברוסטלעך — איינגעפאלן. ניין, עס איז שוין נישט געווען מער די וויל־דע רייצנדיקע באשע וואס אין וואלד. און דאך איז אים אזוי גוט גע־ווען מיט איר, אזוי גוט געווען צו קוקן אין אירע ליכטיקע אויגן אריין,

אַזוי גוט געווען צו קעמען מיט די פינגער אירע זיידענע האָר און אַזוי גוט געווען, אַך, אַזוי גוט געווען, — צו הערן ווי זי רופט אים אַזוי צערטלעך: איטשעלע.

וואָס איז געשען מיט דיר, באשעלע? מיר זאָל זיין פאַר דיר, זים מיידעלע מיינס! דו ביסט דאָך אַזוי ריין, אַזוי הייליק! פאַרוואָס זאָלסטו ליידן פאַר מיינע זינד? פאַר סך־הכּל צוויי גליקלעכע וואָכן מיט מיר מוזסטו אַזוי טייער באַצאָלן! צוויי וואָכן נאָכן דערנענטערן זיך צו מיר — פאַרוווּנדיקט געוואָרן און זינט דעמאָלט געגוססט ביז...

וואָס איז איצט מיט איר געשען?

— וואָס עס איז געשען? איך ווייס וואָס עס איז געשען. זי האָט עס נישט איבערגעלעבט! נישטאָ מער באַשעלע. נישטאָ די ווילדע רייצנדיקע פון וואַלד, נישטאָ די טרויעריק־שמייכלענדיקע פון וואַרשע. נ י ש ט אָ! נאָך אַ קרבן! באַשע! ב אַ ש ע ל ע ! ! !

פישל משמש וועקט זיך איבער פון דעם גרם הויכן שלוכצן, ער דרייט זיך אויס אויף דער אַנדערער זייט און שלאָפט ווייטער, ער איז שוין געוווינט צום גרם ווײנען ביינאַכט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— 36 —

אַ טומל אין בית המדרש. עס זענען געקומען צוויי שליחים פון אַמעריקע. זיי זענען דאָ אַריינגעקומען אָנקוקן דאָס איינציקע בית המדרש אין לאָדזש. אַלע שטופּן זיך אַרום די געסט אָפּצוגעבן זיי אַ „שלום עליכם", דעם גר אינטערעסירן זיי נישט. ער זיצט אין אַ ווינקל מיט זיין תהילימל און מאַטערט זיך מיט דער עברי וואָס קומט אים נאָך אָן אַליץ שווערלעך. ער נעמט זיך צוהערן צו דעם וואָס דער רב רעדט מיט די געסט ערשט דעמאָלט, ווען עס דערגייען צו אים עטלעכע ווערטער וועגן יידישע קינדער וואָס געפינען זיך אין קריסטלעכע הענט. דער רב דער־ציילט ווי אַזוי אַ סך עלטערן האָבן אַרויסגעשמוגלט זייערע קינדער פון

די געטאָס און אַריינגעגעבן זיי אין קריסטלעכע קינדער־היימען, אָדער סתם באַצאָלט שווערע געלטער צו אַ פּאָליאַק, ער זאָל אויסבאַהאַלטן דאָס קינד. די עלטערן זענען דערנאָך אומגעקומען און די גוים ווילן נישט אָפּגעבן די קינדער, אָדער ווילן אַ סך געלט פאַרן אָפּגעבן דאָס קינד.

די צוויי געסט דערציילן, אַז זיי האָבן געשאַפן אַ ספּעציעלן קאָמי־טעט אויסצולייזן די קינדער און צוריקברענגען זיי צו יידן. דער „גר" הערט זיך גוט איין דעם אדרעס פון קאָמיטעט.

באַלד נאָכן צוריקקומען קיין וואַרשע איז ער מיט באַשען אַוועק קיין שווידער צו דער קריסטלעכער קינדער־היים, דערוויסן זיך וואָס עס איז געשען מיט זיין פּעלעטשקע. אָבער דאָרטן איז שוין מער נישט גע־ווען קיין קינדער־היים. אין דעם הויז איז געווען אַ קאַזאַרמע פאַר סאָל־דאַטן, זיי האָבן גאָרנישט געוווסט, וואָס צו זאָגן וועגן דער קינדער־היים. ער האָט געפּרוווט זוכן פּעלעטשקען דורך דעם מלוכהשן זוך־אַמט, ביז ער איז אַוועק פון זיין היים, זענען קיין שום ידיעות נישט געווען.

שפּעטער, נאָך דער באַגעגעניש מיט די פון „זשאָב", האָט ער גע־טראַכט, אַז עס איז גלייכער, זי זאָל אים נישט טרעפן.

איצט אָבער נאָך דעם ווי ער האָט געהערט די שילדערונג פון רב, ווי די קינדער ווערן דערצויגן ווי קריסטן, ווי עס ווערט אין זיי איינ־געפּלאַנצט אַ שנאה צו יידן און די וואָס ווייסן אַז זיי שטאַמען פון יידן שעמען זיך דערמיט, איצט קען ער מער קיין רו נישט געפינען: זיין גאַנץ אומגליק איז געקומען דערפון וואָס ער האָט די יידן נישט ליב געהאַט און איצט וועט זיין טאָכטער זיי פיינט האָבן, און אפשר גאָר שלאָגן יידן, און אפשר גאָר העלפן מאַכן אַ פּאָגראָם, ווי טייל פּאָליאַקן טוען עס איצט. דער טאַטע האָט געמסרט יידן און די טאָכטער וועט שלאָגן יידן.

— ניין, ער טאָר נישט דערלאָזן דערצו!

ער גייט אַוועק אין דעם קאָמיטעט און דערציילט: ער האָט זיך צו־פעליק דערוווסט, אַז אַ יידיש מיידעלע, דאָס קינד פון דר. איגנאַצי לי־בענשטיין געפינט זיך אין אַ קריסטלעכער קינדער־היים. ער גיט אָן אַלע אינפאָרמאַציעס וואָס ער ווייסט צו געבן.

— ווי איז אייער אַדרעס, מיר זאָלן אייך קאָנען מודיע זיין די רעזולטאַטן, אָדער אָנפרעגן וועגן ווייטערדיקע אינפאָרמאַציעס?

— מער ווייס איך גאָרנישט.

— פונדעסטוועגן לאָזט אייער אַדרעס.

ער גיט אָן אָן אויסגעטראַכטן נאָמען און אַדרעס.

— 37. —

ער האָט באַשלאָסן מער זיך נישט צו ווייזן אין דעם קאָמיטעט. פעלעטשקע טאָר נישט האָבן אַ טאַטן אַ מסור. ער טאָר מיט איר נישט האָבן קיין שום שייכות. ער האָט געטון וואָס ער האָט געדאַרפט, כדי זי צו ראַטעווען און איצט מוז ער פאַרגעסן אין איר.

עס זאָגט זיך אַזוי פאַרגעסן, אָבער ווי קען ער איינזיצן אין בית המדרש, נישט וויסנדיק אפילו, צי מען האָט זי אויסגעלייזט? נישט וויסנדיק אפילו צי זי לעבט?

פעלעטשקע איז געווען אַ דיקלעך פּולכנע מיידעלע, ווען זי האָט געלאַכט, האָבן זיך געמאַכט צוויי גריבעלעך אין די בעקעלעך, ביי די עלנבויגנס פון די דיקע הענטעלעך האָבן זיך אויך געמאַכט גריבעלעך, ווי ער האָט ליב געהאַט צו קושן די גריבעלעך. זי פלעגט יעדן אינדערפרי קומען צו אים אין בעט אַריין און אַרומקריכן אויף אים, זעצן זיך אויף אים רייטנדיק. ער האָט זיך געשפּילט מיט איר, זי האָט געלאַכט, געלאַכט, און ער האָט אויסגעקושט די חן גריבעלעך וואָס האָבן זיך איר געמאַכט ביים לאַכן.

ווי זעט זי אויס איצט? איז זי ווייטער אַזאַ פּולכנע מיידעלע, מאַכן זיך איר נאָך חן גריבעלעך ביים לאַכן? זענען אירע גרויסע אויגאַנעס נאָך אַזוי קלאָר און ליכטיק?

אז ער ווייסט אפילו נישט צי זי לעבט —

די עברי ביים תהלים איז געוואָרן שווערער... ער מאַכט ווייטער אַ ברכה איבער יעדן ביסן, אָבער טיילמאָל פאַרגעסט ער בכלל צו מאַכן

א ברכה, אז אלע זיינע געדאנקען זענען פארנומען נאר מיט איינס: ער מוז זי זען, כאטש איין בליק פון דער ווייטנס.

ער דרייט זיך גאנצע טעג פאר דעם קאמיטעט־ביורא, אפשר וועט ער זי זען אנקומען. עס גייען פארביי טעג נאך טעג, ער זעט זי נישט.

ער ווערט פלוצלינג באריידעוודיק, פארטשעפעט יעדן וואס קומט אריין אין בית המדרש און פרעגט זיך אויס וועגן די קינדער וואס מען לייזט אויס פון די גויים, וואס מען טוט מיט זיי, וווהין מען פירט זיי. ער דערוויסט זיך אז מען פירט זיי אוועק קיין ארץ ישראל.

קיין ארץ ישראל? גוט. דאס בעסטע ארט פאר איר צו זיין וואס ווייטער פונעם טאטן און פון דעם ארט פון זיינע מעשים. אבער, וועט ער זי אינגאנצן נישט זען? קיין איין מאל נישט? ער מוז זי זען. כאטש פון דער ווייטנס געבן א בליק אויף איר. פעלעטשקע, מיידעלע מיינס. פופעלע מיינס...

ער גייט אריין אין קאמיטעט־ביורא. עס נעמט אים אויף דער „קליינער ליבעלע" מיט די קלוגע שמייכלענדיקע אויגן. לייבעלע דער־קענט אים גלייך. איר האט דאך געמאלדן וועגן — ווי הייסט זי? (ער כאפט א בליק אין א קארטאטעקע) אהא, פעלא ליבענשטיין, מיר האבן זי אויסגעלייזט. מיר האבן אייך געשריבן דערוועגן, דער בריוו איז צו־ריקגעקומען, אט איז דער בריוו.

מיט ציטערדיקע הענט עפנט ליבענשטיין דעם בריוו, דער בריוו איז געשריבן אין יידיש, ער קען נאך נישט לייענען קיין יידיש.

— וואס שרייבט איר דא? איך בעט אייך, כ'האב נישט די ברילן מיט זיך...

— דאס קינד געפינט זיך אין דער קינדערהיים אויף זאוואדזקע גאס 27, מען רופט זי דארט פייגעלע.

פייגעלע, פייגעלע, פייגעלע חזרט ער א גאנצן וועג ביז צו דער קינדערהיים. ער קומט צו אויף זאוואדזקע 27, ער הערט קינדער זינגען דא איז עס. אריינגיין? וואס וועט ער זאגן?

ער דארף גארנישט זאגן. אריינגיין א קוק געבן, איין קוק און אוועק־

גיין. קיינער וועט אים נישט דערקענען. קיינער קען אים נישט דער־קענען מיט אזא לאַנגער באָרד.

די קינדער טאַנצן אַ הורא. איין בליק און ער דערקענט זי. זי איז די העכסטע, די שענסטע פון אַלע. די הורא דרייט זיך, ער לויפט איר נאָך מיטן בליק.

„מי יבנה הגליל? אנחנו החלוצים" הגלילה, הגלילה, גלילה, גלילה — — —"

די הורא דרייט זיך שנעל. איר פּנימל שווימט אַלעמאָל פאַרביי פאַר אים און פאַרשווינדט. גלילה, גלילה, פעלעטשקע, פייגעלע, גלילה, גלילה. — —

ער דערהאַלט זיך קוים, נישט אומצופאַלן. זיין קאָפּ איז צו שוואַך פאַר אזא קאַפּשווינדלערישן טאַנץ און פאַר אזעלכע קאַפּשווינדלערישע געשעענישן. פעלעטשקע פייגעלע. — —

— צו וועמען דאַרפט איר? פרעגט אים די לערערין.

— איך? גאָרנישט, צו קיינעם נישט. קינדערלעך טאַנצן, געוואָלט זען...

די הורא שטעלט זיך אָפּ. פעלעטשקע זעצט זיך אַוועק אויף אַ באַנק. ביסט דערשוויצט, קינדעלע מיינס, פייגעלע מיינס. צוגיין אָפּווישן איר דעם שווייס פון שטערן...

ער גייט נישט צו, ער ווישט דעם שווייס פון זיין אייגענעם שטערן. נו, גענוג, זאָגט צו אים די לערערין, מען קען דאָ לאַנג נישט שטיין, און מאַכט אויף די טיר ער זאָל אַרויסגיין.

גאָט, גאָט. פאַרוואָס קומט עס מיר? פאַר אַלע מיינע שלעכטע מעשים האָסטו מיר באַצאָלט מיט גוטס. איך בין געווען דער ערגסטער פון די ערגסטע, און דו האָסט מיר געגעבן אַן אויסזען וואָס דערוועקט צוטרוי, און דו האָסט מיך געלאָזט געווינען די ליבשאַפט פון אזעלכע אײדעלע נשמות. א י ך האָב אויסגענוצט דעם צוטרוי און זיי זענען דערפאַר געשטראָפט געוואָרן. האָסט מיר אָפּגעהיט און געראַטע־וועט מיין קינד. פרעמדע אומשולדיקע מענטשן האָסטו מיך געלאָזט אומ־ברענגען און ווען איך האָב דעמאָלט געוואָלט מסרן אויך מיין קינד,

האָסטו מיך נישט געלאָזט און דאָס קינד לעבט, און מיין קינד, מיין בלוט און פלייש, וואָס טראָגט מיין געשטאַלט קען אויסוואַקסן אַ ריינער מענטש, אַ גוטער מענטש, אַ גוטער ייד. גאָט, גאָט. פאַרשעמסט מיך מיט דיין גוטסקייט צו מיר.

ער ווייסט, אַז ער טאָר זיך עס נישט פאַרגינען, אַז ער פאַרדינט עס נישט, אַז עס קומט אים נישט דאָס פאַרגעניגן זי צו זען. ער זיצט גאַנצע טעג פאַרהילט אין דעם טלית און שעפּטשעט: גאָט, גאָט פאַר־שעמסט מיך מיט דיין גוטסקייט צו מיר, פאַרשעמסט מיך מיט דיין חסד צו מיר. — —

אַז ער בלייבט אַליין אין בית המדרש, הייבט ער אויף דעם טלית פון איבערן פּנים און נעמט לייענען דעם בריוו, ווו מען מעלדעט אים, אַז פעלעטשקע איז אויסגעלייזט. ער קען נישט לייענען די ווערטער, אָבער ער ווייס וואָס דאָרטן איז געשריבן. קוקט ער אויף די אותיות און לייענט פון זכרון דאָס וואָס דאָרט דאַרף זיין געשריבן. אָן אויפהער חזרט ער איבער דאָס, וואָס דאַרף זיין די לעצטע פראַזע פון בריוו: „מען רופט זי דאָרט: פייגעלע", מען רופט זי דאָרט: „פייגעלע".

דער נאָמען פייגעלע איז דאָך אייגנטלעך פרעמד פאַר אים, אַלע זיינע זכרונות וועגן קינד זענען פאַרבונדן מיטן נאָמען „פעלעטשקע" און דאָך איז אים ליב אָט דער נייער נאָמען. ער איז אַזוי אייגן, אַזוי יידישלעך... ער באַמיט זיך צו פאַרבייטן דעם נאָמען אפילו אין די זכרונות פון אַמאָל... עס לעבט פאַר אים אויף אַ בילד:

ער זיצט ביי זיך אין ביבליאָטעק־צימער. ער לייענט אַ בוך, די טיר עפנט זיך שטיל, לייכטע דראָבנע טריטעלעך, ער הייבט נישט אויף די אויגן פון בוך, ער מאַכט זיך נישט זעענדיק און פּלוצלינג האָבן צוויי קליינע הענטעלעך פאַרשטעלט אים די אויגן.

— ווער איז דאָס?

— טרעף?

— כ'ווייס נישט.

— טרעף.

— די מאַמע?

— ניין.
— מארישע?
— ניין.
— טא, ווער איז עס?
— איך!
— א, מיין מיידעלע, מיין פעלע — — —
ער בעסערט באלד אויס: „א, מיין מיידעלע, מיין פייגעלע".

עס טרעפן פונדעסטוועגן טעג, ווען ער קען נישט איינזיצן אין בית המדרש, ער לויפט אוועק אויף זאוואדזקע גאס און דרייט זיך שעהען פארן טויער ווו עס געפינט זיך די קינדערהיים, אפשר וועט מען זיי גראד ארויספירן שפאצירן. ס'איז הארבסט, עס רעגנט. קנאפע אויס-זיכטן, מען זאל די קינדער ארויספירן אין אזא וועטער. ער שטייט פונ-דעסטוועגן אויף דער גאס און פאררייסט אלעמאל דעם קאפ ארויף צו די פענצטער פון קינדערהיים. ווען עס דערטראגט זיך אמאל פון דארטן א געזאנג, ווערט אים ווארעם אונטער די נאסע קאלטע מלבושים. ער הארכט זיך איין און פרובירט טרעפן וועלכעס פון די קולכעלעך איז פעלעטשקעס — דאס הייסט פייגעלעס...

— 38 —

ער גייט זעלטן ארויס פון בית-המדרש, טוט זעלטן אויס דעם טלית און רייסט נישט איבער דאס תהילים זאגן. גאט האט אים געטון נאך א חסד: באשע לעבט.

א טעפל עסן, וואס מען האט אים געברענגט, איז געווען ארומגע-וויקלט מיט א פויליש-יידישער צייטונג, אין דער צייטונג האט ער פלו-צים דערזען דעם נאמען באשע. די אותיות האבן זיך אויסגעטיילט פון צווישן די אלע אנדערע און אקעגנגעגאנגען זיין בליק. ס'איז דארט בא-שריבן געווען א פייערונג פון יידישן פארטיזאנען-פארבאנד. דער נא-מען באשע גאלדבערג איז געדרוקט געווען מיט פעטער שריפט. זי האט

באקומען נאָך אַן אויסצייכענונג פאַר איר העלדישקייט ביי די פּאַרטיי־זאַנער.

באַשע לעבט! באַשע האָט איבערגעלעבט דעם קלאַפּ און נישט געוואָרן זיינס אַ נייער קרבן! מיט וואָס קען איך דיר אָפּדאַנקען, גאָט?!

ער הערט בכלל אויף רעדן. אפילו צו פּישל משמש רעדט ער זעלטן אויס אַ וואָרט. ער זאָגט פון זיין תהילימל, אָדער שעפּטשעט מיט די ליפּן זיינע אייגענע תפילות. נאָר ווען מען ברענגט דאָס עסן איינגעפּאַקט אין צייטונגס־פּאַפּיר, נעמט ער גיריק לייענען און זוכט: אפשר וועט ער ווידעראַמאָל געפינען אַ גרוס פון באַשען.

— 39 —

„דער העלדישער טויט פון פאַליאַ פּענצטער", לייענט ער אַ גרויסן קאָפּ אויף דער גאַנצער ברייט פון דער צייטונג. פאַליאַ? יענע פאַליאַ די פאַרבינדלערין, וואָס ער האָט פאַרמסרט? ער נעמט שלינגען די ווערטער פון דער באַשרייבונג. יאָ, ס'איז זי, „ז יי ן" פאַליאַ, זיין שטיקל אַרבעט. עס זענען דאָרטן באַשריבן די ענויים, וואָס די געשטאַפּאָ האָט איר אָנגעטון, זי האָט אַלץ איבערגעטראָגן און גאָרנישט אויסגעזאָגט און קיינעם נישט אויסגעגעבן. צום סוף איז נאָך געשריבן, אַז פאַליאַ איז געמסרט געוואָרן דורך אַ יידישן געשטאַפּאָ־אַגענט. דער „זשאַב" האָט אַרויסגעטראָגן אויף אים אַ טויט־אורטייל, אָבער עס איז אים געלונגען נעלם צו ווערן. פאַליאַס חברים וועלן נישט רוען. אויב ער לעבט, וועט ער נישט אויסמיידן די תליה.

דער „בלוטיקער קאַלטן" איז צוריקגעקומען און מער נישט אָפּגעטראָטן. ער קוקט צו אים פון דעם תהילימל אַרויס, דער קאַלטן גנבעט זיך אַרונטער אונטערן טלית ווען ער פּרוווט מיטן טלית פאַרדעקן זיך דאָס פּנים. ער לויפט צו צום אָרון קודש, גראָבט איין דאָס פּנים אין פּרוכת — איז אויך אין פּרוכת דאָ דער בלוטיקער קאַלטן. דער קאַלטן מאָנט, דער קאַלטן האָרנט מיט די ווערטער פון דער צייטונג: „ער וועט נישט אויסמיידן די תליה".

אָבער צי קען דען דער פּסק נאָך גילטיק זיין? מען האָט אַרויסגע־טראָגן אויף אים דעם אורטייל, ווען ער איז געווען אַ מסור, ווען זיין עקזיסטענץ האָט געשטעלט אין סכנה נאָך אַנדערע לעבנס. היינט איז ער דאָך מער נישט קיין מסור. היינט איז ער דאָך אַ בעל־תשובה און תשובה ווישט אָפּ די זינד, האָט ר׳ אהרן געזאָגט. ער טוט דאָך תשובה. פון אַלע פאַרגעניגנס זיך אָפּגעזאָגט, ווי אַ נזיר זיך אָפּגעשלאָסן אין בית־המדרש, נאָר ער בעט און בעט. איז דאָס ווייניק?

עס נעמט אויפטויכן אין אים אַ פראַגע, נאָך איידער זי קומט קלאָר אַרויס, דערפילט ער די האַרבקייט, די צעשמעטערנדיקע קראַפט פון דער פראַגע. ער וויל פאַרטושן, דערשטיקן, אָבער די פראַגע קריכט פּאַמעלעך אַרויס, לויערנדיק אויף אים ווי אַ רויב־חיה און באַפאַלט אים מיט דער גאַנצער שווערקייט.

פאַרוואָס ביסטו נישט געוואָרן אַ פרוש מיט אַ באָרד און אַ תהי־לים־זאָגער, איידער דער פון „זשאַב" האָט דיך דערקענט? פאַרוואָס האָסטו נאָך דערלאָזט, אַז באַשע זאָל זיך פאַרפּלאָנטערן אין דיין נעץ און זאָל שפּעטער אַזוי צעבראָכן ווערן פון אַנטוישונג? פאַרוואָס האָסטו אָפּ־געשוימט איר יוגנט און אומשולד, פאַרוואָס?

און פאַרוואָס ביסטו אַנטלאָפן, פונוואַנען האָסטו גענומען כוח צו אַנטלויפן פון „זשאַב"? אין אַ מאָמענט, ווען באַשע איז איבער דיר גע־וואָרן אַזוי אומגליקלעך, האָסטו אויך נאָר אין זינען געהאַט צו ראַטעווען דיין פעל.

באַקוועם זיך צו באַהאַלטן אונטער אַ מאַסקע פון אַ בעל־תשובה, האַ? אין אַ האַלב־משוגענעם פרוש מיט אַ לאַנגער באָרד קען קיינער נישט דערקענען דעם מסור 837.

איך ווייס, איך ווייס, ס׳איז נישט נאָר די באָרד. זאָגסט אַ סך תהילים און תפילות. ביסטו טאַקע געוואָרן אַן אמתער תהילים־זאָגער? גלייבסטו דערין, אָדער ווילסט זיך איינרעדן, אַז דו גלויבסט, ווייל דער גלויבן איז אַ פאַרגעבנדיקער... ווייל דער גלויבן שטעלט אַזוי הויך די בעלי־תשובה און אַז דאָס געוויסן קומט אַמאָל פייניקן, האָסטו אַ גרייטן ענטפער: זעסט דאָך, כ׳בין אַ בעל־תשובה, משוגע־פרום, אַנשטאָט איין

ברכה מאַך איך צענדליקער ברכות איבער אַ שטיקל ברויט, אַ גאַנצן טאָג אַרומגעהילט מיטן טלית, וואָס נאָך ווילסטו, געווים מיינס?

מילא, אַז דו שפּילסט פּאַר אַלעמען אַ קאָמעדיע, פאַרשטיי איך. אָבער ווען דו ביסט מיט זיך אַליין, זאָג זיך דעם אמת: האָסט זיך שטענדיק גענאַרט און ווילסט זיך ווייטער אָפּנאַרן. ביסט אַ פּחדן, אַן עקלדיקער פּחדן, און אויס מורא פאַרן פּסק באַשטייסטו אפילו צו לעבן ווי אַ וואָרעם דאָ אין בית־המדרש אויף דער באַנק. אָט פאַרוואָס האָסט זיך געלאָזט וואקסן אַ באָרד און מאַכסט צען ברכות איבער איין שטיקל ברויט. אָט פאַרוואָס ביסט צופרידן, אַז מען האַלט דיך פאַר אַ משוגע־נעם און ווילסט זיך אַליין איינרעדן אַז ביסט משוגע. פּחדנות איז עס! פּחד פאַרן אורטייל, פּחד פאַרן טויט, פּחדנות טאַקע אפשר ביז משוגעת..

אָבער איך באַגער דאָך די תשובה, איך וויל זיך דאָך רייניקן און ר' אהרן האָט דאָך געזאָגט, אַז ווער עס וויל זיך רייניקן העלפט מען אים פון הימל. זאָל מען מיר העלפן צו אַן אמתער אויפריכטיקער תשובה, וואָס זאָל אָפּווישן מיינע זינד.

און אפשר בלייבט אַ זינדיקער שטענדיק זינדיק? אפשר האָט דער גוטער ר' אהרן נאָר געוואָלט מיך טרייסטן, אַז תשובה רייניקט אָפּ די זינד?

ער לויפט אַריין צום רבֿ מיט אַ שאלה.

— רבי, איז עס אמת, עס שטייט געשריבן, אַז ווער עס וויל זיך רייניקן העלפט מען אים פון הימל?

— יאָ, די חכמים זאָגן: „הבא לטהר מסייען אותו".

— און תשובה ווישט אָפּ די זינד? און אַ חופּה ווישט אָפּ די זינד?

— יאָ, תשובה איז מכפּר, יום־כיפור איז מכפּר און אַ חופּה איז ווי יום־הכיפורים. אָבער עס ווישט אָפּ נאָר די זינד צווישן מענטש און גאָט. גאָט־ברוך־הוא קען מוחל זיין נאָר די זינד וואָס מען איז באַגאַנגען קעגן אים אַליין, אָבער נישט די זינד וואָס אַ מענטש באַגייט קעגן אַן אַנדערן מענטשן.

— און וואָס איז מיט אַזאַ זינד? אַזאַ זינד קעגן אַ מענטש?

— דאַרף מען דער באַעוולהטער מענטש זאָל מוחל זיין?

— און אז דער מענטש איז שוין נישטא, לעבט שוין נישט און עס איז אזא זינד פאר וועלכער עס קומט א שטראף, ווישט תשובה אפ די שטראף?

— ניין.

ריכטיק, ריכטיק, מורמלט ער צו זיך, ווען ער גייט ארויס פונעם רב. קלוג און גערעכט: גאט קען מוחל זיין נאר זינד קעגן אים. פאר זינד קעגן מענטשן, דארפן מענטשן משפטן און זיי האבן געמשפט. און דער פסק איז גילטיק. און „ער וועט נישט אויסמיידן די תליה".

און זיין גאנצע תשובה איז בכלל נישט מער ווי חוזק. איז דען פאר טויטן מענטשן געננוג תשובה צו טון מיט זאגן תהילים? ווי אזוי האט ער זיך דען געראטעוועט פון טויט? ער האט פאר זיין לעבן באצאלט מיט אנדערע לעבנס, טא פארוואס געניסט ער ווייטער פון די פרוכט פון זיינע זינד? פארוואס קלאמערט ער זיך ווייטער אינעם לעבן? תשובה הייסט דאך חרטה, ער באדויערט וואס ער האט עס געטון, ער וואלט געוואלט, אז ער זאל עס נישט האבן געטון. וואלט ער גרייט געווען צוריקצוטוישן? צוריקצוגעבן זיין לעבן, כדי יענע זאלן צוריק לעבעדיק ווערן?

יענע קענען שוין טאקע נישט לעבעדיק ווערן, אבער אויב ער האט באמת חרטה, פארוואס ער האט געקויפט זיין לעבן פאר אזא פרייז, דארף ער גרייט זיין עס צוריקצוגעבן! די גערעכטיקייט פאדערט עס פון אים. זי, די גערעכטיקייט, האט ארויסגעטראגן א פסק, זי פאדערט זיין לעבן! אז ער פארציט זיין לעבן אויף נאך א מינוט, איז עס א גנבה. יעדע מינוט פון זיין לעבן איז א פארברעכן, אן עוולה קעגן דער גערעכטיקייט.

דאס ברויט וואס ער עסט, די לופט וואס ער אטעמט איז — בלוט. ער האט דאך מיט בלוט באצאלט פאר זיין לעבן. מען קען אויסרעכענען וויפל טראפנס בלוט א מענטש האט, ווען ער וואלט געוווסט ווי לאנג ער וועט לעבן, וואלט ער געקענט אויסרעכענען וויפל טראפנס בלוט ער האט באצאלט פאר יעדן טאג לעבן. ער וואלט אויך געקענט אויסרעכענען פאר וועמעס בלוט ער לעבט היינט, זיכער שוין פאר דעם בלוט פון

פּאַליאַן, דעם לעצטן קרבן. ער וועט דאָך שוין לאַנג נישט לעבן, דער פּסק איז גילטיק און „ער וועט נישט אויסמיידן די תּליה"!

אָבער ניין! ער וועט אַזוי שנעל נישט שטאַרבן! מיט איין תּליה קען מען באַצאָלן נאָר פאַר איין לעבן, און וואָס פאַר די אַנדערע? אַ שנעלער טויט איז אַ צו מילדער פּסק פאַר אים, ער מוז נאָך לעבן און שטענדיק זען די תּליה, און יעדע מינוט איבערלעבן די תּליה.

— 40 —

ביז איצט זענען נאָר די נעכט געווען פּיינלעך, בייטאָג האָט אים דאָס סידורל געראַטעוועט פון זיינע געדאַנקען, איצט האָט דאָס סידורל אים אויפגעהערט באַשיצן. ער קען מער נישט בעטן, קיין תּפילה קען אים נישט העלפן: „ער וועט נישט אויסמיידן די תּליה". ער פילט שוין די שטריק אויפן האַלדז. די סלינע אין מויל איז אויסגעטריקנט, עס וואַרגט אים, ער קען נישט קיין שלינג טון.

ער וועט נישט אויסמיידן די תּליה — דאָס איז זיכער, אָבער ווען וועט זי שוין קומען די תּליה? ווען וועט זי שוין ענדלעך קומען?!

באַשע, באַשעלע! ווען דו וואָלסט געוווּסט, ווי איך האָב חרטה, ווי שטאַרק איך האָב חרטה, וואָלט דיר אפשר לייכטער געוואָרן. וואָלסטו אפשר געקענט פאַרגעבן זיך וואָס ביסט געווען מיין ווייב. ווי אַזוי קען איך דיך איבערציי̈גן אין מיין חרטה? ווי אַזוי קען איך מאַכן זאָלסט מיר גלייבן?

נעמען אויף זיך דעם פּסק! נאָר דעמאָלט וועט עס זיין אַן אמתע תּשובה און באַשע וועט קענען גלייבן אין איר. דאָס איז דאָס איינציקע וואָס איך קען נאָך טון פאַר באַשען.

פישל משמש ווערט דערשטוינט, ווען ער דערזעט פּלוצים אַ שמייכל אויף דעם גרם פּנים. זינט ער איז אַהערגעקומען, האָט ער נאָך קיינמאָל נישט געשמייכלט, בפרט לעצטנס הערט ער נישט אויף וויינען, אפילו אין שלאָף וויינט ער מיט באַנומענע קולות און פּלוצים — ער שמייכלט גאָר?

באַשע, האָסט מיר געגעבן אַזאַ גליק ביים לעבן און מאַכסט מיר אַזוי לייכט דעם טויט. זיס איז דער טויט ווען איך ווייס, אַז איך שטאַרב פאַר דיינעטוועגן, כדי דיך צו טרייסטן...

— 41 —

ער וווּנדערט זיך, ווי לייכט עס איז אים געוואָרן: אויף דער אַרי־שער זייט, ווען ער איז געווען באַהאַלטן און ווען ער האָט געדינט דער געשטאַפּאָ, אין וואַלד ביי די פּאַרטיזאַנער און אַפילו דאָ אין בית־המדרש, אומעטום האָט די טויט־שרעק געשוועבט אויף אים און אים דערדריקט. און דאָ איז אַלץ מיטאַמאָל אַוועק... געגנוג געווען שלום צו מאַכן מיטן טויט און ער האָט שוין אויפגעהערט מורא האָבן פאַר אים. ווי לייכט ער האָט געקענט אויסמיידן אַלע אומגליקן...

מילא, וואָס געווען איז שוין פאַרפאַלן, אָבער איצט מוז ער שנעל אַקעגנגיין דעם טויט, שנעל איידער ער קריגט ווידער חרטה...

ניין, ניין. ער האָט איצט נישט קיין מורא אַפילו פאַר חרטה. דער־מאָלט האָט ער נאָר געזען, אַז עס איז נישטאָ קיין עצה, ער מוז שטאַרבן, אָבער ער האָט נישט געוואָלט שטאַרבן. ער האָט מורא געהאַט פאַר דעם וואָס דאַרף קומען. איצט אָבער פילט ער שוין דעם טויט אין אַלע זיינע אברים און ער באַגערט אים — דעם טויט, עס איז גוט צו פילן, אַז ער קומט שוין אָן.

עס איז אים איצט אַזוי לייכט... אַ שווערקייט איז אַראָפּ פון דעם רוקן, אַ נעפּל איז אַוועק פון דעם קאָפּ. דער טויט קומט אָן ווי אַ פרי־לינג — ליכטיק, לויטער, און אויף יענעם ברעג וואַרט אויף אים באַ־שע... זי וועט טאַקע בלייבן דאָ, אָבער זי וועט ווידער ווערן זיין באַשע. זי וועט מער נישט קוקן אויף אים ווי אויף אַ מסור. זי וועט טראַכטן וועגן אים מיט ליבשאַפט, אפשר אויך פאַרגיסן אַ טרער נאָך אים... ער וועט זיין דאָרט, אָבער באַשע וואָס וועט זיין דאָ, וועט אים טראָגן אין איר האַרץ, וועט אים ווידער רופן — איטשעלע.

„באשע,

ווען וועסט לייענען די שורות, וועל איך שוין נישט לעבן. זאל דאס זיין פאר דיר א באווייז פון מיין חרטה. איך ציל נישט מיט דעם בריוו אויסצופיינען זיך פאר דיר, איך פארדין נישט, זאלסט טראכטן וועגן מיר גוט. אבער עס קען זיין, דו פילסט זיך דערנידעריקט און פאר־אומרייניקט פון דעם וואס ביסט געווען מיט מיר. וויל איך דיר זאגן, אז שוין דעמאלט בין איך פול געווען מיט חרטה. איך בין אייגנטלעך שטענדיק פול געווען מיט חרטה, נאר איך בין א שוואכער, א פחדן און עס איז זיי געלונגען מיך איינצוברעכן. איך ווייס, אז שוואכקייט איז נישט קיין פארענטפער פאר אזעלכע מעשים, איך ווייס שוין אויך, אז חרטה קען נישט אפווישן אזעלכע זינד. איך נעם אויף זיך די שטראף.

איך רוף דיך פשוט „באשע", נישט „מיין באשע", אפילו נישט „טייערע באשע", טראץ דעם וואס — — —

ניין, איך קען זיך נישט דערוועגן שרייבן וועגן געפילן פון אזא ווי איך צו אזא ווי דו. עס וואלט געווען א חילול. א פראפאנאציע און א פארברעכן פון מיין זייט איז טאקע געווען מיין פאראייניקן זיך מיט דיר. זיי מיר מוחל. ניין! זיי נישט מוחל! איך פארדין נישט קיין מחילה, פון קיינעם נישט! איך בין גרייט נעמען אויף זיך אלע שטראפן. אויב גאט איז א גערעכטער, דארף ער מיר שענקען א סך לעבנס און יעדער פון די לעבנס שיקן אויף דער תליה, כדי אויסצוקויפן יעדע זינד באַ־זונדער.

איך האב געשריבן, אז איך וויל זיך נישט אויספיינען פאר דיר און דאך שרייב איך אזוי, אז זאלסט טראכטן וועגן מיר אביסל בעסער. אלץ די שוואכקייט מיינע, א מיאוסע טבע אליין זיך אפצונארן. אט האב איך זינט דיין אוועקגיין געוואלט ווערן א בעל־תשובה. כ'האב אויך גאט געוואלט אפנארן: מאכטס א ווארע, א בעל־תשובה גייט, כ'האב זיך גע־לאזט וואקסן א בארד, געהאלטן אין איין תפילה־טון. כ'האב געוואלט, מען זאל מיר נאך אנגרייטן א שטול אויבנאן אין גן־עדן פאר מיין תשו־

בה־טון און פאר מיינע מצוות. אבער יעדער ליגן האט זיין סוף. אויפ פארטיזאנער מיט מעדאלן, אוים בעל־תשובה! כ׳האב שוין אפגעשוירן די בארד, כ׳האב היינט געגעסן א שטיק חזיר־ווורשט, אוים מיטן בעל־תשובה! א נאקעטער וועל איך קומען אויף יענער וועלט. א מסור, דער געשטאפא־אגענט 837, וואס האט געמסרט פינף יידן און האט געוואלט מסרן אויך זיין אייגן קינד, נאר גאט האט נישט געלאזט...

טאקע צוליב דעם קינד שרייב איך דיר דעם בריוו. גאט האט מיך געלאזט הרגענען אנדערע און מיין קינד לעבט. עס געפינט זיך אין דער קינדער־היים אויף זאוואדזקע 27 אין לאדזש. ס׳איז א מיידעלע פעלע־טשקע, וועסט זי דערקענען, זי איז ענלעך צו מיר.

איך ווייס נישט, אפשר איז עס צופיל פארלאנגט, וואס איך וויל, דאס קינד זאל נישט וויסן פון מיין חרפה. צי דארף דאס קינד ליידן פאר מיינע זינד? ווען איך האב זי געבראכט אויף דער וועלט, בין איך דאך נאך קיין מסור נישט געווען. איך גיב דאס איבער אין דיינע הענט, טו ווי דו פארשטייסט. אויב איך האב א רעכט עפעס צו בעטן, בעט איך דאס: מיין קינד זאל נישט וויסן פון מיינע זינד.

איך שיק דיר איבער אלע אויסצייכענונגען, וואס איך האב באקו־מען ביי די פארטיזאנער. קענסט זיי פארברענען. איך וואלט זיי אליין פארברענט, נאר אפשר וועט עמיצן איינפאלן צו פארבינדן דעם מסור 837 מיט דעם פאטער פון מיין קינד, איז אויב זי וועט האבן די אויס־צייכענונגען, וועט זי האבן א תירוץ, איר פאטער איז גאר געווען ביי די פארטיזאנער. איך ווייס, איך האב נישט קיין רעכט צו די אויסציי־כענונגען און קען זיי נישט איבערגעבן בירושה, אבער וואס זאל נעבעך טון א קינד וואס האט געהאט אן אומגליק געבוירן צו ווערן פון אזא טאטן? איך לאז עס איבער צו דיר, טו ווי דו פארשטייסט.

איך גיי אקעגן דעם וועג, וואס איך האב פארדינט מיט מיינע מעשים.

איך קען זיך נישט צוריקהאלטן פון דעם פארגעניגן צו פרעגן, וואס דו מאכסט? ווי עס האלט מיט דיין געזונט? מיט דיין וווּנד? כאטש קיין ענטפער דערויף קען איך נישט קריגן און וויל עס נישט קריגן. איך

פארגין עס זיך נישט, פונקט ווי איך פארגין זיך מער נישט א קוק צו טון אויף מיין קינד אפילו פון ווייטנס.

איך גיי — — —".

דעם בריוו האט ער איבערגעשיקט צום פארטיזאנער־פארבאנד פאר דער פארטיזאנערין באשע גאלדבערג.

— 43 —

אריה זיצט אין זיין צימערל און לייענט די ערשט־אנגעקומענע ארץ־ישראל פרעסע. די טיר עפנט זיך שטיל. עס קומט אריין א הויכער איינגעדארטער מאן און בלייבט שווייגנדיק שטיין נעבן דער טיר.

— צו וועמען דארפט איר?

— צו אייך.

— ווער זענט איר?

— איך בין 837.

— וואס ווילסטו?

— איר זאלט מיך משפטן.

אריה טוט א קוק אויף דעם וואס שטייט פאר אים. ס'איז נאר א חורבה פון א מענטש, נישטא שוין אויף וועמען דעם אורטייל אויסצופירן. „ד א ס" וואס שטייט פאר אים, איז ע פ ע ס צו וואס ער קען נישט ארויסציען דעם רעוואלווער און שיסן. אלץ וואס ער פילט צו דעם, איז — עקל.

אריה וויל אויפוועקן אין זיך דעם כעס צו דעם מסור, נעמט ער אים אויספרעגן:

— ווי איז דיין נאמען?

— פעלטשאק.

— ווי איז דיין ריכטיקער נאמען? — רעדט אריה שוין העכער, דער כעס נעמט אויפשטייגן.

— דאס קען איך נישט זאגן, עס לעבט מיינס א קינד וואס ווייסט פון גארנישט. משפט מיך, נישט מיין קינד.

— גיי!

— איך בין געקומען, איר זאָלט מיך משפּטן.

— גיי!

— איר האָט דאָך שוין אַן אורטייל, פירט אים אויס.

— גיי, וועסט קומען אויף אַנדערע הענט.

ער צעוויינט זיך: — כ'קען שוין מער נישט, האָט רחמנות... כ'קען שוין מער נישט אַזוי... איר האָט אַרויסגעטראָגן אַן אורטייל, טוט עס! לאָזט מיך נישט אַזוי, כ'קען נישט... כ'קען נישט! כ'מוז שטאַרבן!

אריה שטופּט אים אַרויס פון שטוב.

עטלעכע טעג זיצט ער אויף די טרעפּ נעבן אַריהס טיר און וויל נישט אָפּטרעטן. יעדעס מאָל, ווען אריהן קומט אויס אים פאַרבייצוגיין, גייט ער זייטיק און מיירט אויס אים אָנצורירן, ווי מען מיידט אויס אָנצורירן אַ שרץ. 837 רעדט גאָרנישט, ער קוקט נאָר אויף אריהן מיט שטומען הינטישן געבעט.

**
*

אין אַ חורבה געפינט מען אַ געהאַנגענעם. מחמת אין דער חורבה זענען פאַראַן טריט־צייכנס נאָר פון דעם געהאַנגענעם, שטעלט די פּאָליציי פעסט, אַז עס איז אַ זעלבסטמאָרד. ביים זעלבסטמערדער געפינט מען אַ טאַשן־מעסערל. ווען מען וואַשט אָפּ די ווונד אויף זיין ברוסט, ווייזט זיך אַרויס, אַז עס איז דאָרט מיט דעם מעסערל אויסגעשניטן געוואָרן אַ ציפער: 837.

**
*

אויפן בית־עולם ווייסט דער קברן נישט ווי אַזוי צו באַצייכענען דאָס קבר, שרייבט ער אויף, דעם איינציקן סימן וואָס ער ווייסט, און צוקאָפּנס ביים קבר ווערט אַוועקגעשטעלט אַ בלעכל מיט דעם אויפשריפט: פּ. נ. 837.

ווען דער קברן גייט מיט עטלעכע טעג שפּעטער פאַרביי דעם קבר, דערזעט ער, אַז די ציפער פון בלעכל איז אָפּגעווישט און עס איז אָנגעשריבן אַ נאָמען: א י ט ש ע.

פארלוירן די מאמע

— דעק זיך אַרום מיט דעם, ס'איז קאַלט אין דער צעלע, וועסט נישט קענען איינשלאָפן.

חלומט זי? איז דאָס מעגלעך? יאָ, דער ערגסטער פון די געשטאַ־פּאָ־לייט ברענגט איר אַ וואָלענע דעק און זאָגט איר אַזוי צערטלעך, זי זאָל זיך אַרומדעקן? שוין צוויי מעת־לעת ווי מען פּייניקט זי אָן אויפ־הער לויט די באַפעלן פון יאָנען. און פּלוצלינג אַזאַ ענדערונג. גלייבט ער איר שוין, אַז זי איז נישט קיין ייִדישע? ניין, זיין פּנים איז האַרט און פאַרשלאָסן ווי בעת דער אויספאָרשונג, אין זיינע אויגן פינקלט אַ ביטרע פייערל, עפּעס איז ער דאָ אויסן. וואָס?

„וועסט נישט קענען איינשלאָפן" — אָט, דאָס איז עס! זיי ווילן, זי זאָל איינשלאָפן, אפשר ווייסן זיי, אַז זי רעדט פון שלאָף, אפשר ווילן זיי זי איבערוועקן אינמיטן שלאָף און אויספרעגן; פאַרשלאָפענערהייט וועט זי נישט געדענקען צו זאָגן אַלץ דאָס זעלבע, וואָס זי האָט געזאָגט ביי דער אויספאָרשונג. נישט שלאָפן! נישט שלאָפן!!

די אויגן ברענען ווי וווּנדן. די אויבערשטע לעפּלעך זענען שווער, אַז זיי פאַלן אַראָפּ, איז ווי זיי וואָלטן זיך צוזאַמענגעוואַקסן מיט די אונטערשטע. די לעפּלעך זענען הייס, אָבער אַראָפּגעלאָזטע קילן זיי די צעגליטע אויגן און לעשן די בראַנד. זי רייסט אויף די אויגן, ווייטיקן די לעפּלעך־ראַנדן ווי מען וואָלט זיי אָקאָרשט מיט אַ טעמפּן מעסער איבערגעשניטן. אַלץ אין איר שלאָפט פונדעסטוועגן איין, עס שלאָפט איין אַפילו דער ווייטיק פון די נעכטיקע קלעפּ.

נישט שלאָפן! וואָרנט זי זיך. אַזוי פיל יסורים אויסגעהאַלטן און זיך נישט אויסגעגעבן. איצט קאָן זי אַריינפאַלן איבער אַביסל שלאָף, נישט שלאָפן!

זי זעצט זיך אויף דער נאַרע. זיצנדיק וועט זי זיך גיכער קענען ווערן קעגן שלאָף.

דער קאָפּ שווערט אַראָפּ, די צעלע וואַקלט זיך און שווימט אַוועק...

זי שטעלט אַראָפּ די באָרוועסע פיס אויף דער קאַלטער שטיינערנער פּאָד־

לאַגע, אַ קעלט גייט פון די פיס אַרויף צום גאַנצן גוף און שלײַדערט מיט אים אין פיבער — גוט אַזוי, וועט זי נישט איינשלאָפן.

מען שליסט די טיר, די שליסערין שרייט:

— העי, וואָס זיצטו ווי אַ הון אויף די אייער, לייג זיך און שלאָף.

פעלאַ לייגט זיך ווידער אויף דער נאַרע, די שליסערין גייט אַריין אין דער צעלע און דעקט זי גוט אַרום. איצט איז שוין זיכער, זיי האָבן עפּעס אַ כוונה. זיי ווילן עפּעס דערגרייכן מיט דעם שלאָף.

די שליסערין גייט אַרויס, פעלאַ שטעלט ווידער אַראָפּ די פיס, נישט שלאָפן.

— אַז זיי ווילן זען, אַז איך האָב מורא איינצושלאָפן, טויג דאָך אויך נישט, הייסט דאָך, אַז איך האָב וואָס צו באַהאַלטן.

זי לייגט זיך צוריק אויף דער נאַרע און דעקט זיך אַרום. די ביי־נער טוען ווי פון די קלעפּ און ווייטיקן נאָך מער ביים ליגן, אָבער דער ווייטיק נעמט באַלד אָוועקשווימען... די אויגן קלעפּן זיך... וואָס טוט מען?

אַהאַ, זי האָט דאָך עטלעכע שפּילקעס... קיין סם האָט זי נישט גע־קענט טראָגן מיט זיך, דאָס וואָלט געווען דער בעסטער סימן, אַז זי איז אַ יידישע. אַלע יידן אויף דער אַרישער זייט טראָגן דאָך ביי זיך סם. האָט זי פאַרשטעקט אונטערן ראַנד פון קלייד עטלעכע שפּילקעס. אַז מ'וועט זי כאַפּן און ס'וועט שוין זיין נישט קיין שום האָפענונג, וועט זי אַראָפּ־שלינגען די שפּילקעס. איצט וועט אפשר אַ שפּילקע זי ראַטעווען.

זי ציט אַרויס אַ שפּילקע פון איר קלייד און ווי נאָר זי דערפילט, אַז דער שלאָף באַהערשט זי, שטעכט זי זיך מיט דער שפּילקע אין פוס.

דער פוס שפּרינגט שוין נישט אָפּ ביי אַ שטאָך, זי שטעכט און דער פוס ליגט רואיק, ווי נישט אים מיינט מען. צי האָט זי זיך צוגעוווינט צו די שטעך, אָדער דער שלאָף האָט אָפּגעטעמפּט די פילעוודיקייט? אפשר איז די האַנט אָפּגעשוואַכט, עס דאַכט זיך איר נאָר, אַז זי שטעכט, אָבער די שפּילקע רירט קוים אָן דעם פוס, זי שטופּט די שפּילקע וואָס אַמאָל טיפער.

— אוי אַן אומגליק — עס בלוטיקט, זיי וועלן זען בלוט, וועלן זיי פֿאַרשטיין...

— ניין, זי וועט זיי זאָגן — — — — —

— וואָס וועט זי זאָגן?

—זי וועט זאָגן, אַז ס'איז פֿון די קלעפּ.

— פֿון וואָס?

— באַלד, באַלד, וואָס האָט זי געטראַכט?

— זי האָט געטראַכט, אַז זי וועט זאָגן — — —

— וואָס זאָגן?

— פֿון דער שפּילקע — — אַז — — שפּילקע — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַ קליין לעמפּל ביים סופֿיט וואַרפֿט אַ קאַרגע שיין אויף דער צע־לע. אויף דער טונקעלער נאַרע בלייבט זיך פֿעלעס אויסגעמאַטערטער פּנים, איר ברוסט באַוועגט זיך מיט טיפֿן אָטעם אין שווערן שלאָף, אויף איר שטערן פּערלען זיך גרויסע טראָפּנס שוויים.

פֿעלעס ליפּן באַוועגן זיך לייכט, זי קנוילט זיך צוזאַמען אויף דעם געלעגער. לעבט זי נאָך אַמאָל איבער די נעכטיקע ענויים און זי קאָר־טשעט זיך אונטער יאַנס שטעקנס, אָדער האָט אפשר דער שלאָף אַוועק־געטראָגן זי צוריק אין איר היים. זי איז ווידער די צעפּיעשטשעטע בת יחידה און זי טוליעט זיך צו דער מאַמעס צערטלענדיקער האַנט?

אַ לייכטער גרילץ פֿון אַ שליסל, די טיר עפֿנט זיך פּאַמעלעך אויף ס'קומט אַריין אַ פֿרוי, זי באַטראַכט אַ ווייל די שלאָפֿנדיקע און נעמט זי טרייסלען. פֿעלאַ אָטעמט אָפּ לאַנג און שווער, די פֿרוי הערט אויף טרייסלען, זי גלעט פֿעלאַן איבערן שטערן און זאָגט צערטלעך אויף יידיש:

— קינד מיינס.

פֿעלאַ אָטעמט ווידער מיט טיפֿע רעגולערע אָטעם־צוגן. זי שלאָפֿט ווייטער, די פֿרוי נעמט זי האַסטיקער טרייסלען, פֿעלאַ וועקט זיך.

— קינד מיינס.

פֿעלאַ עפֿנט ברייט די אויגן, די ליפּן עפֿענען זיך עפּעס צו ענט־

פערן, זי דרייט זיך אוים צו דער ריידנדיקער. ביים אויסדרייען זיך גיט איר עפּעס א שטאָך אין פּוס. עס פאַרשווינדט באַלד דער נעפּל פון פאַר אירע אויגן: אַהאַ, די שפּילקע. זי זעצט זיך האַסטיק אויף.

— קינד מיינס.

— אַזוי... דאָס האָבן זיי פאַרטראַכט...

— קינד מיינס, לייג זיך אַוועק, ביסט אַזוי מיד.

— צאָ פּאַני מוווי, — וואָס זאָגט איר? פרעגט פעלאַ איבער אויף פּויליש.

— ווי הייסט דיין מאַמע? פרעגט די פרוי ווידער אויף יידיש.

— ניע ראָזומיעם, איך פאַרשטיי נישט, ענטפערט פעלאַ אויף פּויליש.

— פאַרשטייסט גאָרנישט? פרעגט די פרוי שוין אויך אויף פּויליש.

— איין וואָרט נאָר האָב איך פאַרשטאַנען.

— וועלכעס וואָרט?

— מאַמאַ.

פעלאַ באַמערקט דעם רושם, וואָס דער ענטפער האָט געמאַכט אויף דער פרוי. אין דעם איז עס זיי טאַקע געגאַנגען: פאַרשלאָפענערהייט, ווען זי וועט וועלן אָפּלייקענען, אַז זי פאַרשטייט נישט קיין יידיש, וועט זי פאַרגעסן, אַז מאַמאַ זאָגט מען אויך אויף פּויליש און וועט זאָגן, אַז זי פאַרשטייט נישט קיין איין וואָרט. דער שטאָך פון דער שפּילקע האָט זי וואַך געמאַכט און דערמאָנט צו זיין אָפּגעהיט.

די פרוי שווייגט אַ רגע און רעדט שוין איצטער נאָר פּויליש.

— וואָס איז געשען מיט דיין חברטע רוכלאַ?

— כ׳האָב נישט געהאַט קיין חברטע מיט אַזאַ נאָמען.

— האָסט דאָך געזאָגט ביי דער אויספאָרשונג.

— כ׳האָב נישט געהאַט קיין חברטע מיט אַזאַ נאָמען, כ׳האָב נישט געקאָנט וועגן אַזעלכער דערציילן ביי דער אויספאָרשונג.

— ביסט פאַרשלאָפן, געדענקסטו נישט.

— כ׳בין פאַרשלאָפן, אָבער דאָך ווייס איך, כ׳האָב אַזאַ חברטע נישט געהאַט.

— נו, רעג זיך נישט אויף, מען גלויבט אייך, — גייט זי איבער אויף „איר" — מען וועט אייך אַרויסלאָזן פריי, איר זאָלט נישט פאַרגעסן צוריקנעמען אייערע זאַכן.

— גוט.

— וואָס האָט מען ביי אייך צוגענומען?

— אַ מעדאַליאָן מיט דער הייליקער מוטער, אַ פּאַסיק און אַ האַנטבייטל.

— וואָס האָט איר געהאַט אין דעם בייטל?

— 200 זלאָטעס און אַ פאָטאָגראַפיע.

— אַ משפחה־פאָטאָגראַפיע?

— יאָ, פון מיין מאַמען.

ווי נאָר זי האָט עס אַרויסגעזאָגט, האָט איר אַ שניט געטון ביים האַרץ. געהאַלטן זיך, געהאַלטן זיך, און צום סוף זיך פאַררעדט. אין אירע דאָקומענטן איז געשריבן, אַז איר מוטער האָט געהייסן מאַריאַ, אויף דער פאָטאָגראַפיע איז אונטערגעשריבן סטאַשאַ.

— ווי האָט געהייסן אייער מאַמע?

— סטאַניסלאַוואַ מאַריאַ.

— צוויי נעמען?

— יאָ, דער דאָרפישער גמינע־שרייבער איז נישט געווען אַזוי פּינקטלעך, האָט ער אין מיין מעטריקע איינגעשריבן נאָר איין נאָמען — מאַריאַ, אָבער געהייסן האָט זי סטאַניסלאַוואַ־מאַריאַ, גערופן האָט מען זי טאַקע ביים ערשטן נאָמען סטאַשאַ.

— אהאַ.

די פרוי איז אַרויסגעגאַנגען.

— וואָס האָט זי געמיינט מיט דעם „אהאַ"? האָט זי אָנגענומען דעם תירוץ? נישט באַדאַרפט אַזוי פיל רעדן, נישט באַדאַרפט דערמאָנען די מעטריקע, געקענט אָנשטעלן אַ נאַאיווע; כ'פאַרשטיי נישט, וואָס זי מיינט. אוי, ווי נעמט מען אַזוי פיל כוח?

זי ציט אַרויס די שפּילקע פון פוס. — מעג מען שוין איינשלאָפן? איז עס שוין געענדיקט? ניין, ס'איז זיכער נישט געענדיקט. ס'וועט נישט

העלפֿן דאָס מאַטערן זיך, ס'וועט גאָרנישט העלפֿן, נישט מעגלעך זיך אַרויסצודרייען פֿון אַלע זייערע נעצן, זיי וועלן פֿריער נישט אויפֿהערן פּייניקן, ביז איך וועל זיך פֿאַררעדן, אָט אַראָפּשלינגען די שפּילקעס און פּטור.

די שליסערין קומט אַריין, צלמט זיך און טרייסט זי: זאָל די פּאַני נישט וויינען, זיי וועלן סוף כּל סוף אַרויסלאָזן.

די שליסערין גלויבט מיר שוין, טראָץ מיינע יידישע אויגן, אויף אַ יידישע וואָלט זי קיין רחמנות נישט געהאַט, זיי וועלן אַלע גלויבן. זיי מוזן גלויבן. אויסהאַלטן!

נאָר נישט פֿאַרגעסן, אַז אויף דער פֿאָטאָגראַפֿיע איז די מאַמע. די אויספֿאָרשערין האָט געזאָגט דעם „אהא" מיט אַ באַזונדערער אינטאָנאַציע. זי פּלאַנט עפּעס. האַלטן זיך! אויסהאַלטן!

די פֿאָטאָגראַפֿיע האָט זי געפֿונען אין דעם צימער, ווו זי האָט זיך אַריינגעקליבן, איז איר באַלד איינגעפֿאַלן צו נעמען די פֿאָטאָגראַפֿיע צו זיך אין בייטל אַריין ווי אַ בילד פֿון אַ קרובה. אָן אַריער מוז דאָך האָבן אַרישע קרובים. איר אויסזען איז נישט אַזוי איי איי; זאָל די פֿאָטאָגראַפֿיע ווייזן, אַז אירע קרובים זעען בעסער אויס.

אַ וועכטערין קומט אַריין און זעצט זיך אַוועק נעבן אירע נאַרע. פּעלאַ וואַרט. די וועכטערין זאָל זי עפּעס פֿרעגן, אָבער זי זיצט נעבן דער נאַרע און רעדט נישט אויס קיין וואָרט. וואָס זאָל דאָס באַטייטן? וואָס היט מען זי אין דער צעלע? זענען ווייניק די קראַטעס ביים פֿענצטערל און די שווערע אייזערנע טיר?

זי ליגט און טראַכט, פֿאַרוואָס מען היט זי אין צעלע און קאָן זיך צו גאָרנישט דערטראַכטן. זי ווערט מיד טראַכטנדיק, די אויגן קלעפּן זיך ווידער, זי שליסט זיי. זאָל זיין, וואָס עס וויל, זי האָט שוין מער קיין כּוח נישט.

ווי נאָר זי ווערט אַנדרימלט, טוט די פֿרוי זי אַ טרייסל און וועקט זי איבער.

אַזוי, הייסט עס, אַז זי זיצט דאָ כּדי מיך נישט צו לאָזן שלאָפֿן.

זיי ווילן מיך אויסמאַטערן, זיי ווילן מיך איינברעכן, כ'וועל זיך נישט לאָזן!

זי נעמט איבערחזרן אין זכרון אַלץ, וואָס זי האָט געזאָגט: די פון דער פאָטאָגראַפיע איז מיין מאַמע, זי הייסט סטאַניסלאַווא־מאַריא, מען האָט זי גערופן סטאַשאַ, נישט פאַררעדן זיך!

די אויגן קלעפּן זיך, זי פאַרלירט דעם געדאַנק אין אַ דרימל. נישט פאַררעדן זיך, נישט פאַררעדן זיך! קומט עס אויף ווי נאָר מען גיט זי אַ טרייסל. סטאַניסלאַווא־מאַריא... — סטאַשאַ.

באַלד, באַלד, ווי זעט זי אויס, די פון דער פאָטאָגראַפיע? אָ, זי געדענקט: אַ הויכע, אַ דאַרע, אַ רונדיק פּנים...

אָבער וואָס פאַראַ אויגן האָט זי, העלע, צי טונקעלע? מסתּמא העלע, אַ דאָרפישע גויה, זיי האָבן אַלע העלע אויגן. אָבער וואָס וועט זיין, אז מען וועט זי פרעגן וועגן די אויגן? די אויגן פון אַן אייגענער מאַמע דאַרף מען געדענקען גענוי... די האָר געדענקט זי: העל־בלאָנדע, געקעמט מיט אַ שרינט אין דער מיט. אַ הויכער האַלדז, אויפן האַלדז אַ קייטעלע מיט אַ גרויסן צלם. אָ, זי געדענקט אַלץ. נאָר די אויגן קאָן זי זיך נישט דערמאָנען. אַז זי וועט אַלץ אויסרעכענען, וועלן זיי אפשר נישט פרעגן וועגן די אויגן...

יאָ, זי געדענקט אַלץ: אַ הויכע, אַ דאַרע, אַ — פּנים, אַ צלם אויפן — סטאַניס—לאַווא מאַר —

די אויגן קלעפּן זיך, זי פאַרלירט דעם געדאַנק אין אַ דרימל. „נישט פאַררעדן זיך", קומט עס אויף ווי נאָר מען גיט זי אַ טרייסל. אַ הויכע, אַ צלם, נישט פאַרגעסן, נישט פאַר—גע — — —

***

ווי לאַנג דויערט עס שוין אַזוי? זי ווייסט נישט, די וועכטערינס האָבן זיך שוין עטלעכע מאָל געטוישט, דאַכט זיך אַז אין דעם קראַטן־פענצטערל איז שוין געוועזן ליכטיק און ווידער טונקל געוואָרן, וויפיל מאָל? זי ווייסט נישט.

זי וויל נישט שלאָפן, אָבער דער שלאָף שטייט איבער איר מיט אַ ברייט־צעעפנטן פּיסק, שלינגט זי איין און שפּייט אויס. נישט פאַררעדן זיך! נישט שלאָפן! אַ הויכער האַלדז, אַ שרינט, אַ צלם, סטאַניס — — — ממ — —

אַ שמיץ פון קאַלט וואַסער אויפן פּנים, וועקט זי איבער, קיין טרייסלען העלפט שוין נישט, וועקט מען זי מיט קאַלט וואַסער, ברר — — ווי קאַלט, די נאַרע איז אַ טייך, זי שווימט, סטאַניסלאַוואַ, מאַריאַ... די מאַמע, — נישט פאַררעדן זיך!

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

מען פירט זי אַריין אין אַנדער צעלע, מען לייגט זי אויף אַ טרו־קענע נאַרע. שלאָפן? מען האָט דאָך זי נאָך גאָרנישט געפרעגט?

מען דעקט זי אָרום, מען פאַרלעשט דאָס ליכט. האָט מען זי שוין אויסגעפרעגט, נאָר זי געדענקט נישט? האָט זי זיך פאַררעדט? מען וועט זי מסתמא ווידער איבערוועקן אינמיטן שלאָף, נישט שלאָפן! ווו איז די שפּילקע?

די האָנט פּויזעט צום קלייד זוכן אַ שפּילקע, סטאַניסלאַוואַ מאַריאַ — די מאַמע סטאַ — — מאַ — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

האַ? אהאַ! מען האָט זי איבערגעוועקט, זי קען נאָך די אויגן נישט אויפרייסן, דורך די געשלאָסענע לעפלעך שטעכט אַ ליכטיקייט, מען פּאַטשט זי. באַלד, באַלד פריער קאָנטראָלירן: סטאַניסלאַוואַ־מאַריאַ, די פּאַטאָגראַפיע, די מאַמע.

זי עפנט די אויגן, מען לייכט איר אין די אויגן אַריין, זי שליסט זיי ווידער.

— ווי הייסט דיין מאַמע?

— סטאַניסלאַוואַ מאַריאַ.

— ווי האָט זי אויסגעזען?

— ווי זי האָט אויסגעזען? אַ הויכע, אַ רונד פּנים, בלאָנדע האָר געקעמט מיט אַ שרינט אין דער מיט. אַ ברייטלעך מויל, אַ הויכן האַלדז, אויפן האַלדז האָט זי שטענדיק געטראָגן אַ גרויסן צלם, נישט אַזאַ קליי־

נעם מעדאַליאָן ווי מען האָט ביי מיר צוגענומען, אַ גרויסן צלם ווי אויף דער פאָטאָגראַפיע.

— ווי האָט זי געהייסן?

— כ׳האָב דאָך געזאָגט, סטאַניסלאַווא־מאַריאַ, מען האָט זי גערופן סטאַשאַ, אווירינגען האָט זי געטראָגן אראָפּהענגענדיקע לאַנגע, די זעלבע, וואָס אויף דער פאָטאָגראַפיע, אַ מתנה פון טאַטן...

פעלאַ האָט דערפילט איר נצחון. אַ פרייד האָט זי ארומגענומען און פאַריאָגט פון איר דעם שלאָף, זי האָט דערפילט, אַז אירע אויגן שטראַלן מיט נצחון, האָט זי געשלאָסן די אויגן — דאָס טאָר מען נישט אַרויס־ווייזן. וואָס פאַר אַ קונץ איז, אַז אַ טאָכטער געדענקט איר מאַמען. זי נעמט זיך קלאָגן:

— יעזוס מאַריאַ, וואָס האָט איר זיך אָנגעזעצט אויף מיר? שיסט מיך, אַז איר ווילט, נאָר מאַכט מיך נישט פאַר קיין יידישקע. כ׳האָב שוין נישט קיין כוח צו אייערע פּייניקונגען. זאָגט מיר צו, אַז איר וועט מיך לייגן אויפן קריסטלעכן צמענטאַרזש, וועל איך זאָגן אַלץ וואָס איר ווילט, וועל איך זאָגן, אַז איך בין אַ יידישע, אויב איר ווילט עס דווקא. ס׳איז מיר שוין אַלץ איינס. נאָר אויפן קריסטלעכן בית־עולם וויל איך ליגן און אַ גלח זאָלט איר מיר שיקן, מיין טויטע מאַמע זאָל זיך נישט דאַרפן שעמען מיט מיר.

— וויינט נישט, באַרואיקט זי דער אויספאָרשער, מיר גלויבן אייך, נאָר יאָ האָט זיך איינגעשפּאַרט, אַז איר האָט יידישע אויגן, איצט וועט ער שוין גאָרנישט קאָנען זאָגן, מען וועט אייך באַפרייען.

ער לעשט אויס דאָס ליכט און גייט אַרויס. פעלאַ גלויבט אים נישט מען וועט מיך ווידער וועקן, ווידער פרעגן, נאָר נישט פאַרגעסן: סטאַניס־לאַווא־מאַריאַ...

***

נאָך אין האַלב שלאָף ווי נאָר זי דערפילט, אַז מען וועקט זי, טויכט עס אויף: סטאַניסלאַווא מאַריאַ, אַ הויכע, אַ צלם, ווי אויף דער פאָטאָ־

גראַפּיע. זי עפנט די אויגן ס'איז נישט קיין אויספּאַרשער, ס'איז די שלי־סערין, מען רופט זי אין דער קאַנצעלאַריע.

מען פאַרשרייבט עפּעס אין א בוך, מען גיט איר צוריק אירע זאַכן. א מונדירטער געשטאַפּאָ־מאַן פירט זי פון דער געביידע אַרויס ביז צו דעם באַריער, וואָס טיילט אָפּ די אַליי שוכא, די געשטאַפּאָ־רעזידענץ פון דער איבעריקער שטאָט. א שלאַבאַן הייבט זיך אויף, זי גייט אַרויס. צי גייט איר קיינער נישט נאָך? ערשט אויף דער אויאַזדאָווסקע אַליי דרייט זי זיך אויס און קוקט זיך אום. קיינער גייט נישט אונטער איר. מאַמע! מאַמעשי, כ'בין פריי!

ששש... שטראָפט זי זיך, אפילו טראַכטן טאָר מען נישט אַזוי, מען קען אַמאָל איבערוועקן אין מיטן שלאָף. יעזוס מאַריאַ, כ'בין פריי, — אָט אַזוי דאַרף מען טראַכטן יעזוס מאַריאַ, כ'בין פריי...

ווידער כאַפּט זי זיך אויף מיט דעם געדאַנק: סטאַניסלאַווא מאַריאַ, באַלד דערפילט זי א פעדינע, א ווייך בעט און דערמאָנט זיך, אַז זי איז אין דער היים. זי צינדט אָן דאָס לעמפּל אויפן נאַכט־טישל. ס'איז דריי ביינאַכט. לאַנג געשלאָפן: זי איז אהיים געקומען מיטאָג־צייט. אָך, זי שלאָפט דאָך אין אָנטועכץ. זי וועט זיך גוט אָפּוואַשן, אָנטון ריינע וועש און זיך צוריקלייגן. זי מוז זיך אויסרוען, זי זאָל מאָרגן קענען גיין צו דער אַרבעט, מען קאָן נאָך דאָרט צונעמען אן אַנדערע אויף איר אָרט. אָן א שטעלע וועט מען זי פאַרשיקן קיין דייטשלאַנד אויף אַרבעט.

זי טוט זיך אויס. דאָס העמד איז אויף עטלעכע שטעלן צוגעוואַקסן צו די פאַרטרוקנטע וווּנדן אויפן רוקן, זי גייט צו צום שפּיגל, אַז זי וועט זען די וווּנדן אין שפּיגל, וועט זי מיט מער אָפּגעהיטקייט קאָנען אָפּ־רייסן דאָס העמד.

זי באַטראַכט זיך אין שפּיגל. דער גאַנצער רוקן איז באַדעקט מיט בלויע אָנגעלאָפענע שטרייפן פון יאָנס שטעקן. דאָ און דאָרט איז די הויט איבערגעשניטן. ווו זי האָט דאָס העמד אָפּגעריסן פון א וווּנד, רינט בלוט. א שניט פון א שפּיצרוט ציט זיך ביז אַרויף צום האַלדז ביז צו דעם זילבערנעם קייטעלע פון וועלכן עס הענגט אַראָפּ אויף איר ברוסט א מעדאַליאָן מיט א קליין רונד בילדל פון דער „הייליקער מוטער“. זי

טראָגט אַ מעדאַליאָן, די מאַמע האָט נישט געטראָגן קיין מעדאַליאָן, נאָר אַ גרויסן גאָלדענעם צלם.

— די מאַמע אַ צלם?

— יאָ, ווי אויף דער פאָטאָגראַפיע.

— האַ? איר מאַמע?

זי שליסט די אויגן, זי וויל זען איר מאַמען. זי זעט: אַ נידעריקע, אַ דיקלעכע מיט קליינע פּוכנע הענט, זי טראָגט אַ שוואַרץ קלייד מיט צוויי קעשענעס, מיט אַ קעלנערל ביים האַלדז. יאָ, און דער האַלדז? — אַ הויכער האַלדז מיט אַ גרויסן צלם, ווי אויף דער פאָטאָגראַפיע.

זי שאָקלט זיך אָפּ. זי וויל זען איר מאַמע, איר ריכטיקע מאַמע!

נאָך אַ מאָל; אַ נידעריקע, אַ דיקלעכע, קורצע ווייסע הענט. אויף דער רעכטער האַנט אויפן ווייזפינגער האָט זי געטראָגן אַ רינגל מיט אַ גרויסן רובין — אַ ירושה פון דער באָבען, אויפן קלייד האָט זי אויך טיילמאָל געטראָגן אַ ירושה־בראָש פון דער באָבען, נאָר דאָס פּנים?... ניין, ניין! נישט קיין קורצע פּאָרריסענע נאָז, נישט קיין העלע שלעכטע אויגן. איצט געדענקט זי אַפילו די אויגן אויף דער פאָטאָגראַפיע. אָבער זי וויל נישט זען די פון דער פאָטאָגראַפיע. זי וויל זען דאָס ריכטיקע פּנים פון איר ריכטיקער מאַמע.

זי ווישט אויס די אויגן און הייבט ווידער אָן פון אָנהייב: זי האָט געהאַט קליינע פיס, די מאַמע, זי האָט געטראָגן קליינע געשיקטע שיכלעך אויף הויכע קלעצער. די ברוינע זאַמש־שיך, אָדער די שוואַרצע לאַקירטע, געפּוצט מיט ווייס. די מאַמע האָט געטראָגן טונקעלע זאָקן, ווייל זי האָט געהאַט דיקלעכע פיס. זי האָט געטראָגן טונקעלע קליידער, ווייל זי האָט געהאַט אַ דיקלעכע פיגור. אַ נידעריקע, אַ דיקלעכע, נישט אַ הויכע, אַ דאַרע ווי אויף דער פאָטאָגראַפיע. זי האָט געטראָגן טונקעלע קליידער — נישט אַ העל געבלומטס ווי אויף דער פאָטאָגראַפיע. אַ שוואַרץ קלייד, אַ טונקל ברוין קלייד, פאַרקנעפּלט ביז אַרויף צום האַלדז.

און דער האַלדז? ניין, ניין! נישט אַ צלם אויפן האַלדז! נישט סטאַניסלאַוואַ מאַריאַ! זי וויל זען איר מאַמע, רחלע.

זי ליגט אויפן בעט און כליפּעט. דאָס געוויין גייט איבער אין קור־

צע אָפּגעהאַקטע שלוכצן, באַלד וועט זי זיך דערמאָנען: ווען זי האָט די מאַמע געזען דאָס לעצטע מאָל, האָט זי געטראָגן אַ גרויען מאַנטל, אי־בערן מאַנטל אויף אַן אַקסל איז געווען אַריבערגעוואָרפן מיט אַ לאַנגן לייוונטענעם פּאַסיק אַ גרין מיליטערישן ברויט־זעקל. זי האָט געטראָגן ספּאָרט־שיך, אָ, זי געדענקט: הויכע ברוינע ספּאָרט־שיך, כאָטש עס איז געווען אַ גרויסע היץ. טאָמער שיקט מען אין אַ לאַגער אַריין, זאָלן זיין אַ פּאָר פעסטע שיך. ברוינע שיך, אַ גרויער מאַנטל, אַ גרין ברויט־זעקל און דאָס פּנים? דאָס פּנים?!

באַלד וועט זי זיך דערמאַנען: ווי איז זי געווען געקעמט? נישט קיין שרינט אין דער מיט. איר מאַמע האָט זיך קיינמאָל נישט געקעמט מיט קיין שרינט אין דער מיט, טאָ ווי איז זי געווען געקעמט? ווי איז זי געווען געקעמט דעמאָלט, ווען זי האָט זי געזען דאָס לעצטע מאָל? אהאַ! דעם קאָפּ האָט זי געהאַט פאַרוויקלט מיט אַ שאַליק ווי אַ טורבאַן, מען האָט די האָר נישט אַרויסגעזען, אַלזאָ? דער קאָפּ פאַרוויקלט אין אַ שאַל און דאָס פּנים?

זי וועט זיך דערמאָנען ווי די מאַמע האָט אויסגעזען פאַר דער מלחמה. זי פלעגט פאַרן אַרויסגיין פון שטוב נאָכאַמאָל צוגיין צום שפּיגל און באַטראַכטן זיך, ווי האָט זי אויסגעזען אין שפּיגל?

— אַ שוואַרצער קאַראַקולענער מאַנטל, אַ קליין קאָזאַקיש היטעלע און דאָס פּנים? דאָס פּנים?!

וואַרט נאָר, וואַרט נאָר. ווען זי איז קליין געווען, ווען זי האָט זיך געלייגט שלאָפן, פלעגט די מאַמע צוקומען צום בעט זי גוט אַרומדעקן, אַראָפּבייגן זיך צו איר און געבן אַ קוש אין שטערן. ווי האָט זי דעמאָלט אויסגעזען? ניין, ניין! ס'האָבן נישט געבאָמבלט פון אירע אויערן די לאַנגע אַראָפּהענגענדיקע אוירינגען פון דער פאָטאָגראַפיע, איר מאַמע וואָלט אַזעלכעם קיינמאָל נישט אָנגעטון. ווי האָט אויסגעזען איר מאַמע רחל גרינבוים, איר ריכטיקע מאַמע?

זי שפּרינגט אַראָפּ פון בעט, שלעפּט אַרויס די פאָטאָגראַפיע פון בייטל. צערייסט זי אויף פיצלעך, זי רייסט אַראָפּ דעם מעדאַליאָן פון

האלדז און ווארפט אים אוועק: מאמעליו, טייערע מאמע, קום צוריק צו מיר אדער נעם מיך צו צו זיך!

*
**

פעלא ליגט אויפן בעט, צוזאמענגעקנוילט ווי א געשלאגענער הונט. פארגראבן אין דעם בעטגעוואנט, — גיסט זיך איר בלייכער גוף צונויף מיט דער ווייסער לייוונט פון דער פערינע. עס טיילן זיך אויס נאר די ברוין־בלויע שטרייפן אויף איר צעקאטעוועט לייב. דאס קלינגען פון זייגער רייסט זי ארויס פון דער פארגליווערונג. ס׳איז שוין אכט. זי מוז גיין אין ביורא. זי קריכט אראפ פון בעט און נעמט זיך אנטון. זי זוכט אויף דעם אוועקגעשליידערטן מעדאליאן און טוט אים ווידער אן אויפן האלדז. ווען זי גייט שוין אראפ פון די טרעפ דערמאנט זי זיך, אז זי האט נישט ביי זיך די „קענקארטע״ (דייטשישע אידענטיטעטס־קארטע), זי גייט צוריק ארויף אין שטוב, זוכט אויף די קארטע. איידער זי לייגט זי אריין אין בייטל, כאפט זי א בליק אויף דעם פאדערבלעטל און חזרט איין דעם נאמען: פעליציא בזשאזאווסקא, דער טאטע האט געהייסן וויטשעך, די מאמע מאריא, סטאניסלאווא מאריא...

יורטק

דאָס דאָרף איז געלעגן אויף אַ בערגל קעגנאיבער דעם וואַלד. יורעק האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים ראַנד פון וואַלד, אַריבערגעקוקט צום דאָרף פון הינטער אַ בוים, געוואַנדערט מיט די בליקן פון כאַטע צו כאַטע: אין וועלכער אַריינגיין? פונוויטנס האָט ער געקאָנט אונטערשיידן בלויז די דעכער. דעכער געדעקט מיט שטרוי, מיט פּאַפּע, מיט בלעך. דעכער פלאַכע, דעכער קוואַדראַט־שפּיציקע. אָבער וואָס טוט זיך אונטער די דעכער? ווינען דאָרט גוטע מענטשן, אָדער — — —?

עס, אַלע זענען זיי גלייך. דער עיקר: צי איז דאָרט פאַראַן אַזאַ ווינקל — אַ בוידעם, אָדער אַ קעלער וווהין קיינער זאָל נישט צוקומען, נאָר ער אַליין...

יורעק האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ טויער. פון טיפן גראָז אין הויף איז אויפגעשפּרונגען אַ הונט, צוגעפאַלן צום פּלויט און זיך ווילד צעבילט. יורעק איז געבליבן שטיין אינדרויסן. אין אַ פענצטער טיף אין הויף האָט זיך באַוויזן דער קאָפּ פון אַ פּויערטע.

— דו — צו וועמען? — האָט זי אַרויסגעשריגן צו יורעקן. — שטילער, רעקס, קום אַהער דאַ, — האָט זי צוגערופן דעם הונט.

— צו אייך, — האָט יורעק געענטפערט, און געוואַרט דער הונט זאָל אַוועק.

דער הונט איז געבליבן שטיין ביים טויער, שטיל אונטערגעוואָרטשעט, פון צייט צו צייט אַרויס מיט אַן אָפּגעריסענעם הויכן ביל.

אַ דאָרף־שגץ האָט נישט קיין מורא פאַר אַ הונט, איז יורעקן איינגעפאַלן. ער טאָר נישט ווייזן, אַז ער האָט מורא... ער איז אַריין אין הויף מיט אַ געמאַכטער דרייסטקייט. דער הונט איז האַווקענדיק אים נאָכגעגאַנגען ביז צו דער כאַטע.

— וואָס ווילסטו? — האָט די פּויערטע געפרעגט.

— אַרבעטן.

— אַזאַ ראַצער שלעפּט זיך שוין אַרום. גיי צו דער מאַמען.

— די שוואַבן (דייטשן) זי פֿאַרשלעפּט קיין פּרייסן אויף אַרבעט. דער טאַטע אין געפֿאַנגשאַפֿט.

— גיי צו אַ זיידן, צו אַ פֿעטער, צו אייגענע.

— מיר האָבן דאָ גאָרנישט, קיינעם נישט, מיר זענען פֿון פּויזנער קאַנט, פֿאַרטריבענע.

יורעקן האָבן זיך געשטעלט טרערן אין די אויגן. אַ דאָרפֿס־שגץ וויינט נישט, האָט ער זיך געמוסרט אין געדאַנק. ס'האָט נישט געהאָלפֿן. די טרערן האָבן זיך אים געקייקלט איבערן פּנים.

— אומגליקלעכער, אומגליקלעכער. אַז אַ שלאַק זאָל זיי טרעפֿן, די שוואַבעס! אַרויסגעטריבן אַלעמען פֿון אונדזער גרויס־פּוילישער ערד. אַז אַ העלער דונער זאָל זיי דערשלאָגן! באַנדיטן, מערדער, ראַבושניקעס! אַז — דו ביסט זיכער הונגעריק, אָפּעסן קענסטו סיי־ווי־סיי. יוזעף! יוזעף!

יוזעף, דער באַלעבאָס, איז אָנגעקומען פֿון פֿעלד.

— ער וויל דאָ אַרבעטן, — האָט די באַלעבאָסטע אים איבערגעגעבן.

— ער — אַ פּאַראָבעק? מען דאַרף דאָך אים נאָך די נאָז אָפּווישן.

— כ'על פּאַשן די קי, כ'על טון אַלץ.

— מנע, יוזעף לאַכודרע עט ווערן אַ פּריץ מיט אַ פּאַראָבעק! לייג שוין אַוועק דיינע שמאַטעס, — האָט זי אָנגעשריגן אויף יורעקן, — זעסטו נישט, אַז די זופּ ווערט קאַלט?

שוין צוויי טעג נישט געהאַט גאָרנישט אין מויל, דאָך נישט גע־קאָנט שלינגען דאָס עסן. וועט זיך עס איינגעבן? אפֿשר דערציילן דעם אמת? די באַלעבאָסטע ווייזט אויס צו זיין אַזאַ גוטע...

אַז זי וועט זיך דערוויסן, וועט זי זיין שלעכט, ווי אַלע אַנדערע... וואָס אָבער וועט זיין מיטן הונט?

יורעק וואָלט יענע נאַכט זיכער בכוח געווען צו דערשטיקן, אָדער אָפּצוסמען דעם הונט. ער האָט געדאַרפֿט שטיל, נישט איבערצווועקן די באַלעבאַטים, זיך אַרויסשלייכן פֿון הויף, און נאָך שטילער — זאַלבע־צווייט... זיך אַריינשלייכן צוריק. דער הונט האָט אים צעריסן די הויזן, צעביסן אַ פֿוס. די באַלעבאָסטע האָט זיך איבערגעוועקט, אַלץ איז שיעור

נישט „פארשיט” געווארן... „דער בויך טוט מיר ווי, און דער הונט קען מיך נישט”, האט יורעק אריינגעשריגן צו דער באלעבאסטע.

„מאך אונטער זיך און לאז מענטשן שלאפן”, האט די באלעבאסטע ארויסגעשריגן. „שטילער, רעקס, טייוול איינער!”

רעקס האט זיך איינגעשטילט. עס האט זיך גלייך ווידער געהערט דאס הויכע שנארכן פון די באלעבאטים.

דער הונט האט זיך גאר גיך צוגעוווינט צו יורעקן. ער האט זיך אלעמאל אויסגעצויגן ביים יינגלס פיס. יורעק האט אים נישט אוועקגעקאפעט, ווי די באלעבאטים האבן עס געטון, ער האט צערטלעך געגלעט דעם הונט איבערן רוקן. רעקס האט געווארטשעט פון הנאה, געלעקט מיט ליבשאפט יורעקס הענט, געטוליעט זיך צו זיינע פיס. רעקס איז יורעקן נאכגעלאפן אומעטום, וווהין ער איז געגאנגען, האט אים געהאלפן אונטערטרייבן די קו צו דער לאנקע, פארלאפן דער בהמה דעם וועג, ווען זי האט געוואלט אפנייגן צום תבואה־פעלד. יורעק פלעגט אבער דעם הונט גלייך צוריקיאגן אהיים. אז דער הונט האט זיך צעבילט, האט יורעק געוווסט, אז א פרעמדער איז אריינגעקומען אין הויף. האט ער שוין דעמאלט געפונען עפעס א תירוץ צוריקצוגיין צום שטאל, אדער שייער און זיין אויפן ארט...

איינמאל האט יורעק מיטגענומען רעקסן אויפן בוידעם ארויף. דער הונט האט צעשפרייט זיינע נאזלעכער, אומרואיק געשנארכט פונעם בארג היי האט זיך אויפגעהויבן א קאפ, דער הונט האט זיך אנגעשפאנט א שפרונג צו טון אהין. יורעק האט אים אנגעכאפט, אים א גלעט געטון איבערן קארק, און שטיל מיט געבעט געזאגט:

— זיי שטיל, רעקס.

דער הונט האט א קוק געטון אויף די שווארצע אויגן, וואס האבן ארויסגעקוקט פונעם היי, אויף יורעקן, וואס האבן זיך צו זיי אראפגעבויגן, און רואיק זיך אוועקגעלייגט ביי יורעקס פיס.

רעקס האט דערפילט, אז דאס וואס ליגט אין היי איז יורעקן נאענט. ווען פון היי איז ארויסגעקראכן א מיידעלע, האט דער הונט מיט גע־

טרייסאפט און צערטלעכקייט געלעקט אירע הענט, גלייך ווי ער וואָלט וועלן זאָגן: איך פאַרשטיי, איך פאַרשטיי אַלץ...

און עפּעס האָט ער, ווייזט אויס, טאַקע פאַרשטאַנען: ווען די קינדער פון אַ שכן האָבן זיך איינמאָל געיאָגט נאָך שוואַלבן און געוואָלט אַרויף אויפן בוידעם, כדי צו דערלאַנגען צו דער נעסט אונטערן דאַך, איז רעקס מיט איין שפּרונג געווען ביים לייטער, געשטשירעט די ציין צו יעדערן וואָס האָט געפּרוווט צוגיין אַהין.

***

— קאָנסט זיך אוועקזעצן אָט דאָ ביי דער קיך עסן דיין נאַכטעסן — זאָגט די יוזעפאָווע צו יורעקן, ווען זי זעט ווי ער נעמט זיין טעפּל זופּ און קלויבט זיך אַרויסגיין. — אין שטאָל איז דאָך אַ ביטערע קעלט.

— ניין, באַלעבאָסטע, ס'איז מיר נישט קאַלט, און פאַרן עסן וויל איך נאָך אָנשניידן שעטשקע (געהאַקט שטרוי) פאַר די בהמות.

— טאָ לאָז דאָס עסן אויף דער קיך, וועט עס נישט קאַלט ווערן.

— מען דאַרף נישט, באַלעבאָסטע, כ'וועל זיך דרייען אַריין און אַרויס, כ'על אָנטראָגן שניי אויפן דיל. איר האָט דאָך שוין אויסגעשייערט אויף זונטיק.

— לאָז געמאַך, מאַטקע, — מישט זיך אַריין דער באַלעבאָס, — זעסט דאָך, אַז ער קאָן נישט עסן, אויב דאָס מיסט פון שטאָל שטינקט אים נישט צו.

יורעק נעמט אַרויסגיין.

— דו, פאַרגעס נאָר נישט אונטערצובעטן די קו, זי שטייט שוין ביז איבער די קני אין מיסט.

— כ'וועל אונטערבעטן, באַלעבאָס.

מיט גיכע טריט שפּרייזט יורעק איבערן הויף, לויפט אַריין אין שטאָל אַריין.

— נאָ־אָ־אָ, אַשווע, — טרייבט ער דעם חזיר, וואָס איז צוגעשפּרונגען, ווי נאָר ער האָט דערפילט דעם ריח פון זופּ.

— חנהלע, — רופט ער מיט אַ שעפּטש.

אין דער טונקלקייט זעט מען נאָר אַ פּאָר אויגן, וואָס גלאַנצן אַרויס פונעם היי.

— נעם, חנהלע, עס, איך מוז אַראָפּגיין אָנשניידן שעטשקע.

***

אַ מידער שלעפּט זיך יורעק ווידער אַרויף אויפן בוידעם און זעצט זיך אַוועק אויפן היי.

— נו, ווי האָט דיר געשמעקט? גיב מיר די רעשט.

יורעק נעמט דאָס טעפּל צום מויל.

— ס'איז דאָך פול, פאַרוואָס האָסטו נישט געגעסן?

— כ'קאָן נישט, יאָסל, דער קאָפּ טוט מיר ווײ.

— וואָס איז דיר, חנהלע? די אויגן פינקלען ביי דיר אַזוי...

— כ'ווייס נישט, דער קאָפּ טוט מיר וויי...

יאָסל בייגט זיך צו צו חנהלען, איר שטערן גליט, און די הענט זע־נען ווי אייז.

— חנהלע, וואָס איז דיר? ביסט קראַנק? וואָס טוט דיר וויי?

— נאָר דער קאָפּ. אינדערפרי האָבן מיר די פּלייצעס געשטאָכן, איצט נאָר דער קאָפּ. ס'איז מיר קאַלט, יאָסל, אַזוי קאַלט...

— חנהלע, וואָס איז דיר? וואָס זאָל איך דיר געבן? די זופּ איז שוין קאַלט.

— אַ טרונק, ס'איז מיר טרוקן אין מויל.

— אַביסל טיי וואָלסטו באַדאַרפט.

— יאָ, אַביסל טיי.

— וווּ נעמט מען טיי? אין קיך קאָן איך איצט נישט אַריינגיין, זיי קאָנען זיך נאָך עפּעס אָנשטויסן...

— זאָג זיי, יאָסל.

— דערציילן וועגן דיר? געוועזן באַדאַרפט עס גלייך טון. באַדאַרפט זיי זאָגן, אַז כ'בין אַ ייד, אַז כ'בין מיט אַ שוועסטער, וואָלטן זיי נישט אַריינגעלאָזט? — איז נישט. וואָלטן זיי געוועזן געמסרט? — וואָלטן זיי! אַזוי איז עס סיי־ווי קיין לעבן נישט. וויינסט? אוי, בין איך אַ

נאר... וואָס דערצייל איך דיר דאָס. ווייַן נישט, חנהלע, וועסט זען, ס'עט גוט זייַן. ווייסט דאָך, אַז איך גיב מיר שטענדיק אַן עצה.

***

— וואָס איז געשען? — פרעגט די באַלעבאָסטע יורעקן, ווען ער קומט צוריק אין קיך אַריין.

— כ'האָב געשניטן שעטשקע, איז די זופּ קאַלט געוואָרן.

— ס'איז נאָך דאָ פייער, קאָנסט אָנוואַרעמען, — זאָגט די באַ־לעבאָסטע.

— ער וועט עס שוין דערוואַרעמען אין בויך, — חכמהט זיך דער באַלעבאָס.

— כ'האָב עס שוין טאַקע אויפגעגעסן, נאָר ס'איז מיר קאַלט גע־וואָרן, אפשר איז דאָ אַ וואַרעמער שלוק?

— זע נאָר ווי „איידל" דאָס איז, — וואַרפט צו דער באַלעבאָס.

— כ'בין עפּעס נישט מיט אַלעמען.

— ס'איז נאָך דאָ קאַווע אין טאָפּ, שטעל אַרויף אָנצוואַרעמען.

די קאַווע קאָכט. יורעק גיסט עס איבער אין אַ טרינק־טעפּל און קלויבט זיך אַרויסצוגיין.

— קאָנסט זיך לייגן נעבן דער קיך, אַז ס'איז דיר קאַלט.

— ניין, ס'וועט יאַקאָש גוט זייַן.

מיט דער פּאָלע פאַרדעקט די קאַווע, זי זאָל נישט אויסקילן, איילט יורעק צוריק צום בוידעם.

***

אַ ווינטל איז ווי אַן אויסשפּירער אָנגעקומען, אַ ריס געטון די שינדלען אויפן דאַך, אַ וויג געטון דעם פּלויט, געפּרווט ווי פעסט ער האַלט זיך אויף די ווינקל־קלעצער, און זיך אָפּגעטראָגן צוריק. דער פּלויט דרימלט ווייטער, אָנגעלענט אויף די צעפּוילטע קלעצער, די ביימער וויגן שטיל מיט די קעפּ — פרום־באַדעקטע מיט ווייסע שניי־קאַפּלען, נאָר

די קו אין שטאָל דריגעט מיט די פיס און שטויסט מיט די הערנער אין דער שטאָל־טיר.

ווי הינט פון דער קייט, רייסן זיך פלוצים אָפּ א באַפּטע ווינטן, קומען אָן צופליען מיט א ווילדן געוואָי. דער פלויט טוט א קרעכץ, און ווערט איבערגעקערט. א פענצטער ווערט אַרויסגעריסן, אַוועקגעטראָס־קעט מיט א געבראָזג פון צעבראָכן גלאָז, א לאָדן פראַלט אויף און שלאָגט זיך האַסטיק אָן דער וואַנט. א דאַך פליט אַראָפּ, אַנטבלויזט דעם בוי־דעם. שטיקער וועש טראָגן זיך ווי רוחות, ווירבלען אין דער לופט אינ־איינעם מיט פאַרפוילטע דאַך־שינדלען, ווייסן שניי־פוך און שוואַרצע אָפּגעפליקטע צווייגן.

דער חזיר שפּרינגט אַריבער דעם צוים, וואָס טיילט אים אָפּ פון דער קו־שטאָל, און טוליעט זיך צו דער קו. די קו דעקט צו מיטן בויך דאָס קאַלב און בעטשעט אומבאַהאָלפן: ממו־ו־ו!

יורעק ציט פון זיך אַראָפּ די קורטקע און דעקט צו חנהלען. זי פּי־בערט פון קעלט, דער קאָפּ גליט, די אויגן גליען, אָבער אירע הענט און פיס זענען ווי אייז. עס קלאַפּט איר א צאָן אָן א צאָן, עס וואַרפט מיט איר אינגאַנצן פון קעלט, גלייך ווי דער ווינט וואָלט געווילדעוועט אין איר לייב.

— כ׳וויל אהיים — בעט זיך חנהלע, — כ׳וויל צו דער מאַמעשי.

— ווי נאָר וועסט געזונט ווערן, — פאַרזיכערט איר יורעק.

ער ווייסט, אַז די היים איז שוין נישטאָ, אָבער חנהלע איז צו קליין, צו שוואַך, ער זאָל איר דאָס קענען אויסזאָגן.

— שטעל דיר פאָר, חנהלע, די מאַמעשי באַוויינט אונדז שוין אוודאי ווי טויטע, און דאָ וועלן מיר פלוצלינג אהיימקומען. מיר וועלן שטיל אָנקלאַפּן אין דער טיר. די מאַמע וועט פרעגן: ווער איז?...

— כ׳וויל אהיים. כ׳וויל צו דער מאַמעשי, — וויינט חנהלע ווייטער.

— דאָס זאָג איך דאָך, — פּרוּווט יורעק ווידער זי פאַררעדן, — ווי נאָר וועסט געזונט ווערן, גייען מיר גלייך. אין דער היים וועסטו זיך ליגן אין בעט אַריין, געדענקסט די פוכענע דעק אין דער מאַמעשיס בעט? וועסט זיך צודעקן מיט דער דעק... דער אויוון וועט זיין אָנגע־

הייצט, די מאמעשי וועט זיצן ביים בעט און דיך גוט ארומדעקן...

— כ׳וויל צו דער מאמעשי, כ׳וויל שוין צו דער מאמעשי!

דער ווינט רייסט אראפ עטלעכע שינדלען פונעם דאך, צעטראגט דאס היי. די קעלט עסט זיך איין אין די ביינער. יורעק פארבייסט די ליפן, די ציין זאלן נישט קלאפן און איבערשרעקן חנהלען.

— דאס ערשטע, וואס די מאמעשי וועט טון, איז דיך אויסוואשן. אראפוווארפן די פארלויזטע שמאטעס, גוט דיך אויסבאדן, אויסקעמען. וועסט האבן ריינע האר, אנטון ריינע וועש, ליגן אין א ריין, ווייס בעט. פון געוווינשאפט וועסטו זיך נאך קראצן, אבער באלד וועסטו זיך כאפן, אז עס בייסט דיך שוין נישט...

יורעק פרווט לאכן. דאס געלעכטער ווערט פארשלעפט דורכן ווינט, קומט צוריק פון אנדערן עק בוידעם, ווי עמיץ וואלט דארטן טרוקן און בייז געלאכט. ער דערשרעקט זיך פאר זיין אייגן געלעכטער, בלייבט זיצן מיט אן אפן מויל. די קעלט פיבערט דורך זיין מויל: אויהוהו...

— יאסל, כ׳האב מורא.

יאסל טוליעט זי צו זיך.

— יאסל, ביסט נאקעט, אלץ מיר אוועקגעגעבן.

— מיר איז נישט קאלט, חנהלע, כ׳ציטער, ווייל איך דערמאן זיך ווי ס׳וועט זיין, אז מיר וועלן קומען אהיים.

— כ׳וויל שוין אהיים, יאסל, כ׳וויל שוין...

***

יורעק גייט אראפ פונעם בוידעם. ער וויל זיך פארטרויען די באלעבאטים. ווי נאר ער באוויזט זיך, נעמט זיך צו אים דער באלעבאס:

— וואס פארא מענטש ביסטו. קלאגסט זיך ביסט קראנק, ס׳איז דיר קאלט, שלעפסט ארויף אויפן בוידעם אלע שמאטעס זיך צוצודעקן. און דא קומסטו גאר אראפ א האלב־נאקעטער. דו ביסט א פוילאק, יורעק, ס׳גלוסט זיך דיר נישט ארבעטן — דאס איז עס. גיי האק אן אביסל האלץ און ליג נישט ווי א באשיסענע קאץ ביים אויוון.

— וואַרף אַרויף אויף זיך די קורטקע, — פאַרהאַלט אים דער באַ־לעבאָס, ווען ער נעמט אַרויסגיין.

— כ'האָב זי אויפן בוידעם.

— טאָ ברענג זי אַראָפּ.

— ס'איז מיר נישט קאַלט.

— ציטערט ווי אַ נאַסער הונט און זאָגט ס'איז אים נישט קאַלט. אַז כאַפּט דיך דער טייוול. האַק אָן האָלץ און הייץ איין דעם אויוון.

ווען יורעק גייט אַרויס, הערט ער ווי דער באַלעבאָס וואָרטשעט: פויל געוואָרן דער ממזר, מען דאַרף אים צעטרייבן אויף אַלע זיבן ווינטן. די פּיס אונטער אים ווערן ווי געליימט: מער פעלט אים נישט, נאָר מען זאָל אים איצט אַרויסטרייבן; וווּ וועט ער זיך אַהינטון מיט דער קראַנ־קער חנהלען?

יורעק הייצט דעם אויוון. דאָס האָלץ איז פייכט, וויל נישט ברע־נען. וואָס שטאַרקער ער בלאָזט אין פייער, אַלץ מער טייעט אויף די פאַרפרוירענע פייכטקייט פונעם האָלץ. דאָס פייער צאַנקט און לעשט זיך.

עס קומט אַריין דער הויכער אַנטעק.

— וואָס ביסטו אַזוי צעיאַכמערט? — פרעגט דער באַלעבאָס.

— געפּאַקט אַ זשידעק.

— האַ?

— כ'גיי מיר אַזוי אין גאַס, זע איך אַ שלעפּער. אַ געשוואָלן פּנים, וואַסער־בלאָזן אונטער די אויגן, קוק איך, עפּעס איז מיר די מאָרדע באַקאַנט; ווער, מיינסטו, איז עס געווען? מאָשעק, דער קאַמאַשן־שטעפּער.

— אין דיין מאַמען אַריין! לעבסט נאָך? וועסט שוין ביי מיר כאַפּן אַ „קניידל". שטעל דיר פאָר, יוזעף, אַזאַ וואָרעם, זשיפּעט קוים, און פּרוווט נאָך אַנטלויפן. האָ, האָ, נישט ביי אַנטעקן. כ'האָב אים געגעבן איינס אין דער מאָרדע אַריין, האָט אים באַלד די רויטע יוכע באַגאָסן. געמיינט שוין פּטור געוואָרן פון זיי, און דאָ קריכט אַלעמאָל אַן אַנדער מויז אַרויס פון לאָך.

ביי יורעקן ציטערן הענט און פּיס: אָט דערלאַנגען זיי אים מיט אַ

שטיק האַלץ איבערן קאָפּ, אַז ז יי ן יוכע זאָל זיך פון אים גיסן, ווי זי האָט זיך געגאָסן פונעם ייד. עפּעס שפּאַנט זיך אין אים אָן אַ שפּרונג צו טון, נאָר עס שווימען פאַר אים אויף חנהלעס גרויסע, טרויעריקע אויגן, פאַרבייסט ער די ליפּן, און וואַרפט ווייטער דאָס האָלץ אין אויוון אַריין. די קאַץ דרייט זיך צווישן זיינע פיס; — גיי צום טייוול, — יאָגט ער זי און גיט איר אַ קאַפּע מיטן פוס.

די קאַץ לאָזט אַרויס אַ קוויטש. דער באַלעבאָס און אַנטעק מוסרן יורעקן:

— עך, דו באַנדיט איינער, וואָס קאָפּעסטו? אַ קאַץ איז אויך גאָט'ס באַשעפעניש. ווען מען וואָלט דיר אַזאַ קאַפּע געטון אין בויך?

יורעקן פאַרשטיקט אין האַלדז. ער לויפט אַרויס אין שטאַל אַריין און צעכליפּעט זיך.

ווען דאָס כליפּען לאָזט אים נאָך, לויפט ער אַרויף צו חנהלען. זי גליט שוין נישט ווי ביינאַכט, מן הסתם ווייניקער היץ, אָבער זי ליגט עפּעס אַזוי שטיל און גלייכגילטיק, זי קוקט זיך אַפילו נישט אום, ווען ער דערנענטערט זיך צו איר.

איצט טאָר ער גאָרנישט רעדן. ער וועט צוואַרטן ביז פאַרנאַכט. דער באַלעבאָס פאָרט אַוועק ברענגען אַ קו, וועט ער זיך פאַרטרויען פאַר דער באַלעבאָסטע. זי וועט נישט אַרויסוואַרפן אַ קראַנק קינד, זי וועט העלפן.

**
*

דער באַלעבאָס דאַרף שוין אַוועקפאָרן ברענגען די קו. די באַלע־באָסטע לויפט פון שכן צו שכן אים זוכן. ער איז אַוועק אינדערפרי, עס איז שוין שפּעטער נאָכמיטאָג, און ער איז נאָך נישטאָ צוריק. ערשט פאַרנאַכט ברענגט זי אים צו שלעפּן. דער באַלעבאָס איז שיכור, פאַלט אַוועק אַן איינגעקנוילטער אויף דער ערד און בלייבט אַזוי ליגן. עס איבלט אים, שרייט ער מיט באַנומענע קולות: — אוי, יעזו, אוי, יעיאַ, אוי...

— וואָס אויקעסט דו מיר, דו? — שרייט די באַלעבאָסטע. — גיי

קרעכצן דאָרטן ווו דו האָט געזויפן. באַדאַרפט נאָך שלעפּן דעם ביק אַהער, ניכיי וואָלט ער געבליבן כאַליען אין רינשטאָק און פוילן, אַז אַ וויסטע כאָליערע זאָל אייך אַלעמען טרעפן!

— אוי, אוי, — קרעכצט דער באַלעבאָס.

— קופּיעץ מיינער, באַלעבאָס מיינער. געפאָרן קויפן אַ קו, האַנט־געלט געגעבן, און אַז מען דאַרף איצט אויסקויפן, איז נישטאָ וועך. אָנגעגאָסן זיך צו אַלדע רוחות. שטיי אויף און פאָר נאָך דער קו, — שלעפּט זי דעם באַלעבאָס.

ער פאַלט צוריק אויף דער ערד ווי אַ געקוילעטער.

— דאָס האַנט־געלט וועט פאַרפאַלן ווערן, אויב מען וועט היינט נישט אויסקויפן די קו. — ברעכט די באַלעבאָסטע די הענט. — אַזעלכע בלוטיק־אָפּגעשפּאָרטע גראָשנס.

— יורעק, יורעק! — צעשרייט זי זיך פּלוצלינג.

— אָט בין איך.

— טו אָן שנעלער די קורטקע, וועסט צופאָרן ברענגען די קו. פינף אַזייגער גייט אָפּ דער לעצטער צוג.

— איך וועל זיך קיין עצה נישט געבן אַזאַ לאַנגן וועג מיט אַ קו.

— וועסט שוין, וועסט שוין. אַ יונג פון פופצן יאָר שעמט זיך נישט צו זאָגן: ער וועט זיך קיין עצה נישט געבן.

— און אַז זי וועט זיך צעבריקען?

— וועסטו געהרגעט ווערן מיט איר אינאיינעם.

יורעק גנבעט אין קיך אַביסל וואַרעמס און שאַרט זיך דערמיט אַרויף אויפן בוידעם. ער פּרוווט אַריינגיסן עטלעכע לעפעלעך חנהלען אין מויל אַריין. זי שלינגט עס נישט אַרונטער.

— חנהלע, חנהלע! — זי האַלט אָפן די אויגן און קוקט נישט אויף אים. ער רירט אָן איר שטערן, זי האָט ווידער גרויסע היץ: וואָס טוט מען, וואָס טוט מען?!

חנהלע מוז האָבן אַ דאָקטער, ער מוז זיין נעבן איר, ער וועט דערציילן דער באַלעבאָסטע. ער דרייט זיך אין דער קיך פון איין ווינקל צום צווייטן און ווייסט נישט ווי אַזוי אָנצוהייבן.

— וואָס דרייסטו זיך ווי אַ טיגער אין שטייג, וועסט פאַרשפּעטיקן דעם צוג. די קו מוז דאָ זיין איידער ס'ווערט טאָג, מער פעלט מיר נישט, נאָר די דייטשן זאָלן זי צונעמען.

— כ'קען נישט! — פּלאַצט יורעק ארויס מיט אַ געוויין, — כ'קען נישט, באַלעבאָסטע.

— אָך, דו געמיינער פּוילאַק, כ'נעם אַ קלאָניצע און גיב דיר אַ־בערן קאָפּ. צום פרעסן זענען זיי אַלע דאָ, און צו דער ארבעט — כאַטש צעריים זיך, און טו אַלץ אַליין. גיי, דו ממזר, ווייל...

— כ'האָב אַ שוועסטער — — —

— זאָל דער שלאַק טרעפן דיך מיט דיין שוועסטער אינאיינעם! גייסט? ווייל דו ווערסט ביי מיר געהרגעט.

זי הענגט אָן יורעקן אויפן האַלדז אַ זעקעלע מיט געלט צוצוצאָלן פאַר דער קו, גיט אים אַ שטיק ברויט, אַ שטריק צו פענטען די קו און שטופּט אים ארויס פון דער כאַטע.

מיט געבראָכענע טריט גייט יורעק אַוועק צו דער באַן.

*****

— האָוו, האָו, — טרייבט יורעק אונטער די קו, וואָס גייט רואיק פאָראויס. — אַבי דער פויער האָט מיך אָנגעשראָקן, אַז ס'איז אַ ווילדע קו. זי גייט ווי אַ פאַלגעוודיק פערדל אין שפּאַן.

דעם שטעקן, וואָס ער האָט געהאַלטן גרייט צו שלאָגן די קו, פאַר־רוקט ער טיף אונטערן אָרעם און שפּאַנט נאָך דער קו טריט נאָך טריט.

— האָו־האָו, האָו־האָו, — רופט ער, זיך היימלעכער צו מאַכן אין דער חשכות און שטילקייט פון דער נאַכט.

ער גייט פאַרביי אַ דאָרף. אַלץ שלאָפט שוין. די טונקעלע כאַטעס מיט די אויסגעלאָשענע פענצטער גיסן זיך צוזאַמען מיט דער טונקלקייט פון דער נאַכט. די איינוווינער שלאָפן אין זאַטן שלאָף, איינגעדעקט אין וואַרעמע פערינעס. אַ קינד —דאָ, שלאָפט ביי דער זייט פון דער מאַ־מען, אַ הונט אפילו — דאָ, האָט זיין בודע, אַ קאַץ — אַ וואַרעמען פּיעקעליק ווו זיך אַוועקצולייגן.

— האָו, האָו... — נעמט ער אונטעריאָגן די קו, זי זאָל גיין שנע־לער. אז ס׳וועט ווייטער אזוי גיין, וועל איך אַרום צוויי זיין אינדער־היים. די באַלעבאָסטע וועט זיין גוט אויפגעלייגט, וואָס כ׳האָב בשלום אהיימגעבראַכט די קו, וועל איך איר אויסזאָגן, אַז כ׳בין אַ ייד און דער־ציילן וועגן חנהלען. זי וועט זיך בייזערן, זי וועט אָבער נישט אַרויס־טרייבן אַ קראַנק קינד. חנהלע וועט האָבן אַ וואַרעמען שלוף און אפשר אויך אַ דאָקטער.

— האָו, האָו, — רופט ער פריילעך. אַלץ איז פון גאָט: דער באַלע־באָס האָט זיך געמוזט אָנשיכורן, כדי איך זאָל דאַרפן ברענגען די קו און שפּעטער קאָנען דערציילן דער באַלעבאָסטע וועגן חנהלען. און אפשר איז חנהלעס קרענק אויך פון גאָט. אַז ער וועט דערציילן דער באַלע־באָסטע, וועט חנהלע שוין נישט דאַרפן ליגן באַהאַלטן אין היי און דאָס האַרץ וועט איר שוין נישט אַרויספאַלן פאַר שרעק ביי יעדן טריט. ער וועט קאָנען פריי איר אַרויפטראָגן עסן אויפן בוידעם. חנהלע וועט אַמאָל קאָנען אַראָפּגיין זיך אַרומוואַשן און נישט ווערן אויפגעגעסן פון די וועַ־רעם. זי וועט ווייטער מוזן זיין באַהאַלטן אויפן בוידעם. מיט אַזאַ אויס־זען, מיט אַזעלכע אויגן...

איבער חנהלעס אויסזען האָט מען זיי דאָך אַרויסגעטריבן פון די קאָוואַלסקיס, ווו דער טאַטע האָט זיי געהאַט אָוועקגעפירט צו באַהאַלטן.

— מיט אַזאַ אויסזען, — האָט געזאָגט די פּאַני קאָוואַלסקי, קאָן מען סיי ווי סיי נישט איבערלעבן, איז פאַרוואָס זאָל איך איינשטעלן מיין קאָפּ.

ווו ער האָט זיך געוויזן מיט חנהלען צוזאַמען, האָט מען זיי נישט אַריינגעלאָזט. דעמאָלט ווען אַלע קינדער, וואָס זענען אַרויס פון שולע, האָבן זיי נאָכגעיאָגט מיט שטיינער און געשריגן: „זשידי", דעמאָלט איז זיי נאָר דורך אַ נס געלונגען צו אַנטלויפן. נאָך גוט, וואָס ס׳איז אים איינגעפאַלן חנהלען צו באַהאַלטן. ער איז אַליין אַריין צום פּויער זיך אָנ־ביטן צו אַרבעט, האָט מען אים טאַקע גלייך אויפגענומען, ער האָט אַ „גוטן" אויסזען.

וואָס פלעגט ער נישט אויסוויינען, ווען אַ חבר פלעגט אים רופן „דזשאָבאַק" (געשטופּלטער), אָדער „מצה". מיט חנהלען האָט מען זיך

געצאצקעט און גערימט: — אזא שיין קינד, אזא יידישער חן. ער
האט א רויט געשטופלט פנים, א רויטע נאז, העלע האר און העלע אויגן.
אז ס'האט עמיץ אויף אים א קוק געטון, האט די מאמע, ווי זיך צו פאר־
ענטפערן געזאגט: — ער האט א גוטן קאפ, דער בעסטער תלמיד.

ווען עס האט זיך אנגעהויבן די „ווישעדלעניע" (גירוש), האבן אלע
גענומען צורעדן דעם טאטן, אז מען זאל אים ארויסשיקן אויף דער ארי־
שער זייט: — מיט אזא טייער אויסזען, מיט אזא גאלדן פנים... האט
מען איצט געזאגט. וועגן חנהלען האט מען געזאגט: — א „שרעקלעך
פנים". איצט פארשטייט ער ערשט, אז ס'איז טאקע שרעקלעך.

אויב די באלעבאסטע וועט איצט מסכים זיין, זיי זאלן בלייבן, וועט
זי זיי שוין נישט ארויסטרייבן ביזן סוף מלחמה. די באלעבאסטע איז א
גוטע. זי שרייט און שעלט, ווען זי איז אין כעס, קיין שלעכטס וועט זי
אבער נישט טון.

און אפשר איז עס א ליגן, וואס די פויערים זאגן, אז מען האט אלע
יידן פון געטא אוועקגעפירט אויף א „געמוזע"*), אפשר לעבן דארט דער
טאטע, די מאמע, און ווען די מלחמה וועט זיך ענדיקן...

— סטאי, מעטשא, נאזאד! וואהין איז ער פארקראכן מיטן שאסיי,
וואס שניידט אדורך דעם וואלד? ער האט דאך באדארפט אראפגיין אויף
א זייטיקן דארפישן וועג נאך פארן אנהייב פונעם וואלד. פארטראכט זיך
דערווייל, פארגעסן ווי ער דארף גיין.

— סטאי, נאזאד! רופט ער. די קו גייט ווייטער. ער פארלויפט איר
דעם וועג, דערלאנגט איר לייכט מיטן שטעקן איבער דער מארדע, בעט
זיך: מעטשא, מעטשקא, נאזאד!

עטלעכע קילאמעטער ווייטער שטייט א דייטשער פאסטן. אויב זי
וועט גיין ביז אהין, איז אלץ פארלוירן. ער כאפט אן די קו ביי א הארן,
פרוווט זי אויסדרייען. זי טוט א ווארף מיטן קאפ, ער פליט אוועק ווי
א שפענדל. פון דער נאז רינט בלוט, א פוס צעקלאפט. ער שטייט אויף
און יאגט אן די קו, וואס איז שוין אפגעגאנגען א שפאר שטיקל וועג.

---

*) א רמז אז מען האט זיי געהרגעט און פון זייער הויט געמאכט געמוזע־לעדער.

די קו איז געפּענטעט, קאָן נישט שטעלן קיין גרויסע טריט, יאָגט ער זי לייכט איבער און פאַרלויפט איר דעם וועג. — נאַזאַד, נאַזאַד! — רופט ער און שלאָגט אין דער מאָרדע. די קו פּרוווט אויסמיידן די קלעפּ, נייגט אָפּ אויף רעכטס, אויף לינקס. יורעק פאַרלויפט איר כסדר דעם וועג. מיטאַמאָל דרייט זי זיך אוים און בלייבט שטיין.

— האָו, האָו, מעטשאַ, טרייבט יורעק אונטער, די קו אָבער שטייט אויפן אָרט. מילא, פאַרפאַלן, מען מוז זי לאָזן זיך אביסל אָפּרוען. ער וואַרט אָפּ עטלעכע מינוט און נעמט זי ווידער טרייבן, די קו אָבער רירט זיך נישט.

— וועסט נישט גיין? וועל איך דיר ווייזן, אַז וועסט יאָ גיין!

ער שלאָגט מיטן גאַנצן כוח, די קו אָבער איז ווי צוגעוואַקסן צום אָרט.

די שטריק, מיט וועלכע זי איז געפּענטעט, האָט איר אוודאי אָנגע־ריבן די פיס, פאַלט אים איין, מע דאַרף אָפּבינדן די פּענטע.

ער באַוויזט קוים אָפּצובינדן די שטריק פון איין פוס, אַז די קו טוט זיך א ריס, לאָזט זיך לויפן אין וואַלד אריין. יורעק לויפט איר נאָך. — מעטשאַ, מעטשאַ! — רופט ער. — סטאָי, מעטשאַ! די קו לויפט אין ווילדן גאַלאָפּ. ער פאַלט איבער קוסטעס, צעבלוטיקט זיך דאָס פּנים, די הענט, שטעלט זיך אויף און לויפט ווייטער. די קו פאַרשווינדט פון אויג. ער הערט נאָר אירע טריט אויף דער פאַרפרוירענער ערד, לויפט ער נאָכן אָפּהילך פון די טריט.

די קני ברעכן זיך אונטער אים. די פיס שלעפּן זיך שלאַבעריק, אָן כוח, ווי שטיקער האָלץ, דער אָטעם טוט אים מיטאַמאָל א שפּאַר אין האַלדז אריין און בלייבט דאָרט שטעקן, נישט אַהין — נישט אַהער. ער פאַלט אויפן שניי ווי אַן אונטערגעהאַקטער קלאָץ.

א רגע בלייבט ער ליגן אויסגעשעפּט, גלייכגילטיק צו אַלץ. דער קאַלטער שניי פרישט אים אָפּ. ער שטעלט זיך אויף, נעמט זיך איינ־האָרכן. פון גאַנץ ווייט דערטראָגט זיך נאָך א שוואַכער עכאָ פון דער קוס טריט. ער קאָן שוין אָבער נישט דערקענען פון וועלכער זייט דאָס

קומט. ער נעמט פּאַמעלעך שלעפּן די פאַרחלשטע פיס, אַ טונקעלע אָנונג גייט אויף אין אים: חנהלע איז פאַרלוירן.

— אַרויסגנבענען חנהלען! — אָן דער קו טאָר ער זיך נישט ווייזן. וועט ער זיך אַריינשלייכן אין הויף, כל זמן ס'איז נאָך נאַכט און אַרויס־גנבענען חנהלען.

— דער הונט וועט בילן איידער ער וועט אים דערקענען.

— ער וועט דעם הונט געבן אַ צייכן מיט אַ פייף. דער הונט קען זיין פייף.

— דער באַלעבאָס קען אויך זיין פייף.

— נאָך אַ כוסה שלאָפט דער באַלעבאָס ווי געהרגעט. ער וועט זיך שטיל אַריינשלייכן אין הויף, אַריין אין דער שטאַל, אַראָפּנעמען חנהלען און אַנטלויפן מיט איר.

— אַנטלויפן? וווהין? וווהין?!

עפּעס מוז מען דאָך טון, לאָזט ער זיך גיין. אפשר וועט ער דאָך אָנטרעפן אויף דער קו. זי וועט דאָך אַמאָל מיד ווערן, און זי וועט מוזן זיך אָפּשטעלן.

דער פראָסט דרינגט אַדורך די שמאַטעס מיט וועלכע ער האָט אַרומגעוויקלט די הענט און פיס. דינע פייער־שפּילקעס לויפן אים אין די שפּיץ־פינגער. די אויגן קלעבן זיך. זינט חנהלע איז קראַנק, איז ער ווייניק געשלאָפן. זענען די אויגן־לעפּלעך שווער, דער קאָפּ איז שווער און שלעפּט צו דער ערד. אַוועקלייגן זיך כאָטש אויף איין מינוט. ווען נישט די קוסטעס, וואָס האָבן שוין צעריסן די הויזן, רייסן איצט די הויט פון זיינע פיס, וואָלט ער איינגעשלאָפן גייענדיק. צו גיין אָבער האָט ער שוין נישט קיין כוח, וועט ער זיך אַ ווײַלינקע צוזעצן.

כ'ף אין אים גייט אויף אַ וואָרנונג: וועסט זיך צוזעצן, וועסטו איינשלאָפן! אָבער נישטאָ קיין כוח זיך צוצוהערן צו דער וואָרענונג, שלעפּט ער זיך צו צו אַ פיען און זעצט זיך אַוועק.

די אויגן־לעפּלעך קלעפּן זיך. ס'גייט אויף אין אים אַזאַ באַטעמטע זיסקייט. נישט שלאָפן! נישט שלאָפן! וואָרנט ער זיך און פילט ווי דער שלאָף נעמט אים אַרום. מאַמע! — רופט ער הילף, און רייסט אויף די

אויגן. אַ ליכטיקייט טוט אים אַ שלאָג אין פּנים אַריין. די לבֿנה איז אַרויס פון אונטער אַ וואָלקן. מיט איר מיטן־חודשדיקער העלקייט האָט זי זיך דורכגעריסן דורך די צווייגן פון די סאָסנעס. — מאַמע! שרייט ער אויס: אויפן שניי זעען זיך פיס־טריט פון דער קו.

די גאַנצע שלעפּערדיקייט פאַרשווינדט. מיט נייע כּוחות נעמט ער גיין נאָך די פיס־טריט.

די נאַכט האָט אויסגעלאָשן אירע ליכטער און דער טאָג האָט נאָך זיינע נישט אָנגעצונדן. די שפּורן פון דער קוס טריט פאַרשווינדן אין דער טונקלקייט. ער בלייבט שטיין און האָרכט זיך איין. צווישן דעם ביי־מער־גערויש אונטערשיידט ער דעם קלאַנג פון ברעכן צווייגן. זי מוז זיין נאָענט פון דאַנען. ער שפּיצט אָן די אויערן און נעמט פּאַמעלעך גיין, נאָר נישט פאַרלירן דעם שפּור.

ער הערט שוין קלאָר דער קוס כאָרכלען. ער שלייכט זיך צו איר אויף די שפּיץ־פינגער. די קו האָט מיטן שטריק זיך פאַרפּלאָנטערט צווישן געדיכטע קוסטעס. ער נעמט אויפפּלאָנטערן און לויז מאַכן דעם שטריק. די קו גיט זיך אַ ריס פונעם פּלאַץ, און לאָזט זיך לויפן.

דער וואַלד דאָ איז געדיכט. דער קליינער יורעק באַוועגט זיך לייכ־טער ווי די גרויסע קו, איבעריאָגט ער זי און דערלאַנגט איר מיטן שטעקן צווישן די אויגן. די בהמה גיט זיך אַזש אַ זעץ אַראָפּ אויף די קני. מיט אַ ווילדן כעס שלאָגט ער איבערן קאָפּ, איבערן רוקן און ווו נאָר ער טרעפט. די קו ציט זיך אויס אויפן שניי, ער שלאָגט ווייטער ביז ער שטייט אָפּ, דער שטעקן פאַלט אים אַרויס פון דער האַנט.

אַ ווייל שטייט ער און ווייסט נישט, וואָס ס׳טוט זיך מיט אים. באַלד קומט ער צו זיך און דערמאָנט זיך: ער מוז איילן אַהיים.

— ווסטאַן (שטיי אויף), רופט ער און טוט אַ קאָפּע דער קו אין בויך. זי שטעלט זיך אויף. נאָגאַ! (דעם פוס), באַפעלט ער ווייטער און הייבט אונטער דער קוס פוס, וואָס דריקט אויפן שטריק. ער איז זי־כער, אַז זי וועט אַ קאָפּע טון, די קו אָבער הייבט אונטער דעם פוס און בלייבט רואיק שטיין, ווען ער בינדט דעם שטריק אַרום דעם צווייטן פוס.

איצט וועט זי נישט וועלן גיין, טראַכט ער און רופט: נאָאָ! די קו נעמט גיין.

אָבער וווהין זי טרייבן, ווו איז דער שאָסיי?

ס׳גרויט שוין אויף טאָג. מ׳זעט שוין ווידער די פוס־טריט אויפן שניי. ער פאַרקערעוועט אויף צוריק: דער וועג, וואָס האָט געפירט אַהער, מוז אויך פירן צוריק צום שאָסיי.

דער וואַלד איז דאָ פאַרוואַקסן מיט קוסטעס. די פענטע פּאַרטשע־פּעט זיך כסדר. די קו קאָן נישט גיין. ער מוז אָפּבינדן דעם שטריק. די קו גייט ווייטער רואיק.

יורעק וווּנדערט זיך ווי פאָלגעוודיק די קו איז געוואָרן: — ביסט דאָך גאָר אַ חכמת, מעטשאַ. איינמאָל דערפילט, אַז איך בין שטאַרקער פון דיר, דערפילט אין מיר אַ האַר, געדענקסטו עס. טאָ זיי זשע אַ גוט קיעלע, און גיי אַביסל שנעלער. ער קלאַפּט דער קו אויפן הינטן מיט אַ לייכט, צערטלדיק קלעפּל: — גיי, מעטשקאַ, גיי. די קו, ווי זי וואָלט פאַר־שטאַנען, וואָס ער וויל פון איר, נעמט טאַקע גיין שנעלער.

ווען ער קומט אַרויס פונעם וואַלד, איז שוין העלער טאָג.

***

אַז די באַלעבאָסטע האָט געזען, ס׳טאָגט און די קו איז נאָך נישטאָ, האָט זי אַרויסגעיאָגט דעם באַלעבאָס זיך דערוויסן, וואָס ס׳איז געשען. דערזען יורעקן, נעמט דער באַלעבאָס נאָך פון ווייטן זיך זידלען:

— שוין אויסגעקליבן זיך. געפּאָפּן זיכער. אין מיטן טאָג פירסטו מיר די קו, זי זאָל „פאַרברענט" ווערן (די דייטשן זאָלן זי צונעמען). וועסט זיך שוין ביי מיר אויסריכטן, פּאָליאַק דו!

צוגעקומען נענטער, דערזעט ער ערשט, אַז יורעק און די קו זענען צעבלוטיקט.

— וואָס האָסטו דאָ אָנגעאַרבעט, שטשעניאַק?

— ס׳אַ ווילדע קו, ערגער ווי אַ ביק, — פאַרענטפערט זיך יורעק.

— ביסט אַ פּאָליאַק, אַ שלימזל, אָט וואָס, טויגסט נישט אַ קאַץ דעם עק צו פאַרבינדן.

— איינגעשפּאַרט זיך און זיך נישט געוואָלט רירן פון אָרט, — פאַרענטפערט זיך יורעק.

שוין אַ האַלב יאָר אין דאָרף און ווייסט נישט ווי אַ קו אָנצוטרייבן. גיי צו דער מאַמען אונטערן פאַרטעך. ער רייסט אַרויס ביי יורעקן דעם שטעקן פון האַנט און נעמט אַליין אָנטרייבן: האו, האָו!

אַ ווײַלע גייט די קו ווי פריער, באַלד אָבער דרייט זי אויס דעם קאָפּ, קוקט זיך איין אין באַלעבאָס, און בלייבט שטיין.

— נ־אָ־אָ, מאַרש! טרייבט זי דער באַלעבאָס און באַלייגט זי מיט שטעקנס, אָבער די קו גייט נישט.

דער באַלעבאָס שפּייט און זידלט זיך: — פּשאַקרעוו, אַ זונה, אַוועק־געשטעלט זיך און שטייט. ער נעמט ווידער שלאָגן און אונטערטרייבן: נאָאָ, יאַזדאַ! די קו רירט זיך נישט פון אָרט.

דער באַלעבאָס דרייט מאַכאָרקע אין אַ ביבעלע, צו פאַררויכערן אויף קוראַזש. גייט דערווייל יורעק צו, גיט מיט דער האַנט אַ לייכט קלעפּל דער קו איבערן הינטן און רופט: נאָאָ, מעטשקאַ! די קו נעמט גלייך גיין.

ווען זיי זענען שוין נאָענט פון דער היים, טרייבט דער באַלעבאָס אַוועק יורעקן, ער וויל זיך גרויסן פאַרן ווייב, אַז ע ר האָט געברענגט די קו. די קו שטעלט זיך ווידער אָפּ און גייט נישט אַפריער, ביז יורעק טרייבט זי נישט אונטער.

***

מיט אַ טעפּל הייסע קאַווע איז יורעק אַרויף אויפן בוידעם. ער גייט שטיל צו צו חנהלען. זי ליגט מיט פאַרמאַכטע אויגן און זעט אויס ווי אַמאָל, ווען ער פלעגט אויף די שפּיץ־פינגער אַרויס פון קינדער־שטוב אין שול אַריין, און זי פלעגט נאָך שלאָפן.

— חנהלע, וועסט טרינקען אַביסל קאַווע.

זי רופט זיך נישט אָן.

— חנהלע, חנהלע, — נעמט ער זי טרייסלען, — ח נ ה ל ע !

ער לאָזט זיך אַראָפּ אויף די קני, הייבט זי אונטער. דער גוף ליגט

א שטייפער, א קאַלטער אין זיינע הענט, דער קאָפּ פאַלט צוריק און הענגט מאַכטלאָז אַראָפּ פון אירע אַקסלען. פּאַמעלעך לייגט ער זי צוריק אַוועק אויפן שטרוי, קוקט זיך אַיין אין איר. פּלוצים שפּרינגט ער אויף, פליט אַראָפּ פון בוידעם און נעמט לויפן איבערן דאָרף ווי אין אַ פוריע מענטשן שפּרינגען אָן אַ זייט, טרעטן אָפּ פון וועג, ווי פאַר אַ צעבריקעט פערד. יורעק! יורעק! טראָגן זיך נאָך אים צעשראָקענע קולות. הינט לויפן אים נאָך מיט אַ בילעריי, ער לויפט פלינקער פון זיי, פליט פאַרביי דאָס דאָרף ווי אַ ווינט, טראָגט זיך ווייטער ווי אַ פייל איבער פעלדער און, ווי אַ פייל, פאַלט ער האַסטיק אַראָפּ. ער בלייבט ליגן מיט שוים אויפן מויל.

***

דער באַלעבאָס, די באַלעבאָסטע און שכנים האָבן „באַנאַסן" די קו. מען האָט געטרונקען איין כוסה נאָך דער צווייטער. אין שטוב האָט קיי־נער נישט באַמערקט ווי יורעק איז אַרויף אויפן בוידעם, קיינער האָט אויך נישט געזען ווי ער איז אַרויסגעלאָפן. נאָר דער הונט רעקס האָט זיך געפרייט מיט יורעקס צוריקומען, ער איז געשפּרונגען אַרום אים און נאָכגעלאָפן ביז צו דער שטאַל־טיר. דערזען יורעקן מיט אַזאַ ווילדקייט אַרויסלויפן, לויפט רעקס מיט דער זעלבער ווילדקייט נאָך אים. ווען יורעק פאַלט אַוועק, ציט זיך רעקס אויס נעבן אים און דערוועגט זיך נישט אים אָנצורירן, דערוועגט זיך נישט אַ ביל צו טון. אַז ס'גייט אַריבער אַ לאַנגע ווײַלע, און יורעק ליגט אַלץ און גיט זיך נישט קיין ריר, שפּרינגט רעקס אויף, נעמט לויפן אַרום אים מיט בעטנדיקע אויגן און פאַרגייט זיך אין אַ יאָמערלעכן געוואָי. יורעק רופט זיך נישט אָפּ, רעקס דרייט זיך אויס מיט דער מאָרדע צום דאָרף און צעבילט זיך יאָמערלעך אויף אַ קול. לאַנג בילט ער אַזוי. פון דאָרף באַווייזט זיך קיינער נישט. נעמט ער ווידער באַלעקן יורעקן, כאַפּט מיטן פּיסק פאַר די הויזן און שלעפּט אים. מיט די הויזן שלעפּט זיך מיט דער פוס, אָבער יורעק ליגט ווייטער אָן באַוועגונג. ווילד, ווי אין געווירבל, נעמט רעקס לויפן אַרום דעם יינגל. מיט אַמאָל שטעלט ער זיך אָפּ, און בייסט זיך איין אין יורעקס פוס.

דער שארפער ווייטיק וועקט יורעקן אויף. ער כאפט אוועק דעם פוס. רעקס לאזט גלייך נאך. ער שפרינגט ווילד פון פרייד ארום דעם יינגל. יורעק הייבט אויף דעם קאפ, קוקט זיך ארום און ווייסט נישט ווו ער איז. באלד שווימט אויף פאר אים חנהלעס ארפגעהאנגענער קאפ.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ווען יורעק קומט אהיים! טרעפט ער אלע טירן אויפגעפראלט; אין שטוב איז קיינער נישטא! נאר די קאץ שטייט אויף דער קאמאד און פראוועט א סעודה איבער א טעפל פוטער. די שכנים האבן דא געטרונקען דעם גאנצן טאג, איצט איז מען אוועק צו די שכנים טרינקען.

יורעק טראגט ארויס אין וואלד אריין א האק און א לאפעטע. גייט צוריק אין שטאל אריין. אז די בהמות הערן עמיצן צוקומען צו דער טיר, הייבן זיי אויף א רעש: געשיכורט א גאנצן טאג, האבן די באלעבאטים פארגעסן צוצוגרייטן עסן פאר די בהמות. דער חזיר שטויסט דעם באריער, וואס טיילט אים אפ פון דער שטאל. דאס קאלב גיט אלעמאל א צי די ליידיקע אייטערס פון דער קו און מעקעט מיט געבעט. ווען יורעק גייט אריין אין שטאל, הייבן אלע אויף א געשריי: „מו! מואו!", שרייען די קי, שטרעקן די קעפ צו יורעקן און קוקן אויף אים מיטן טרויער פון קור־אישע בליקן. יורעקן דאכט זיך, אז זיי ווייסן פון זיין אומגליק און טרויערן צוזאמען מיט אים.

ס'איז שוין פינצטער אויפן בוידעם. יורעק קאן שוין נישט זען חנה־לען. ער זעצט זיך אוועק לעבן שטוים היי, ווו זי ליגט. אן אייזיקער ווינט בלאזט דורכן צעבראכענעם דאך, די קעלט בייסט די פינגער פון די הענט און פיס, אין קוימען יאמערט דער ווינט און ווילד, ווי א ווינט, שטורעמט אין קאפ א פראגע:

„פ א ר ו א ס ?"

„גאטס ווילן", דערמאנט ער זיך דעם טאטנס ענטפער, ווען די מא־מע האט געפרעגט „פארוואס". „גאט האט אזוי געוואלט".

— פארוואס האט גאט אזוי געוואלט? ער, יורעק, האט דאך זי בא־האלטן, ער איז איבער דעם אויסגעשטאנען אלע צרות פונעם באלעבאס

און דער באַלעבאָסטע, ער, יורעק, האָט דאָך איר אוועקגעגעבן זיין עסן; וואָס האָט גאָט דאָ געהאַט זיך אַריינצומישן? פאַרוואָס?!

יורעקס האַנט פאַלט אַרויף אויף אַ טעפּל, דאָס טעפּל מיט קאַווע, וואָס ער האָט אַרויפגעבערענגט פאַר חנהלען. ער טוט אַ שליידער דאָס טעפּל און זוכט נאָך עפּעס צו צעברעכן. אַלץ צעברעכן! אונטערצינדן און זאָל אַלץ פאַרברענט ווערן, אַלץ!

דער כעס צעוואַקסט זיך ווי אַ שׂרפה, פלאַמט אויף מיט אַזאַ רוגזה, אַז דער אָטעם בלייבט אים שטעקן אין האַלדז...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

שפּעט ביינאַכט ברענגט די באַלעבאָסטע אהיימצושלעפּן דעם באַלע־באָס אַ טויט־שיכורן. יורעק! יורעק! צעטראָגן זיך באַלד אירע קולות. יו־רעק ליגט אויפן בוידעם אין האַלב־דרימל און האַלב־חלשות. זי שעלט דעם באַלעבאָס און יורעקן, שווערט, אַז זי וועט זיי ביידן צעטרייבן „אויף אַלע זיבן ווינטן". זי טראָגט אַריין עסן פאַר די בהמות און הייצט אונטער דעם אויוון אין שטוב.

ווען דאָס האַלץ צעפלאַקערט זיך אין אויוון, ווערט היים דער קוימען, וואָס פירט דורכן בוידעם צום דאַך אַרויף. די וואַרעמקייט נעמט אַרום יורעקן, וואָס ליגט נעבן קוימען. ער קומט אַביסל צו זיך. אַ מידקייט שווערט אין אַלע גלידער. ער איז קוים אימשטאַנד זיך אויפצוהייבן. ער שטאַרקט זיך און קריכט אַראָפּ פונעם לייטער. די שטאַל איז פול מיטן געשנאָרך פון די בהמות. פון שטוב דערטראָגט זיך דאָס שווערע שנאָרכן פון די באַלעבאַטים. נאָר רעקס האָט זיך איבערגעוועקט. ווען ער זעט, אַז דאָס איז יורעק, קריכט צוריק אַריין אין דער וואַרעמער בודע.

די ערד איז פון אויבן אויף געפרוירן, טיפער איז זי אַדורכגעפלאָכטן מיט וואָרצלען פוןביימער. מען מוז באַנוצן די האַק. יורעק קאָן קוים אויפהייבן די שווערע האַק, ער קאָן קוים אַרויסשלעפּן די לאָפּעטע מיט ערד. די הענער הייבן שוין אָן קרייען, ווען דער גרוב ווערט פאַרטיק. יו־רעק גייט אַרויף אויפן בוידעם, בלייבט שטיין לעבן חנהלען און קאָן נישט קיין ריר טון מיט קיין אבר. די הענער נעמען ווידער קרייען, ווי זיי

וואַלטן אים געוואָרנט: ס׳איז שפּעט. יורעק שטאַרקט זיך, שלעפּט צו חנהלען צום קוימען, שטעלט זי אויף, לענט זי אָן קוימען און פאַר־וואַרפט זי אויף זיין פּלייצע. ער וויל אויסבייגן חנהלעס הענט אַרום זיין האַלדז, אָבער זיי זענען שטייף און געפרוירן. אָנהאַלטנדיק זי ביי די צע־ריסענע מלבושים, נעמט ער זי אַראָפּטראָגן פונעם בוידעם. עס איז צו שווער פאַר זיינע אויסגעמאַטערטע כוחות. ער גליטשט זיך אַראָפּ פונעם לייטער, און פאַלט אינײַנעם מיט חנהלען אַראָפּ אין שטאַל־מיסט אַריין, קוים וואָס ער קאָן זיך אויפהויבן.

יורעק שלעפּט חנהלען צום וואַלד. ער פאַלט, שטעלט זיך אויף און פאַלט ווידער. ער מעסט מיטן בליק דעם מהלך צווישן זיך און דעם וואַלד און עס זעט אים אוים גלייך ווי מיט יעדן טריט, וואָס ער מאַכט פאָראויס, וואַלט דער וואַלד אויף אַ טריט זיך דערווייטערט. און דאָ ווערט די נאַכט צערונען. עס הייבן זיך אָן אויסצושיילן פון דער גרוי־קייט די פאָרמען פון די כאַטעס אין דאָרף, ערגעץ שלענגלט זיך שוין אַ רויך פון אַ קוימען. באַלד וועלן זיי אויפשטיין פון שלאָף. וואָס וועלן זיי טון מיט חנהלען וואָס וועלן זיי טון מיט דער טויטער חנהלען?

אָט איז ער שוין אין וואַלד. די הענט זענען שוואַך און קאָנען נישט דערהאַלטן חנהלעס גוף. דער טויטער קערפּער גליטשט זיך אַראָפּ פון זיינע פּלייצעס און פאַלט מיטן פּנים צו אַ בוים. עס ברעכט זיך אָפּ חנהלעס פאַרפרוירענע נאָז. אַ ווילדער געשריי רייסט זיך אַרויס פון יו־רעקס מויל און ס׳דאַכט זיך אים, אַז דאָס האָט חנהלע אַזוי געשריגן פון ווייטיק אין דער נאָז.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

געזען אַביסל. שוין אַזוי לאַנג טויט, און זי רעדט מיט אים. די סחידים, און לייגט אַרויף לאָפּעטעס מיט שניי.

***

יורעק! יורעק! יאָגט אים נאָך דאָס רופן פון דער באַלעבאָסטע. ער שפּאַנט אוועק מיט אַ מידן, שלאַבעריקן טראָט. רעקס גייט אים נאָך מיט אַ שטילן, טרויעריקן גאַנג.

— גיי צוריק, רעקס, בעט זיך ביי אים יורעק. דו האָפּמ דאָרטן אַ בודע, אַ היים, איך קאָן דאָרט מער נישט בלייבן...

זיילן רויך ציען זיך פון די קוימענס גלייך אַרויף צום הימל, שטייגן אויף מיט דער ריטמישקייט פון אַ געזאַנג. דאָס דאָרף שטייט אויף פון שלאָף נאָך אַ מנוחהדיקער נאַכט.

דער טאָג גייט אויף אַ זילבערנער און ליכטיקער. די זון צעצינדט און צעפינקלט די באַשנייטע ביימער־קרוינען. דער הימל איז אַזוי מילד בלוי... אונטער די באַשנייטע פעלדער וואָרעמט זיך די זריעה פאַר אַ שפּעדיקן־זאַטן זומער. דער שניי איז אָנגעפּוכט, אַזוי גלאַט און שפּיגל־דיק... נאָר אויף איין אָרט אין וואַלד איז דער שניי אַביסל צעוואָרפן און אין דעם היי, אויפן בוידעם, איבער אַ זאַטער פּויערישער כאַטע איז לייַ־דיק געבליבן אַן אָפּדרוק פון אַ קינדערישן גוף.

א מעת-לעת
אין מיין הויף

„אמר ר׳ יהושע בן לוי, האָט ר׳ יהושע בן לוי געזאָגט — — —"

נאָך אין האַלב־שלאָף הער איך דעם טרויעריקן ניגון פון שלמהלע געררעס מאָרגן־שיעור. נעכטן, ווען איך בין אַנטשלאָפן געוואָרן שפּעט ביינאַכט, האָט ער נאָך געלערנט. איצט, פאַרטאָג, לערנט ער שוין ווידער. זיין טרויעריק קול טראָגט זיך פון דער קעלער־שטוב, ווו ער וווינט, איבער דעם שלאָפנדיקן הויף.

דאָ און דאָרט נעמען אויפלויכטן שפּאַרעס אין די שוואַרצע פּאַפּיר־ראָלעטן, וואָס פאַרשטעלן די פענצטער. דער הויף וועקט זיך.

עס סקריפּעט דער טויער. עס גייען אַרויס פון הויף אַרבעטער צו דער אַרבעט, הענדלער צו דער „מעטא"(1). עס קומען אַריין אין הויף די ערשטע מיסט־קלייבער.

אַ גאַנצע נאַכט קעמפּט מען מיט די ביישלעפער איבער אַ שטיקל פאַרלויזטער דעק, מען קאַרטשעט זיך אין ווייטיק: פון קעלט וואָס עסט זיך איין אין די ביינער; פון הונגער, וואָס דרייט די קישקעס; פון לייז, וואָס נעסטן זיך איין אין צעפּוילטע ווונדן. ווען די מידקייט איז שוין גובר דעם ווייטיק, ווען דער שלאָף שליסט די אויגן, רייסט מען זיך איבּ־גיכן אויף מיט אומרו, נישט צו פאַרשפּעטיקן... ווען עס נעמט בלויען אין פענצטער, לויפט מען אַרויס זוכן אַ ביסן.

ווי גנבים שלייכן זיך די מיסט־קלייבער אַריין אין הויף, עס זאָל זיי נישט באַמערקן דער הויז־שומר, וואָס יאָגט זיי פון דאָרטן. קוים וואָס זיי שלעפּן די שווער־אָנגעשוואָלענע פיס אַרויף אויף דעם מיסט־באַרג, נישטערן צווישן צואה און אָפּפאַל, זוכן אַ ביסן. געפינט איינער אַ פאַר־פוילטן קרויט־בלאַט, אַ פאַרשימלטן רינדל ברויט, כאַפּט ער עס גלייך אין מויל אַריין, איידער עס באַמערקט דער „קאָנקורענט" אויפן מיסט־באַרג און פאָדערט שותפות.

---

1) אַ אָרט ביי דער געטאָ־גרענעץ, ווו עס איז אָנגעגאַנגען דער שמוגל.

עס קומען די ערשטע הויף־זינגער:

מעות, מעות,
מעות איז אַ גוטע זאַך,
האָסטו נישט קיין מעות,
איז צו דיר אַ קלאָג.
געב אַוועק די „באָנע״2)
זאָג אַ גוטן טאָג.
מעות, מעות,
מעות איז אַ גוטע זאַך.

דער לערער זילבערשטיין באַמערקט מיך ביים פענצטער, זאָגט ער צו מיר: דער טויט האָט ביי אונדז גוט „דערלעבט״. אַ מענטש שטאַרבט זאָגט מען נישט „ער איז געשטאָרבן״, מען זאָגט: „ער האָט אַוועקגע־געבן די „באָנע״, דאָס איז דער גרעסטער שאָדן.

די גראָבע מאַרישע, דאָס ווייב פון דעם הויף־קאָמיטעט־פּרעזעס, בייזערט זיך, וואָס דער הויף־זינגער וועקט זי פאַרטאָג. דער הויף־זינגער ווערט נישט נתפּעל און זינגט ווייטער:

האָסטו מעות,
קאָנסטו שלאָפן ביז ניינע,
האָסטו נישט —
ביסטו פאַר אַ שיינע ריינע.
מעות, מעות,
מעות איז אַ גוטע זאַך.

די „פּרעזעסאָווע״ ווערט אין כעס, שטעקט אַרויס דורכן לופטשיק אַ קאָפּ צעשוויבערטע לאָקן און שרייט: „פּאַניע דאַזאָרצא, פּאַניע דאַזאָר־צאַ, וואַרפט אים אַרויס!״

---

2) „באַנע״ מיינט לעבנסמיטל־קאַרטע. אַז עס איז עמיצער געשטאַרבן, האָט מען אויף געטאָ־זשאַרגאָן געזאָגט: ער האָט אַוועקגעגעבן די באַנע.

דאָס ייִנגל האָט שוין נישט וואָס אָנצוווערן, זינגט ער:

די פּאַני פּרעזעסאָווואַ
מאַכט זיך אַנדולאַציע,
און די אָרעמע קינדער
גייען שלאָפן אָן קאָלאַציע[3].
מעות, מעות,
מעות איז אַ גוטע זאַך.

דער עולם איז צופרידן, וואָס מען האָט אַריינגעזאָגט דער אָנגעפּרע־סענער נגידיתטע, פֿאַלן פֿינפֿערלעך פֿון אַלע פֿענצטער. „פּאַניע דאָזאָר־צאָ, פּאַניע דאָזאָרצאָ" — שרייט די פּרעזעסאָווע, אַזש אַ שוים קומט איר אויפֿן מויל. דער דאָזאָרצע מאַכט זיך נישט הערנדיק. ערשט ווען דאָס ייִנגל האָט שוין אויפֿגעקליבן אַלץ, וואָס מען האָט פֿאַר אים אַראָפּגע־וואָרפֿן, לויפֿט אַרויס דער הויז־שומר מיט אַ בעזים און יאָגט דאָס ייִנגל פֿון הויף.

דריי באַשעפֿענישן זינגען מיט הייזעריקע קולות:

אוי די באָנע,
יאָך וויל נישט אַוועקגעבן די באָנע,
יאָך וויל נאָך עפּעס גוטס דערלעבן.

די פּנימער פֿון די זינגער זענען איינגעשרומפּן, פֿאַרוועלקט. דער צייכן פֿון עלטער און געשלעכט איז פֿאַרווישט אין דער צורה. לויט דעם וווּקס דערקענען איך, אַז עס זענען קינדער, לויט די קליידלעך אַז עס זע־נען מיידלעך. זיי ענדיקן זינגען און איינע — די גרעסטע, מסתמא די עלטסטע פֿון זיי, נעמט בעטן:

יידישע האַרצאָר (הערצער), רחמנותדיקע מענטשן, שענקט עפּעס

3) קאָלאַציע — נאַכט־עסן.

פאַר דריי יתומים. וואַרפֿט אַראָפּ אַ שטיקל ברויט, אַ פּאַרדאַרטן רינגל, אַביסל קאַרטאָפל־שאָלן — — —

עס קומט אַריין אין הויף אַ פרוי מיט אַ זאַק אויף די פּלייצעס. זי קוקט מיט ביטול אויף די בעטלענדיקע מיידלעך.

— ברויט האָט דאָ קיינער נישט צופיל, און אפילו קאַרטאָפל־שאָלן — פאַרוואָס זאָל מען געבן בחנם, אַז מען קאָן עס פאַרקויפן.

זי בעטלט נישט, זי קויפט שאָלן און פאַרקויפט זיי צו אירע שכנים אין „פּונקט"4). עפּעס בלייבט שוין ריווח פאַר איר, מאַכט זי דערפון מעדנים. די שאָלן צעמאָלט זי אין אַ פלייש־מילכל. אויב זי האָט אַביסל ראָזעווע־מעל צו די שאָלן, מאַכט זי אַ טייג, בראָט דערפון טייערע קאָט־לעטן. ווער שמועסט נאָך, אַז עס מאַכט זיך אַ פאַרדינסטל און מען פרעגלט עס אויף אַ ביסל אייל — איז עס גאָר אַ מעדן. אַז מען האָט נישט קיין אייל און נישט קיין מעל, שיט מען די געמאָלענע קאַרטאָפל־שאָלן אַריין אין אַ טאָפּ, מען גיסט צו וואַסער און מען מאַכט אַ זופּ. מי־לאַ, פאַר דער מלחמה, האָט מען עפּעס בעסערס געגעסן, אָבער ביז גאָט וועט העלפן, קאָן מען מיט קאַרטאָפל־שאָלן אויך אָנפילן די קישקעס. — עס זאָל נאָר נישט אויסגעפעלט זיין, רבונו של עולם!

— שאָלן קויף יאָך, שאָלן שאָלן! — פאַרהילכט די פרוי דעם הויף מיט אירע אויסרופן. די דריי מיידלעך פרווון אַלע צוזאַמען איבערשרייען די הענגדלערקע, זיי מידן זיך איין און גייען אַרויס פון הויף.

— מיידעלע, מיידעלע — רופט עמיץ פון אַ פענצטער, און וואַרפט אַראָפּ אַ מטבע איינגעוויקלט אין אַ פּאַפּירל. איינע פון די מיידלעך לויפט צו, הייבט אויף און וויקלט אויף דאָס פּאַפּירל. אויף איר פּנים העלט אויף עפּעס ענלעכס צו אַ שמייכל. עס איז אַ גרויסע נדבה, אַ צע־נערל. באַלד פאַרשווינדט דער שמייכל. מען דאַרף אַזוי פיל צענערלעך אויף צו קויפן אַ שטיקל ברויט!

---

4) פּליטים־פּונקט. אַזאַ מין הקדש, וו עס האָבן געוווינט די אָרעמע היימלאָזע פּליטים.

ברוכל בראַוומאַן קומט צו לויפן פון גאַס. ער האָט מסתמא, ווי יעדן טאָג, געבערענגט אַ גאַנצן פּאַק מיט בשורות. אַז מען דערזעט אים, גייט מען אַראָפּ אין הויף אַריין הערן. מען ווייסט, ער איז אַ פֿאַנטאַזיאָר און מגזם. קיין איינע פון זיינע „נייעסן" האָבן זיך נאָך קיינמאָל נישט באַשטעטיקט. אָבער דאָך איז גוט צו הערן... אַרום ברוכלען שטייען אַלע שכנים. אַ צעקאָכטער, דערציילט ער:

פינצטער געוועזן די נאַכט, האָ? אַ שניי־שטורעם, האָ? די ענגלענ־דער האָבן נאָר דערויף געוואַרט. און תיכף, ווי נאָר עס האָט זיך אָנגע־הויבן דער שטורעם און די יעקעס האָבן זיך פאַרשטעקט אין די לעכער, איז אַן ענגלישע שיף צוגעפאָרן צום ברעג אין גדיניע און אַרויסגעזעצט אַ דעסאַנט „שוואַרצע".

— אין ווינטער „שוואַרצע"? — רייסט אים עמיץ איבער — זיי וואָלטן גלייך איינגעפרוירן.

— פאַרלאָזט זיך אויף די ענגלענדער, שמייכלט ברוכל. פעלצן, מיט פוטער־שטיוול, מיט עלעקטרישע טאַשן־אייוועלעך. זיי גייען שוין אויף לאָדזש. כ'האָב זיך גערעכט, אַז עס וועט זיך עפּעס מאַכן. עץ גע־דענקט, כ'האָב דערציילט, אַז דער ראַפּטשיצער זאָל לעבן, האָט געענוי אויסגערעכנט „זייער" מפּלה אויף פורים. עפּעס אַ באַרימטער, להבדיל, העל־זעער האָט אויסגערעכנט אויף אַפּריל. איז מיר אין אָנהויב געווען קשה: פורים איז דאָך גאָר אין מערץ, ערשט דערמאָן איך זיך, אַז עס איז היי־יאָר אַן איבער־יאָר און פורים וועט טאַקע אויספאַלן אין אַפּריל. נו, וואָס זאָגט עץ איצט?

קיינער גלויבט נישט אין ברוכלס ניסים, אָבער קיינער וויל זיי נישט אָפּלייקענען. מען מוז האָבן ניסים, אָן ניסים וועט זיין שלעכט...

עמיץ דערציילט וועגן אַ גרויסער קאָנטר־אָפענסיווע. די דייטשן לויפן צוריק אין בהלה. די דווינע איז פול מיט זייערע פּגרים.

זילבערשטיין לאָזט נישט ענדיקן. מילא, ברוכלס מעשיות נעמט באַלד קיינער נישט ערנסט. אָבער אויסטראַכטן קאָנטר־אָפענסיוועס, האָט דאָך נישט קיין זין. אַז עס איז גאָר פונקט פאַרקערט. אָט האָט איר די צייטונג.

מען לאָזט אים נישט רעדן.

— ער ברענגט ראיות פון די דייטשע צייטונגען, אַ בפירושער „קוריער ווארשאַווסקי", נו?

— אַז דער מענטש האָט ליב די המנס, אַז ער גלויבט אין זייער שמאַטע־צייטונג, ווי להבדיל, אין אַ בפירושער גמרא.

בזשאָזאָווסקי קומט אָן פון גאַס און קומט צו צום רעדל. מען ווייסט, אַז ער האָט אַלעמאָל ידיעות פון ראַדיאָ. ווענדן זיך אַלע צו אים: וואָס הערט מען, בזשאָזאָווסקי?

— וואָס מען הערט? גאַנץ גוט. זיי האָבן גוט אַריינגעכאַפּט. זיי האָבן זיך צוריקגעצויגן אויף זעקס קילאָמעטער.

— אויף זעקס קילאָמעטער? — צעלאַכט זיך זילבערשטיין — זיי נעמען איין הונדערט און ציען זיך צוריק אויף זעקס, און די בהמות האַלטן אין איין שרייען: ס'איז גוט.

— טאָ וואָס ווילט איר, בייזערט זיך ברוכל, מען זאָל פאַרברעכן די הענט, מען זאָל זיך מיאש זיין און חלילה ווי יענע דאָרט, זי זאָל עס מיר מוחל זיין...

בעתן זאָגן „ווי יענע דאָרט", ווייזט ברוכל מיטן פינגער אין אַ ווינקל הויף, דאָרט ליגט אַ פרוי, וואָס האָט זיך נעכטן אַראָפּגעוואָרפן פון פינפטן שטאָק.

דאָס ווילן זיי דאָך, די שונאים, זאָגט אַ שכן. אָבער אַ קרענק וועלן זיי עס דערלעבן! זאָל אפילו געדויערן, חלילה, ביז כ'וויים ווען, עמער אויסהאַלטן. ס'וועט נישט פריער ליכטיק ביז עס וועט גאַנץ פינצטער און ווער עס פאַרברעכט די הענט, ווען די זון גייט אונטער און מיינט, אַז עס וועט שוין קיינמאָל קיין טאָג נישט זיין, דער איז אַ משוגענער...

— אוי, עס וואָלט שוין געמעגט אויפגיין די זון, ס'איז שוין גענוג און גענוג פינצטער, זאָגט אַן אַנדערער שכן. נעכטן האָט פראַנקענשטיין[5]

5) אַ דייטשער זשאַנדאַרם, וואָס דערשיסט יידן ווען ער שטייט אויף דער וואַך ביים געטאָ־טויער.

ווידער דערשאָסן עטלעכע פלאַצוווקאַזשעס[6], בעת זיי זענען נאָך אַ גאַנצן טאָג שווערער האָרעוואַניע צוריקגעקומען אין געטאָ אַריין. היינט האָט מען געכאַפּט ביי דער וואַך עטלעכע קינדער, וואָס האָבן זיך גע־וואָלט אַרויסשמוגלען אויף דער אַרישער זייט, געוואָלט אַהיימברענגען אַביסל קאַרטאָפל אויף שבת. איר האָט באַדאַרפט זען, אונטער וואָס פאַר אַ שמירה, מיט אויסגעשטרעקטע ביקסן, מען האָט די זיבן און אַכט־יאָ־ריקע „פאַרברעכער" אָפּגעפירט אין דער „גענשוווקע[7]".

פּלוצים דערהערט מען אַן אויטאָ דורכפאָרן אין גאַס. אַן אויטאָ אין געטאָ — באַטייט „געשטאַפּאָ". עס פאַרשווינדט פון הויף יעדער לע־בעדיק באַשעפעניש. אַ טויט־שטילקייט נעמט אַרום דעם הויף, ווי אַלץ וואָלט אויסגעשטאָרבן.

שלמהלע גערער רייסט איבער דעם מאָרגן־שיעור, אַ מאַמע פאַר־שטעלט דאָס מויל פון אַ וויינענדיק קינד, אַ געשוואָלענע מיסט־קליי־בערקע פאַרגעסט דעם הונגער און לויפט זיך באַהאַלטן. עס דוכט זיך, אַז אַפילו די טויטע זעלבסטמערדערין האָט זיך פאַרוקט טיפער אין ווינקל. טויט־שרעק בלייבט ווי אַ שווערער וואָלקן הענגען איבערן הויף.

נאָכדעם ווי מען הערט דעם אויטאָ צוריקפאָרן, קומט מען ווידער אַרויס איינציקווייז אין הויף אַריין. איינער שלייכט זיך אַרויס אין גאַס, געוווּיר צו ווערן וואָס עס איז געשען. ער ברענגט באַלד די נייעס: פון נו־מער 59 אַרויסגענומען פיר מענטשן...

— פאַרוואָס? — פרעגט איינער.

— פאַרוואָס? — לאַכט אַן אַנדערער מיט ביטערקייט, „זיי" דאַרפן דען האָבן אַ פאַרוואָס?

דער הויז־שומר עפנט ברייט דעם טויער. עס פאָרט אַריין אין הויף אַן עגלה.

---

6) יידן, וואָס זענען יעדן טאָג אַרויסגעגאַנגען פון געטאָ צו דער אַרבעט ביי די דייטשן.

7) תפיסה אין געטאָ אויף גענשע גאַס.

— ווער איז געשטאָרבן? — פרעגט עמיץ.

— ביי האַראָוויטשן איז געשטאָרבן דער זון, ביי די גלייטמאַנס זענען די נאַכט צוויי געשטאָרבן: גלייטמאַן און זיין טאָכטער. דער זון ליגט נאָך אין גרויסער היץ.

— עס וועט נישט לאַנג געדויערן — מען וועט נישט פרעגן ווער ס'איז געשטאָרבן, נאָר ווער ס'איז געבליבן — רופט זיך אָן א שכן. עס וועט זיין וויניקער אויסצורעכענען. אָט האָט איר אין איין נאַכט — דריי טויטע. די פינף, וואָס מען האָט אוועקגענומען אין לאַגער אריין, קאָנט איר שוין אויך אַראָפּרעכענען. איר זעט דאָך, ווי עס זעט אויס אבראַמאָוויטש נאָך דריי וואָכן זיין אין לאַגער. היינט טיפוס-קראַנקע — זעכצן האָט מען גענומען אין שפּיטאָל אריין. און וויפיל קראַנקע זע־נען נאָך דאָ, וואָס ווילן נישט גיין אין שפּיטאָל אריין און מען זאָגט נישט אויס, אַז זיי זענען קראַנק?...

— וואָס איז דען דער וואונדער? שפּיטאָל איז א זיכערער טויט. דריי־פיר קראַנקע אין איין בעט און איינער, איר זאָלט מיר מוחל זיין, מאַכט אויף דעם אַנדערן.

דער עולם נעמט באַוואונדערן די עגלה: נישט א האַנט־וועגעלע, נאָר א פּאַרמלחמהדיקע עגלה, מיט שוואַרצן טוך, אין פערד געשפּאַנט. נישט יעדער איז היינט זוכה צו אַזא עגלה.

— און אַזוי פרי געקומען... די זעלבסטמערדערין ליגט שוין דעם דריטן טאָג און מען קאָן זיך נישט דערבעטן, מען זאָל זי צונעמען. האָ־ראָוויטשעס זון איז ערשט ביינאַכט געשטאָרבן, ס'איז נאָר טאָג געוואָרן און די עגלה איז שוין דאָ.

— זיין ברודער איז דאָך א מאַכער אין „יודן־ראַט".

— פּראָטעקציע קומט צונוץ אַפילו נאָכן טויט...

די עגלה נעמט אַרויספאָרן. דער עולם באַגלייט זי ביז צום ראָג.

***

— פּאָמעראַנצן, באַנאַנעס, אַנאַנאַסן! — רופט א קוויטשענדיק פרויען־קול. אַז מען פרעגט זי אויף קאַטאָוועס, צי זי האָט טאַקע פּאָ־

מעראַנצן, ענטפערט זי: נאָך בעסערס ווי פּאָמעראַנצן! אָן פּאָמעראַנצן קען מען לעבן, אָבער פּרוווט לעבן אין געטאָ אָן קאַרטאָפל!

— פאַרוואָס פאַרשטייט איר נישט — מישט זיך אריין א שכן — ווען קאַרטאָפל זענען געווען א מאכל, זענען פּאָמעראַנצן געווען — פּאָ־מעראַנצן, אַז היינט זענען קאַרטאָפל־שאָלן א מאכל, זענען קאַרטאָפל — פּאָמעראַנצן.

— שאָלן קויף יאָך, שאָלן, שאָלן!

— „אַ האַנדי, אַ האַנדי, אַ האַנדי!" — פאַרהילכט דעם הויף א שטאַרקע באַס־שטים. דאָס שרייט אזוי א קליין, איינגעדאַרט יידל, ער פאַררייסט זיין גאַל בערדל אַרויף צו די פענצטער און רופט: אַלטוואַרג קויף יאָך, אַלטוואַרג, אַלטוואַרג, האַנדי!

די קאַרטאָפל־שאָלן־קויפערין פּרוווט אים איבערשרייען, אָבער דאָס געלע יידל פּילט זיך תקיף. ער ווייסט, אַז אויב די איינוווינער פון הויף וועלן נישט אויספאַרקויפן צו אים זייער ביסל האָב, וועלן זיי אַליין דאַרפן זוכן קאַרטאָפל־שאָלן.

אין דער זייט שטייט א יינגעלע, וואָס האַלט זיך קוים אויף זיינע שוועך אָנגעשוואָלענע פיס, ער זינגט א ליד. זיין שוואַך קולעכל ווערט פאַרלוירן אין די געשרייען פון דעם געלן הענדלער. אָבער ער טוט דאָס זייניקע. די מאַמע וואָס קאָן שוין נישט גיין, האָט אים געהייסן גיין און זינגען. גייט ער און זינגט.

פּלוצים ווערט דער הויף פול מיט משונהדיקע געשרייען. ס'איז גע־קומען אן אמתער, א פאַרמלחמהדיקער בעטלער. די קאָנקורענץ איז גרויס, מוז מען געבן עפּעס אויסטערלישעס. ער קוקט מיט ביטול אויף די ניי־אויפגעקומענע בעטלער. זיי זינגען לידער און בעטלען אזוי שלי־מזלדיק. וועמען ליגן היינט אין קאָפּ לידער און וואָס פאַר א יחסן איז א הונגעריקער... ע ר , מאַכט עס פאַכמעניש. ער גייט נישט, נאָר ער קריכט אויף אַלע פיר. ער רעדט נישט, נאָר ער ריטשעט ווי א געקוילע־טער אָקס. אַז מען הערט אַזאַ געיאָמער, גייט מען צו צום פענצטער א

קוק טון און אז מען איז שוין ביים פענצטער — וואַרפט מען שוין עפּעס אַראָפּ.

**
*

איך האָב אָפּגענומען אַ ברויט אויף די באַנעס. כ'וועל עס לאָזן אויף שבת. כ'פאַרשטופּ עס ערגעץ טיף אין דער שאַנק, עס זאָל נישט רייצן דעם אַפּעטיט. איך זעץ זיך אַוועק צום אָנבייסן. כ'שלינג אַן חשק די קאַרטאָפל־זופּ. דאָס ברויט אין דער שאַנק נעמט אַוועק דעם טעם פון דער זופּ.

— „אַ פּערטעלע וועל איך היינט אויפעסן" — באַשליס איך. כ'גיי צו צו דער שאַנק נעמען דאָס ברויט. דערוויל קלאַפּט מען אין טיר.

עס קומט אַריין בלווישטיין. ער נעמט רעדן וועגן וועטער, וועגן טי־פוס. איך זע, אַז עס דריקט אים עפּעס, נאָר ער שעמט זיך וועגן דעם צו רעדן.

— בלווישטיין, זאָג איך צו אים, דיר ליגט עפּעס אויפן האַרצן. מיר זענען דאָך אַלטע פריינט, זאָג, אפשר וועל איך דיר קענען העלפן.

בלווישטיין לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ און זאָגט ענדלעך:

— דו ווייסט דאָך, מיין יאָסעלע איז, נישט היינט געדאַכט, שווער קראַנק געווען. איך האָב באַדאַרפט האָבן געלט, האָב איך פאַרקויפט די באַנעס. מילא, נישט קיין אומגליק. מען קען מיט זופּ אויך לעבן. אָבער היינט איז מיין פרוים געבוירנטאָג. איך האָב שוין געהאַט פאַרשידענע צייטן אין לעבן. דו ווייסט דאָך: אַמאָל אויפן פערדל, אַמאָל אונטערן פערדל, אָבער שטענדיק איז דער טאָג געווען ביי מיר יום־טוב. ס'גייט מיר ממש אין לעבן אויך היינט אַריינצוברענגען אַביסל יום־טוב אין שטוב אַריין. אַמאָל האָט מען געמאַכט בעלער, וואָס קען איך היינט מאַכן? האָב איך געוואָלט ברענגען אַ שטיקל ברויט צום מיטיק... אויב דו וואָלסט מיר געקענט באָרגן אַ האַלב ברייטל...

איך שנייד אָפּ אַ האַלב־ברייטל און דערלאַנג עס אים. ער נייט אַרויס פון שטוב און זאָגט מיט פרייד: ס'וועט זיין אַ יום־טוב...

אין הויף ווערט א טומל. א פרוי קומט צולויפן פון גאס, ברעכט מיט די הענט: ווײ איז צו מיר, ווײ איז צו מיר!

— וואס איז געשען? — פרעג איך א שכן, וואס לויפט פארביי מיין פענצטער.

— דער פאוויאק־אויטא!8) — באקום איך אן ענטפער.

איך גיי ארויס אין גאס. אויף דער ערד ליגט בלוישטיין מיט א צעשפאלטענעם קאפ. פון פארבייפארנדיקן פאוויאק־אויטא האט אים א דייטש דערלאנגט מיט אן אייזערנעם דראנג. לעבן אים ליגט דאס האלבע ברייטל א פארבלוטיקטס.

ס'וועט קיין יום־טוב נישט זיין...

***

נעכטן האט מען אויף די באנעס געגעבן זויער־קרויט. ס'איז געווען פארפוילט. ווער ס'האט נישט געהאט עפעס בעסערס, האט עס געגעסן, טייל האבן עס ארויסגעווארפן אויפן מיסט. א מיסט־קלייבערקע געפינט דעם אוצר, פארשיט מיט מיסט און פארגאסן מיט צואה. דאס ערגערע קלייבט זי גלייך אין מויל אריין, דאס בעסערע לייגט זי אין א טעפל אריין, צו נעמען אהיים.

די קינדער אין הויף, ווארפן אין איר שניי־קולן און שרייען: משוגענע! די מיסט־קלייבערקע לייגט דערויף נישט קיין אכט, קלייבט ווייטער. זי האט, ווייזט אויס, מורא, עס זאל נישט קומען נאך עמיצער און זיך אויך צוכאפן צו דער מציאה. ווי זי וואלט נישט געהערט דאס זידלען, נישט געפילט די קלעפ פון די שניי־קוילן, — זי טוט דאס איריקע. ערשט ווען זי האט שוין אלץ אויפגעקליבן און פארפאקט, שטעלט זי זיך אויף און שרייט מיט א הייזעריק קול: משוגענע? אז משוגע זאלט איר

8) דער „פאוויאק" — די גרעכטע ווארשעווער תפיסה, האט זיך געפונען אין געטא. יעדעס מאל וואס די דייטשן זענען פארבייגעפארן מיט דעם תפיסה־וואגן די געטא־גאסן, האבן זיי איבערגעפארן און צעשלאגן די פארבייגייער וואס זיי האבן אנגעטראפן.

ווערן. עס זאָלט קומען אויף מיין מעמד און אַזוי געשוואָלן ווערן, ווי מייַ-נע קינדער, וועט עס וויסן, וואָס עס הייסט משוגע!

שעלטנדיק גייט זי אַרויס פון הויף.

אין הויף שלעפּט זיך אַריין אַ געשוואָלענע פרוי. איר געשווילעכץ האָט דערגרייכט אומגעהויערע משונהדיקע פאָרמען. איר גוף איז באַ-דעקט מיט וואַסער־בלאָזן, טייל זענען אויפגעפּלאַצט און אייטערן. עס שלעפּן זיך נאָך איר צוויי לאַנגע, שמאָלע, איינגעטריקנטע קינדער. די פרוי בעט: יידן, בני רחמנים, האָט רחמנות אויף מיינע קינדער! דער טאַטע איז אין אַ לאַגער, רעכנט שוין מיך נישט פאַר קיין מאַמע. שענקט עפּעס פאַר די צוויי לעבעדיקע יתומים!

די קינדער שטייען שטום, גלייכגילטיק. זייערע אויגן, טיף אין קאָפּ, זענען מאַט און פאַרבלאָז. זיי שטייען אויסגעלאָשענע, אָן כוחות. זיי וואָלטן זיך גערן אָוועקגעלייגט אין „פּונקט", אויף דער נאָרע, געשלאָסן די מידע אויגן, געלעגן אַזוי ביז צום סוף... אָבער די מאַמע צווינגט זיי צו גיין פון הויף צו הויף, שלעפּן זיי זיך אויף די דינע, שלאַבערדיקע פיס און קוקן אויס די נאַכט, זיי זאָלן זיך שוין קענען אַוועקלייגן. ווארפט מען פון אַ פענצטער אַרויס אַ שטיקל ברויט, קענען זיי עס נישט צע-קייען. אַלע ציין זענען ביי זיי אַרויסגעפאַלן און די קינען האָבן נישט קיין כוח זיך צו באַוועגן...

***

ווידער עפנט דער הויז־שומר דעם טויער. צוויי יונגען שלעפּן אַריין אין הויף אַ שוואַרץ האַנט־וועגעלע. זיי לייגן אַריין די זעלבסטמערדעריין, פאַרשווינדן אין דעם אַריינגאַנג, וווּ עס וווינען די גלייטמאַנס. שכנים גייען מיט און טראָגן אַרויס גלייטמאַנען. די פרוי גלייטמאַן זיצט ווי פאַרגליווערט. ווען מען וויל נעמען די טאָכטער, שפּרינגט די פרוי גלייט-מאַן אויף, וואַרפט זיך אויף דעם מת, לאָזט אים נישט אַרויסטראָגן. זי ראַנגלט זיך מיט די שכנים און שרייט: צי איז געהערט געוואָרן זינט די וועלט שטייט, אַ טאַטע זאָל מיטנעמען די טאָכטער?!

נאָכן אַרויסטראָגן די מתים קערן זיך אום אין הויף שלמה כץ מיט די זין. זיי זענען כהנים. זיי מוזן אַוועק פון דער היים, — אונדזער הויף באַווינט פון כמעט בלויז קבצנים, איז שטענדיק דאָ אַ מת. זיי דרייען זיך מיינסטנס אין גאַס. היי־יאָריקן ווינטער איז שווער צו געפינען אין געטאָ אַ הויף, וווּ עס זאָל נישט זיין קיין מת. זיי באַווייזן קוים אַריינ־צוגיין אין זייער וווינונג, לויפן זיי ווידער אַרויס אין בהלה: שוין ווידער עמיץ געשטאָרבן.

***

איך ליג אַוועק אַ שטיקל ברויט פאַר דעם „טרייסטער". עס פאַלט שוין צו די נאַכט, ער איז נישטאָ. נעכטן האָט ער שוין קוים די פיס געשלעפּט. ווער ווייסט, צי ער וועט נאָך קומען.

יעדער פון די זינגער און בעטלער רעכנט אויס זיינע צרות: דער טאַטע איז קראַנק, דאָס ווייב איז געשוואָלן, די קינדער גייען אויס פאַר הונגער. ער האָט נאָר געטרייסט:

— יידן, וואָס האָט עץ אַראָפּגעלאָזט די נעזער? עץ מיינט די וועלט גייט שוין אונטער? איך זאָג ענק, יידן, די ישועה איז נאָענט! איצט איז טאַקע ביטער, אָבער אַ ליאַדע טאָג וועלן מיר אויסגעלייזט ווערן.

געזאָגט אַ פּאָר טרייסט־ווערטער, אַריינגעוואָרפן אויך אַ בשורה פון פראָנט, און נאָכדעם געזונגען:

אויב נישט קיין אמונה אין גאָט ברוך הוא,
וואָזשע טויג מיר אַלץ וואָס איך טו?
וואָזשע טויג מיר אַלץ וואָס איך טו?
אויב נישט קיין בטחון אין זיין גאולה,
לוינט נישט צו לעבן אַ רגע אפילו.

די המנס קומען און גייען אַוועק,
גאָטס רחמנות איז אָן אַ ברעג,

האפט ווען ס׳קומט אמאל א שטראף,
אז ס׳פארלאזט נישט א פאסטעך זיינע שאף.

טא לעבדיק, יידן, דעם קאפ אין דער הויך,
עס קומט א ישועה פאר אונדז טאקע אויך,
זינגט א זמרל, בלייבט נישט שטום,
אוי, השם, הוא אלוקים!

געענדיקט זינגען, האט ער געזאגט:

— ליבע יידן! איך בין נישט געשטארבן, מיין ווייב איז נישט קראנק און מיינע קינדער זענען נישט געשוואלן, דאך ווילן מיר אויך עסן. האט עץ אן איבעריק שטיקל ברויט, טא ווארפטס אראפ. האט עץ נישט, — האב איך צו ענק נישט קיין טענות, זאל ענק גאט העלפן.

כ׳הער, ס׳איז עמיץ אריינגעקומען אין הויף. לויף איך צו צום פענצטער, כ׳וואָרט מיט אומרו אויף דעם טרייסטער. ער קומט נישט. צי וועט די טרייסט יא קומען?...

אט איז ער. קוים וואס ער שלעפט די געשוואלענע פיס, קוים וואס ער אטעמט. ער שטעלט זיך אנטקעגן מיין פענצטער. זילבערשטיין גייט פארביי, ער קוקט אן דעם „טרייסטער" און זאגט: שיין זעט אויס די טרייסט, אז אזוי זעט אויס דער טרייסטער.

— ניין, ליבע יידן, רופט זיך אן דער „טרייסטער", אייער טרייס־טער בין נישט איך, אייער טרייסטער איז גאט. נחמו, נחמו עמי יאמר אלוקיכם, און אז ער וויל, אוי, יידעלעך, אז ער וויל...

— זיי האבן טאנקעס און מיר האבן טרייסטערס, זאגט זילבער־שטיין, גיט א שפיי און לויפט אריין צו זיך אין שטוב.

— כ׳האב אמאל געזען, זאגט דער „טרייסטער", ווי א שפין האט אנגעהארעוועט א גאנצן טאג און פארשפינען א גרויסן נעץ ביי מיין פענצטער. א פליג האט זיך טאקע באלד פארפלאנטערט אין דעם שפין־נעץ. וואס מער זי האט זיך געריסן ארויס, אלץ מער האט זי זיך פאר־

פלאָנטערט, — די פיסלעך, די פליגעלעך. ווען זי האָט שוין גאָרנישט געהאַט מיט וואָס זיך צו ווערן, האָט די שפּין גענומען צוגיין מיט זיכערע טריט צו איר קרבן. אָבער איך בין געשטאַנען און געהיטן. אין דער לעצטער מינוט האָב איך גענעבן אַ בלאָז, און דאָס גאַנצע שפּינוועב איז זיך צעפלויגן. די פליג האָט זיך באַפרייט, די שפּין האָב איך צעטראָטן, אַז עס איז קיין זכר פון איר נישט געבליבן.

טייערע, ליבע יידעלעך! זיי האָבן טאַנקעס, מיר האָבן אַ גרויסן גאָט און לא ינום ולא יישן שומר ישראל, אונדזער גאָט שלאָפט נישט, ער וואַכט און היט, ער דאַרף נאָר געבן איין בלאָז און אויס מיט די טאַנקעס און מיט זייער גאַנצער גבורה. איר זעט מיינע פיס? זיי זענען געשוואָלן, אָבער איך גיי אויף זיי זיכערער ווי אויף אַ טאַנק, איך האָב אַ גוטן אָנלען, כ'לען זיך אָן אין גאָט.

— פון אייער בטחון ווערן אייערע קינדער זאַט? פרעגט זילבערשטיין דורכן פענצטער.

— מיינע קינדער זענען טאַקע הונגעריק, ענטפערט דער „טרייסטער". זיי זענען געשוואָלן פון הונגער. גיט ער שטיל צו. — נו, מילא, וואָס בין איך עפּעס אַ יחסן ביי גאָט? אַז עס איז געקומען אַ שטראָף אויף אַלע יידן, בין איך אויך אברהם אבינוס אַן אייניקל. גיט מיר גאָלדענע בערג כ'זאָל מיין זיידן איינטוישן אויף, להבדיל, אַ ריינעם אַריער, חלילה! ווי זאָגט מען עס? אַ ייד בין איך געווען, אַ ייד וועל איך זיין און לאָמיר טרינקען וויין.

עס זאָגט זיך אַזוי: ווייַן, — מען טרינקט זיך אין צרות, אָבער צו גאָט האָב איך קיין טענות נישט. ער ווייס וואָס ער טוט, ער ווייס וואָס ער וויל.

דער „טרייסטער" פאַרקייכט זיך אין אַ הייזעריקן הוסט, ער האָט שוין נישט קיין כוח מער צו רעדן, ער האָט שוין נישט קיין כוח אויפצוהייבן דאָס שטיקל ברויט וואָס איך וואַרף פאַר אים אַרויס. גיי איך אַרויס אין הויף, הייב אויף דאָס שטיקל ברויט פון דער ערד און לייג עס אים אין טאַש אַריין. מיט אונטערגעבראָכענע טריט שלעפּט ער זיך אַרויס פון הויף.

עס קומט אַריין אין הויף אַ הויכער ייד מיט אַ לאַנגער ווייס-זיידע־נער באָרד, טונקעלע, טרויעריקע אויגן, אַן איידל און קלוג פּנים פון אַ תּלמיד־חכם. ער שטעלט זיך אַוועק אין דער מיט פון הויף, קוקט שטום אויף די פענצטער און רעדט נישט קיין וואָרט. פון עטלעכע פענצטער באַמערקט מען אים און מע וואַרפט אַרויס מטבעות. דער ייד קלייבט זיי צונויף. ער קומט נאָענט צו מיין פענצטער, איך זע אין זיינע אויגן אַזאַ טיפן צער, אַז כ׳שוידער אויף. אין אַ פענצטער אַנטקעגן דערזע איך שבת־ליכט. איך פאַרשטיי שוין אַלץ: גרויס מוז זיין די נויט, וואָס האָט גע־צוווּנגען דעם ייד שבת צו בעטלען און צו נעמען געלט.

דער הויז־שומר שליסט דאָס טויער. ס׳איז נאָך פאַר דער פּאָליציי־שעה. אָבער אַז דאָס טויער איז צוגעשלאָסן, פילט מען זיך אַביסל זי־כערער. אייגענע קלינגען אין טויער לויט אַן אָפּגערעדטן צייכן. אַז מען הערט אַ פרעמדן קלונג, קען מען באַווייזן זיך צו באַהאַלטן.

געשטאַלטן שלייכן זיך איינציקווייז איבערן הויף. טייל גייען צום לעצטן אַריינגאַנג. דאָרטן וווינט בזשאָזאָווסקי. מסתּמא אַ געהיימע פאַר־זאַמלונג. אַנדערע גייען צו שלמהלע געווער אין קעלער אַריין, מקבל־שבת זיין מיט מנין.

אַ שווערע מרה־שחורה הענגט ביי שלמהלען אין שטוב. שלמהלעס יינגל, יאָסעלע, האָט זיך אַריבערגעשמוגלט אויף דער אַרישער זייט. גע־וואָלט ברענגען אַביסל קאַרטאָפל אויף שבת. ער האָט שוין לאַנג גע־דאַרפט זיין צוריק. ער איז נאָך נישטאָ. די מוטער איז אַרויס אים אָפּ־וואַרטן. זי קומט אויך נישט צוריק. שלמהלע דרייט זיך אַ צערודערטער אַרויף און אַראָפּ איבער דער ענגער קעלער־שטוב. פּלוצלינג לויפט ער צו צום פענצטער, בייגט אַוועק אַ שטיקל פּאַפּיר־ראָלעט און דערזעט אַז עס איז שוין טונקל: יידן, מען דאַרף מקבל־שבת זיין: — יאַנקל, ברוך, גייט עמיץ צו צום עמוד.

ס׳איז שוין נאַכט. דאָס קינד איז נישטאָ. עס איז זיכער אַן אומ־גליק געשען, דערוועגט זיך קיינער נישט צוגיין צום עמוד.

—ס׳איז שבת, ענטפערט שלמהלע אויף אַלעמענס שווייגן, גייט

אליין צו צום עמוד און רופט אויס: לכו נרננה לאדוני, נריעה לצור ישענו.

עולם נעמט דאווענען, אבער די אויערן זענען אויפגעשפיצט צום טויער. מען דערהערט ענדלעך א היימישן קלונג, א סקריפ פון טויער. עס לויפט עמיץ איבערן הויף, איבער די טרעפ צום קעלער. די טיר פראלט זיך אויף, שלמהלעס ווייב פאלט אריין מיט געוואלדן: מיין יאַ־סעלע, ווי איז מיר, מיין יאסעלע.

— וואס איז געשען? — לויפן אלע צו צו איר.

— זי קוקט אויף אלע מיט צעמישטע בליקן „ווי איז מיר, ווינד איז מיר, מיין יאסעלע", הערט זי נישט אויף שרייען.

פון דעם יינגל, וואס איז געווען צוזאמען מיט יאסעלען, דערוויסט מען זיך וואס עס איז געשען.

— געווען א ביטערע וואך, נישט מעגלעך געווען אריבער די בראַ־מע9). איז מען געגאנגען צו די דראטן10). איך בין שנעל אריבער, יאַ־סעלען האט זיך פארטשעפעט א הויז, א זשאנדארם האט דערזען און גע־שאסן.

ערשט איצט קומט שלמהלעס ווייב צו זיך, דערציילט און כליפעט:

— כ'שטיי קעגנאיבער דער בראמע. איך קוק צו אים און ער קוקט צו מיר, א דרייסיק טריט סך־הכל, אבער די גזלנים שטייען אין דער מיט.

— ווי זע איך אים שוין אויף דער זייט, זאג איך צו מיר, מער לאז איך אים נישט גיין. עט נישט זיין צו עסן — עט מען אויסגיין, אויב דער אין הימל וויל אזוי. איך קוק מיר אויס די אויגן, ס'זאל אנקומען עפעס א פלאצווקע צו דער בראמע, די זשאנדארן זאלן זיין פארנומען, אבער א נעבעכדיקער טאג. אלץ ווייסט שוין, אז די זשעלאזנע „ברענט"11), קיינער קומט נישט אהער און דאס קינד קען נישט אריבער. כ'ווארט,

9) געטא־טויער.

10) אויף דער צעגלאנע און קראכמאלנע גאס איז דער צום צווישן געטא און דער ארישער זייט געווען פון שטעכיקן דראט. דעם טייל צום האט מען אין געטא גערופן „די דראטן".

11) ביים טויער אויף זשעלאזנע איז א שלעכטע וואך.

כ'ווארט, ערשט דערזע איך, ס'איז שוין טונקל. ווי איז צו מיר: כ'האב דאך קיין ליכט נישט געצונדן. לויף איך שנעל אהיים ליכט צינדן, אפשר אין זכות פון הייליקן שבת. כ'קום צוריק, — ער איז שוין נישטא. פרעג איך מענטשן: צ'האט נישט געזען צי א יינגעלע איז אדורך. לאכן זיי פון מיר: ס'ברענט א פייער! די וואך האט זיך געטוישט, אבער עס איז געקומען נאך אן ערגערע. אפשר איז ער געגאנגען צו די „דראטן". כ'לויף אהין. יאסעלע שפרינגט גראד צו צו די דראטן. ער ווארפט אריבער די פיסלעך. נאך א מינוט און ער וועט דא זיין. האבן זיך די הייזלעך פאר־טשעפעט אין די דראטן און ער קען זיך נישט אפרייסן. כ'לויף צו, כ'וויל אים העלפן, פאלט א שאס. א מיליציאנט שלעפט מיך צוריק. ווי איז צו מיר! מיין יאסעלע, מיין יינגעלע! ר'האט אזא צאפל געטון, א פאך געטון מיט די הענטלעך, אן אונטערגעשאסן פייגעלע. מיין יאסעלע! מיין יינגע־לע! ווי איז מיר!

שלמהלעס ווייב וויינט, אלע שווייגן, שלמהלע שטייט ביים טיש א געבויגענער, טרערן קייקלען זיך פון די אויגן איבער דער בארד, פאלן אויפן ווייסן שבתדיקן טישטעך. פלוצים גלייכט ער זיך אויס און זאגט: יידן, ס'איז שבת, שבת טאר מען נישט טרויערן. ער גייט ווידער צו צום עמוד און זינגט מיט א געשטיקט קול: בואי בשלום עטרת בעלה, גם בשמחה ובצהלה. דאס געזאנג באגלייט א פארשטיקט כליפען פון זיין ווייב.

***

ווידער א גערודער אין הויף. באלד ווערט שטיל. דער הויז־שומר רופט אויס:

— פון דער מיליץ האט מען געהייסן ווארענען: אויב אלע די וואס האבן באקומען רוף־צעטלען צו גיין אין די ארבעטס־לאגערן, וועלן זיך נישט צושטעלן ביז מארגן צוועלף, וועט מען מיט געוואלד נעמען פון יעדן הויף אזא צאל מענטשן ווי מען האט גערופן.

אלע ווייסן וואס ארבעטס־לאגער באטייט: א פאמעלעכער טויט

ביי הונגער, שווערע פּראַצע. אַלע פּאַרשטייען, אויב מע גיט צייט ביז מאָרגן צוועלף, הייסט עס, אַז מען וועט נאָך היינט ביינאַכט נעמען פון די בעטן. אַ בהלה. ווער עס ליגט שוין אין בעט, טוט זיך שנעל אָן, מען נעמט זוכן ווו זיך צו באַהאַלטן.

שלמהלע געוערם ווייב דערהערט די נייעס, שפּרינגט זי צו צו איר עלטערן זון לייבל.

— לייבל קרוין, איינציקער קדיש מיינער, באַהאַלט זיך שנעל. דיך וועט מען דעם ערשטן נעמען, דו האָסט דאָך באַקומען אַ „פּאָוואָלאַניע" (רוף־צעטל). לייבל, האָב רחמנות, באַהאַלט זיך!

שלמהלע געוער שפּרינגט אויף, נעמט זיך דרייען אַרויף און אַראָפּ איבער דער שטוב, שטעלט זיך פּלוצים אָפּ ביי לייבלען, לייגט אים אַרויף די האַנט אויפן אַקסל און זאָגט: לייבל, דו האָסט געקראָגן אַ „פּאָוואָלאַניע". אַז דו וועסט זיך באַהאַלטן, וועט מען נעמען עמיץ אַנדערש אויף דיין אָרט. אין אַזאַ פאַל האָט רבא געזאָגט: „מה חזית דדמיך סמיק טפי, פאַרוואָס מיינסטו, אַז דיין בלוט איז רויטער (בילכער) ווי דאָס בלוט פון אַן אַנדערן יידן.

דאָס ווייב רייסט זיך די האָר און שרייט: גזלן! דאָס לעצטע קריש־קינד, דער איינציקער קדיש!

— לייבל — זאָגט שלמהלע ווייטער — גאָט פּרווט אונדז אויס מיט שווערע נסיונות. מירן אויסהאַלטן. ס'איז מלחמת גוג ומגוג, מ'זעט דאָך באַשיינפּערלעך, אַז דאָס זענען שוין טאַקע די לעצטע צרות פאַר דער גאולה. אַז גאָט וועט וועלן, וועט מען דערלעבן בן־דורן, אַז ר'עט חלילה נישט וועלן, עט נישט העלפן קיין באַהאַלטן, טאָ פאַרוואָס פאַלן מיט אַ מיתה משונה, ווען מען קען האָבן די זכיה צו גיין אויף קידוש השם?

— ג־ז־ל־ן! — שרייט אויס שלמהלעס ווייב — גזלן, דאָס לעצטע קינד שיקסטו אַוועק.

— באַרואיק זיך, מאַמע, — רופט זיך אָן לייבל, — האָט דאָך אברהם אבינו געפירט יצחקן צו דער עקדה און אין דער לעצטער רגע

האָט השם יתברך מוותר געווען אויף דעם קרבן, גאָט איז אַן אל רחום וחנון.

— געלויבט השם יתברך, אַז איך האָב דערלעבט דיך צו זען אַזעלכן! — רופט אויס שלמהלע. שטעל דיך אויף, מיין ווייב, פאַר דיין זון, רבי לייבל, און בעט אים, ער זאָל דיך בענטשן.

***

מיר ליגן אַלע, יונגע מענער פון הויף, צוזאַמענגעקוועטשט אין אַ קליינעם קעלער. אַ טויט־שטילקייט הערשט אַרום. רייסט זיך ביי וועמען אַרויס אַ קרעכץ, וואָרענען אַלע: ששש... ששש... די נאַכט איז שרעקלעך לאַנג, אַן האָפענונג לאַנג. פון דער הויך דערטראָגט זיך דאָס געוויין פון אַ קינד און דער טרויעריקער גמרא־ניגון פון שלמהלע גערער און זיין צ׳׳ל.

געטאָ וואַרשע, פעברואַר, 1942.

בער-לעפּ

— אין סאָכאַטשאָוו נעמט דער ערל אַנדערטהאַלבן זלאָטעס פון א פּאָדקאָווע, און אונדזער וואָווע קאָן נישט אַנדערש באַשטיין נאָר א זלאָטע מיט פּופּציק, — באַקלאָגט זיך בער־לעפּ.

דאָ אין שטעטל גייט בער־לעפּ נאָר צו וואָוען, דעם יידישן קאָוואַל. ער האָט הנאה צו קוקן ווי וואָוועס פּאַרריסטע יאַטלעך קריכן אַרום איבער דער קוזניע, שפּילן זיך מיט אַלטע רייפן פון צעבראָכענע רעדער, פּירן צווישן זיך א האנדל מיט אַלטע, אויסגעטראָטענע פּאָדקאָוועס. דאָס פערד, וואָס בער־לעפּ האָט געברענגט צופירן, בינדט ער צו צו א בוים ביי דער קוזניע, און אַליין זעצט ער זיך צו אביסל א שפּיל טון מיט דער חברה קונדסים. ער טיילט די קינדער גראָשנס אויף צוקערלעך. דאָס קליינוואַרג קריכט צו אים אויף די קני, צופּן אים די שטייפע האָר פון דער באָרד; בער־לעפּ פאַרגעסט אינגאַנצן, אַז געקומען איז ער גאָר קאָוועןן א פערד, ביז חנה, זיין ווייב, קומט צולויפן מיט א געשריי: — ווו ביסט עס פאַרפאַלן געוואָרן, מען דאַרף שוין שפּאַנען. דאָס פערד אין דרויסן גיט א הירשזע, ווי עס וואָלט צוגעהאָלפן חנהן אויסטענהן זיך. בער־לעפּ בינדט עס אָפּ פונעם בוים, הייבט אונטער דעם פערדס א פוס און רופט: — וואָווע, קאָווע!

טיילן געלט די קינדער בחנם, דאָס יאָ, אפילו א גאַנצן זלאָט מיט פּופּציק. אָבער וואָווע זאָל פון אים נעמען מער וויפל ס'קומט אים, דאָס נישט. ער, בער־לעפּ, האָט פיינט, אַז מען נאַרט אים אָפּ. א געריבענער ייד אָט דער קאָוואַל, ער ווייסט, אַז בער־לעפּ קאָן נישט רעכנען, וויל ער ביי אים אויסנאַרן מער. אָבער דאָס מאָל געדענקט בער־לעפּ גאַנץ גענוי: דער גויאישער קאָוואַל האָט פאַרלאַנגט אַנדערטהאַלבן זלאָטעס, און וואָווע וויל נישט ווינציקער ווי א זלאָטע מיט פּופּציק.

וואָווע גיט בער־לעפּן צו פאַרשטיין, אַז אַנדערטהאַלבן זלאָטעס איז פּונקט אַזויפיל ווי א זלאָטע מיט פּופּציק, אָבער בער־לעפּ איז נישט אַזא נאַר, ער זאָל דערין גלויבן. אַז חנה זאָגט אים שפּעטער דאָס זעלביקע

וואָס וואָוּע, ווערט בער־לעפ שוין אינגאַנצן מטושטש. ביינאַכט אויפן געלעגער טראַכט ער נאָך אַלץ נאָך: ווי איז עס מעגלעך ס'זאָל זיין דאָס זעלבע, אַז דאָס איז אַנדערטהאַלבן, און דאָס אַנדערע איז גאָר אַ זלאָטע מיט פופציק?

בער־לעפ איז אַ בעל עגלה, דער רייכסטער בעל עגלה אין שטעטל. אַ גראָבער קאָפ, קען זיך נישט אויס אויף אַ מטבע, און האָט אַזאַ מזל, אַז אַלע פאַרשוינען לויפן דווקא צו אים. פאַראַן אין שטעטל אַ פינף בעל עגלהס, וואָס פירן פאַרשוינען צו דער באַן קיין סאָכאַטשאָוו, אַלע אָבער רייסן זיך צו בער־לעפן. ערשט ווען אין בער־לעפס בריטשקע איז שוין מער קיין פּלאַץ נישטאָ, גייט מען צו אַן אַנדער וואָגן.

וואָס אַן אמת, דער בער־לעפ האָט אַ פּאָר סוסים ווי די לייבן; זיין בריטשקע איז תמיד ריין אָפּגעשייערט, די רעדער גוט געשמירט, קיין סאָכאַטשאָוו קומט ער שטענדיק דער ערשטער. אָבער ווידער די אייגענע מעשה: אַז די בריטשקע איז אָנגעפּראָפּט מיט פאַרשוינען, קאָן מען געבן די פערדלעך צו עסן פון שענסטן און בעסטן. סוסים, וואָס פרעסן לויטער היי און האָבער, קאָנען טאַקע פליען ווי די אָדלערס; ווייטער, באַלעקן און באַשמעקן די בריטשקע, אַרומשפּילן זיך מיט איר גאַנצענע טעג, דאָס קאָן אויך קיינער נישט, נאָר בער־לעפ. וואָס האָט ער דען עפּעס אַנדערש צו טון, ווען ער קומט אַהיים? זיך שפּילן מיט די קינדער, וואָס ער האָט נישט?

בער־לעפ האָט נישט קיין קינדער.

חנה, בער־לעפס ווייב, איז אַ גאַנצע קענערקע; ווי אַ וואַסער דאַווענט זי פונעם סדור און אפילו פונעם יום־טובדיקן מחזור. זי קען נאָך אַ סך אַנדערע זאַכן, וואָס נאָר „סחידים" קענען עס. דערצו איז זי אַ גאַנצער „ביכעזשבון" (בעל חשבון), ווי בער־לעפ באַרימט זיך. ער, בערל, ווייסט נישט וויפל זיך הייסן געבן פאַר איין „יאַזדע" (נסיעה), און זי, זי גיט אַ צייל איבער די פינגער, שטעלט צונויף די פינגער פוןביידע הענט, און האָט גלייך דעם מקח פאַר די יאַזדעס פון אַ גאַנצער וואָך. זי, חנה, פירט עס טאַקע אַלע געשעפטן, סיי פון דער בריטשקע, וואָס פירט פאַרשוינען קיין סאָכאַטשאָוו, סיי פונעם לאַסטוואָגן, וואָס פירט סחורות קיין וואַר־

שע און פון וואַרשע; זי נעמט דאָס געלט ביי די פּאָרער, מאָנט אויף פאַר דער געשיקטער און געבראַכטער משא, באַצאָלט די פּאַשע פאַר די פערד, צאָלט אויס די שכירות מאַטשעקן, דעם שמייסער, וואָס פירט דעם לאַסטוואָגן, ווען בער־לעפּ פירט די בריטשקע, און — די בריטש־קע, ווען בער־לעפּ פירט דעם וואָגן.

און וואָס איז זיך דען דאָ צו חידושן! חנה שטאַמט דען פון „אָר־טשיקעס" ווי ער, בער־לעפּ? איר טאַטע ליוועשאָלעם (עליו השלום) איז געווען לייזער־וואָלף דער מלמד. איר מאַמע, זאָל זיך מיען, איז געווען ביילע־סערל די טיקערן. איז חנה טאַקע אויסגעוואַקסן אַ קאָפּ — אַ מי־ניסטער. היינט איר בריהשקייט! אירע קוגעלעך, אירע צימעסלעך, אירע געפילטע העלדזעלעך, — נאָר די פינגער צו לעקן; דערצו האָט זי גלאַט גילדענע הענט; נייט אַליין פאַר זיך די קליידלעך, נייט אויס טישטעכ־לעך, קישעלעך, אַט ווי דער פויגל פליט אין דער לופטן — אַזוי נייט זי אים אויס.

בער־לעפּ איז טאַקע אַן „אָרטשיק" — אַ גראָבער קאָפּ, אָבער ער ווייסט ווי צו שאַצן אַזאַ איידל קינד ווי זיין חנה. פאַר איר איז אים פון פויגל־מילך נישט צו טייער. חנה קאָכט אָפּ אַ באַטעמט העלדזל און דערלאַנגט עס בערלען. אַזש דאָס מויל ווערט פול מיט סלינע בלויז פון קוקן. אָבער איידער נאָך ער רירט זיך צו צום מאכל, דערלאַנגט ער חנהן אַ שטיקל. חנה, ווי שטענדיק, וויל נישט עסן, זי האָט נישט, זאָגט זי, קיין אַפּעטיט. בערל פאַרשטייט נישט, וואָס ס'הייסט נישט האָבן קיין „פּעטיט". טשיקאַוונע באַשעפענישן די „ניידעלע" מענטשן: קאָנען נישט עסן, קאָנען נישט שלאָפן. אַז אַ פערד קאָן נישט עסן, איז עס חולה. ער, בערל, קאָן שטענדיק עסן, דערצו נאָך אַ געפילט העלדזל, וואָס צעגייט אין מויל. און וואָס איז דאָ נישט צו קאָנען? מען לייגט אריין אין מויל אריין און מען קייט — עסט מען; מען לייגט זיך אַנידער און מען מאַכט צו די אויגן — שלאָפט מען. און אפילו ווען מען לייגט זיך נישט צו, לאָמיר זאָגן, ווען מען זיצט אויף דער קעלניע, די לייצעס אין דער האַנט, די פערד שפּאַנען פון זיך אַליין איבערן באַקאַנטן שליאַך, נו, שליסן זיך די אויגן און מען כאַפּט אַ דרימל. אָבער ווי קומט עס אַלץ

צו א העלדזל! דאס הייסט דען אויך געגעסן? ער הייסט איר דען עפעס אריינהאקן א קעלבערנע ברוסט, אט ווי ער טוט עס? ס'איז דאך נישט מער ווי א גענדזן־מעגעלע, א פיצעלע, א נויקיצל, קיי און שפיי, אויף איין צאן. חנה איז אבער איינגעשפארט: זי קאן נישט. באשווערט זי בערל: — א ניש זאל איך דא די נכפה קריגן, אניש זאל איך דא איינגעזונקען ווערן אויפן ארט, צי ד'עסט נישט עסן! חנה דערשרעקט זיך פאר די קללות, און גיט „א לעק" פונעם העלדזל.

אז פרנסה איז פאראן און שלום־בית אויך, וואלט דאך געווען א פרייד ס'זאל צוקומען א נפשל אין שטוב, איז אבער נישט באשערט סיין פולער נחת. א יאר נאך א יאר גייט פארביי, אויסגעוועזן שוין ביי אלע גוטע יידן און, להבדיל, ביי זנאכערס און דאקטוירים, און — גאר נישט...

די בעל עגלהם זענען אויף בערלען „אנגעבלאזן". נישט נאר איז ביי אים די בריטשקע שטענדיק פול מיט פארשוינען און דער וואגן אנ־געלאדן מיט משא, ער האט נאך דערצו גלאט א טריף מזל, אז אפילו א פערד האלט זיך ביי אים לענגער און אן בויכווייטיק. ביי די אנדערע בעל עגלהם טרעפן אלערליי מאלערס: דא קריגט א פערד דעם „פאסקוד־ניאק", אדער ווערט אנגעבלאזן, אז מען מוז עס „שטעכן", אדער גאר עס פאלט איינגאנצן אוועק מען ווייסט נישט פון וואס. ביי בער־לעפן זענען די פערד שטענדיק געזונט — אייזן. זוכן די בעל עגלהם זיך אין אים נוקם צו זיין, רייצן זיך מיט אים און באווארפן אים מיט שטעכ־ווערטלעך. מער פון אלע טשעפעט זיך צו בער־לעפן לאזער־קאלעיע.

לאזער קאלעיען קאן מען צו יעדער צייט טרעפן אויף דער בעל עגלהשער בירזשע. ער איילט זיך קיינמאל נישט אהיים צו גיין. אז ווי נאר ער טרעט אריבער די שוועל, באפאלן אים פון אלע זייטן אלע זיינע אכט ווערים מיט קולות: טאטע, ברויט! טאטע, עסן! ער קראצט אויס פון די קעשענעס די לעצטע פאר גראשנס, מען ברענגט א ברויט פונעם בעקער. איידער ער האט צייט זיך אומצוקוקן, איז דאס ברויט „פאר־ברענט", און חברה שטייט שוין ווידער ארום אים מיט א געשריי: טא־טע, ברויט! טאטע, עסן!

אַז אויף ברויט פאַר די קינדער איז נישטאָ, איז דאָך אויף פּאַשע פאַר די פערד ערשט אוודאי נישטאָ. דאַרן און קוואַרן די פערדלעך — נאָר הויט און ביין, און ווער וויל זיך דאָס לאָזן אין וועג אַריין מיט פּגי־רותדיקע שקאַפּעס אין אַ חרובער, פאַרשמאַדערטער בריטשקע; מען צע־רייסט זיך די מלבושים ביי אַרויסגעקראַכענע טשוועקעס; די רעדער פּייפן, קרעכצן, אויסגעחלשט נאָך אַביסל שמירעכץ. קיינער וויל אויך נישט געבן לאָזערן קיין משא צו פירן: די פּלאַנדעקעס, וואָס מיט זיי דעקט לאָזער איבער דעם וואָגן, זענען צעריסן. אַז עס רעגנט, ווערן די סחורות צעווייקט, פון מעל ווערט קליסקעלעך.

און טאָקע וואָס האָט די לאָזעריכע געזאָלט פריער טון: פאַרלאַטן די פּלאַנדעק, אָדער אויסוואַשן די באַמאַכטע הייזלעך פון די קינדער? אומצוגיין אַרום אַכט ווערים מיט אַ נייענטס אונטערן האַרצן איז עפּעס גרינג? אַט פאַלט איינס אַראָפּ פונעם בענקל, אַ צווייטס קערט זיך אַי־בער, קאָן זיך נישט אויפשטעלן, איינס צעשרייט זיך גלאַט אַזוי, העלפט צו די אַנדערע שרייערס, — איז צו וועלכן זאָל זי פריער צולויפן? און אינעווייניק אין בויך, גיט עס זיך אויך אַ וואָרף, אַז עס פאַרקלעמט ביים האַרצן, בלייבט זי גאָר זיצן אויף אַן אָרט, און נעמט אויך שרייען: — ווי איז ער, דער פרנסה געבער, דער באַגרעבער מיינער! ווהין האָט אים דער רוח פאַרטראָגן, אַז אַרויסטראָגן זאָל מען מיך שוין אויפן בית עולם, טאַטע זיסער!

און לאָזער־קאַלעיע אויפן מאַרק, אַ קליינס, אַן איינגעדאַרטס, לויפט אַקעגן די פאַרשווינען און בעט זיך: „דאָ קאָלעיע, דאָ קאָלעיע, צו דער באַן קא טשאָכאַטשאָוו, צוויי גילדן, צוויי גילדן! דאָ קאָלעיע!" לאָזער בעט זיך, דאָס שיטערע קאָזע־בערדל זיינס שפּרינגט אונטער און בעט זיך, אפילו דאָס הויקערל אויף דער פּלייצע הייבט זיך אַרויף און אַראָפּ, גלייך ווי עס וואָלט העלפן רופן: „דאָ קאָלעיע, דאָ קאָלעיע, צוויי גילדן!".

בער־לעפּ נעמט צוויי און אַ האַלבן גילדן. ער רופט נישט: ער שטייט אָנגעלענט מיט דער פּלייצע אָן דער בריטשקע, און בלויז ווען עס קומט צו אַן עלטערער מענטש, העלפט ער אים אַרויפקריכן. בער־לעפּס בריטשקע ווערט פול, איידער נאָך ביי לאָזערן זעצט זיך אַוועק דער ערש־

טער פֿאַרשוין. לאָזט לאָזער אויס זיין גאַנץ ביטער האַרץ צו בערלען: — אָנגעפּאַקט אַזויפֿיל גראָבע בייכער אין דער בריטשקע, די אָקסן וועלן ביי דיר פּלאַצן.

בער־לעפּ וויל עפּעס אָפּענטפֿערן לאָזערן, ער ווייסט אָבער נישט וואָס צו זאָגן, ער ענטפֿערט נאָר מיט אַ בייזן ברומען.

— זע נאָר ווי ער רייסט אין די וועלט, שרייט לאָזער ווייטער. צום פּרעסן האָסטו דאָך אויפֿפּלאַצעדיקערהייט, פֿאַר וועמען גרייטסטו ירושה, פֿאַר די קינדער דיינע?

— ווער שטום, הויקער־פּוקל צאַפּל־מענטש.

— דער הויקער האָט גלייכע שיינע קינדער, און דו וואָס? שטיינער האָסטו!

בער־לעפּ שפּרינגט אַרויף אויף דער קעלניע, און פֿאָרט שנעל אַוועק. ער יאָגט און שמייסט די פֿערד, אַ זאַך, וואָס ס'טרעפֿט ביי אים גאַנץ זעלטן.

**
*

בער־לעפּ פֿאָרט ווידער צום רבין. דער רבי זאָגט אים ער זאָל געבן געלט צו עפּענען אַ תּלמוד־תּורה פֿאַר אָרעמע קינדער, אין דעם זכות וועט דער אויבערשטער זיך מרחם זיין און „עפּענען די טראַכט פֿון זיין ווייב".

בער־לעפּ גיט געלט פֿאַר אַ תּלמוד תּורה, אָבער די טראַכט פֿון זיין ווייב ווערט נישט געעפֿנט. דער רבי טרייסט אים: — די הייליקע חכמים זאָגן: ווער עס לערנט מיט עמיצן תּורה, איז גלייך ווי ער וואָלט אים געבוירן. די קינדער אין דיין תּלמוד־תּורה זענען דיינע קינדער.

בער־לעפּ באַנעמט עס נישט. וואָס הייסט, זיי זענען זיינע קינדער, אַז זיי זענען נישט זיינע... ער וויל קינדער, וואָס זאָלן צו אים, ווי צו לאָזער קאָלעיע זיינע קינדער, שרייען: טאַטע, ברויט! טאַטע, אַ גראָשן! באַטש איין קינד, וואָס זאָל צו אים קריכן אויף די קני, טוליען זיך צו אים מיטן קעפּל, אויסשמירן אים מיטן באַראָצטן נעזל, באַדיי די שבת־דיקע קאַפּאָטע...

**
*

בער־לייב איז געווען זיין נאָמען. לייזער־וואָלף, דער דרדקי מלמד, האָט איבערגעקרומט לייב אויף לעף, און אַזוי איז עס שוין פאַרבליבן. — איי איז דאָס אַ לעף (אַ קאָפּ), פּלעגט לייזער־וואָלף זאָגן אויף בער־לייבן, ווען איך זאָל האָבן נאָך עטלעכע אַזעלכע תלמידים, וואָלט איך שוין דאָס גאַנצע לעבן פאַרשפּאָרט צו האָבן דאגות פּרנסה. אַן אַנדער יינגל, ווען ער הייבט שוין אָן לערנען חומש מיט רש״י, גיט מען אים אַוועק צו אַן אַנדערן מלמד, בער־לעף וועט אייביק פאַרבלייבן מיין תלמיד, ער וועט זיך קיינמאָל גאָרנישט אויסלערנען...

פונדעסטוועגן האָט בער־לעף זיך דאָך יאָ אויסגעלערנט אַביסל דאַווענען. ווען זיין פאָטער איז געשטאָרבן, האָט ער זיך אפילו אויסגע־לערנט קדיש זאָגן. נישט לייענען פונעם סידור, ביים לייענען האָט ער געשטאַמלט, געשוויצט ביים צונויפשטעלן די טראָפן: ית־גא־גאַד־גד־דל; אויסנווייניק איז עס געגאַנגען לייכטער. ער האָט אַביסל פאַרגרייזט, נו, מילא, האָט לייזער־וואָלף געזאָגט, פאַר אַזאַ לעף, איז דאָס אויך שוין גוט.

חוץ מלמדות, איז לייזער־וואָלף געווען אויך אַ חברה־קדישא־מאַן. ווען ער גייט אַוועק זיך מתעסק זיין ביי אַ לוויה, פאַרנעמט זיין פּלאַץ אין חדר זיין טאָכטער חנה. חנה איז אַלט אַ יאָר צוועלף. זי איז בסך־הכל מיט אַ פינף־זעקס יאָר עלטער פון די תלמידים, אָבער ביי איר לער־נען זיי מיט מער חשק ווי ביים רבין אַליין. אפילו בער־לעף, דער גראָ־בער קאָפּ, לערנט זיך עפּעס אויס, גיכער ווי ביים רבין, וואָס האַלט כסדר אין איין פּאָכען איבער אים מיטן קאַנטשיק.

חנה איז אַ דאַר מיידל מיט צוויי דינע שוואַרצע צעפּלעך. בעת זי לערנט מיט די קינדער, קנייטשט זיך ביי איר דער שטערן פונקט ווי ביי איר טאַטן. ווען זי דאַוונט, פאַרגלאָצט זי פרום די אויגן, פונקט ווי איר מאַמע — די גבאיטע. מען זעט קיינמאָל נישט חנה זאָל זיך שפּילן מיט חברטעס. זי דאַוונט, וואַשט וועש, צירעוועט זאָקן, אָדער זי זיצט סתם ביים פענצטער שטיל און פאַרטראַכט.

אַז זי באַווייזט זיך אין טאַטנס „חדר", ווערט מיטאַמאָל שטיל־שאַ. זי דאַרף בלויז אַ קוק טון אויף איינעם פון די תלמידים, אַז ביי

יענעם זאָל דאָס פּנים רויט ווערן ווי אַ בוריק. די עלטערע תּלמידים שושקען זיך צווישן זיך, אַז חנה לערנט אין די נעכט קבלה, אַז זי ווייסט פון אַזעלכע שמות, וואָס מען קאָן מיט זיי באַשווערן די ערגסטע שדים, אוועקלייגן די שטאַרקסטע גזלנים.

בער־לייב קוקט מיט מורא אויף די „קענערס", זיי, אַז זיי געבן נאָר איין קוק אויף די קליינע, געדרייטע שטרייכעלעך, ווייסן זיי שוין וואָס דאָרטן שטייט געשריבן. ער קוקט מיט שרעק אויף חנהן: זי קען, ווי די יינגלעך זאָגן, אַזעלכע זאַכן, וואָס קיינער קען נישט.

**
*

בער־לייבס טאַטע איז געשטאָרבן. די שטוב איז פול געוואָרן מיט פרעמדע מענטשן, וואָס האָבן רק געדאַוונט, געדאַוונט... די מאַמע, די שוועסטער האָבן געיאָמערט, האָט בערל אויך מיטגעוויינט.

— בערל, בערל מיר האָבן מער שוין נישט קא טאַטן! נישטאָ דער טאַטע, נישטאָ!

— שטאָ טאַטע, שטאָ, האָט בערל מיטגעשריגן. ער איז געווען דערשראָקן פון די געשרייען, איז אָבער געווען צופרידן, וואָס אַזויפיל יידן זענען געקומען צו זיי אין שטוב אַריין, אפילו דער רבי איז געקומען. דער „רבי" האָט אים היינט, ווי קיינמאָל נאָך נישט ביז איצט, אַ גלעט געטון איבערן קאָפּ און געזאָגט: —בערל, דו ביסט אַ יתום. לויטן רבינ'ס ווייכע רייד, האָט בערל פאַרשטאַנען, אַז זיין אַ יתום איז אַ גוטע זאַך...

בער־לעפּ האָט זיך געפילט שטאָלץ, וואָס ער שטייט אין בית־המדרש אויבן־אָן און דער רבי העלפט אים ביים זאָגן קדיש. די חברים האָבן אים מקנא געווען: — אַזאַ גראָבער קאָפּ, און זאָגט שוין קדיש...

קורץ נאָכן טאַטנס טויט, איז בערלס מאַמע מיט אַלע קינדער אוועקגעפאָרן קיין לאָדזש, ווען בערל איז צוריקגעקומען אין שטעטל אַריין, איז ער שוין געווען אַ יונג אין די הויכע צוואַנציקער. ער איז צוריקגעקומען מיט אַ נייער בריטשקע און צוויי פערד ווי די לייבן — זיין אייגנס.

בערל איז אויסגעוואקסן אַ יונג — אַ ריז, מיט ברייטע פּלייצעס, שטאַרקע ידים, אַ קאַרק — אַן אָנגעגאָסענער און פעסטער ווי ביי אַן אָקס, אַ שווערער, פעסטער טראָט ווי ביי אַ שלעפּ־פערד.

די ווייבער פונעם שטעטל האָבן זיך פאַרלייגט בערלען צו פאַרקנסן שדוכים — אַ וועלט, בערל האָט אַזש נישט געוווסט וואָס אויסצוקלויבן. ער האָט זיי געקענט, די אַלע מוידן, וואָס מען האָט אים אָנגעשלאָגן; ער האָט זיי געטראָפן אין גאַס, ער האָט זיי געטראָפן ביי דער „מאַרע" — דעם שטעטלישן טייך. זיי האָבן געוואַשן וועש ביים ברעג פון טייך; בערל האָט געבאָדן זיינע פערד ביים קעגנאיבערדיקן ברעג. בערל האָט איצט אָפטער געבאָדן זיינע פערד. די מוידן האָבן זיך געקנייפּט און געכיכיקעט, ווען בערל איז אַ האַלב־נאַקעטער אריין אין טייך. בערל האָט בגניבה געוואָרפן אויגן אַהין, צו די מוידן. ווען ער איז שוין געווען אויף זיין געלעגער, ביינאַכט, האָבן נאָך אַלץ געבלענדעט פאַר זיינע אויגן די פולע אַנטבלויזטע אָרעמס און די פעסטע שענקלען, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט פון אונטער די מוידנס פאַרקאַטשעטע קליידלעך.

שבת נאָכן עסן. יונגוואַרג גייט שפּאַצירן אַראָפּ צו, צו דער מאַרע, אָדער אויפן זשיכלינער שאָסיי, ווו אויף ביידע זייטן ציען זיך וויגעוודיקע בערעזעס און הויכע שלאַנקע טאָפּאָליעס. בערל גייט אויך אויפן שפּאַציר. ער גייט אַליין, קיין חברים האָט ער נישט.

אונטער אַ ברייט פאַרצווייגטן בוים זיצט אַ חברה יונגעלייט און זינגען. בערל האָט שוין געהערט וועגן זיי, אַז זיי זענען „ציוניסטן". זיי רופן צו בערלען, ער זאָל זיך צוזעצן צו זיי. בערל פאַרשטייט נישט, וואָס זיי רעדן, נישט וואָס זיי זינגען. אין ס'מעדריש (בית המדרש) האָט ער דאָס קיינמאָל נישט געהערט. ער הייבט זיך באַלד אויף און גייט אוועק. איצט האָט ער איינגעזען, אַז טאַקע נישט בחנם רעדט מען אויס אויף זיי אַלדאָס בייז. פון וואַנען האָט זיך צו זיי גענומען דאָ, ביים שאָסיי, ביכלעך און גאַזעטן, אַז אום שבת טאָר מען נישט טראָגן? עטלעכע פון זיי זענען אפילו געזעסן אָנעם היטל, ווי די גויים, ער, בערל, האָט עס אַליין געזען.

בערל שפּאַצירט ווייטער. דער אָטעם פאַרהאַקט זיך אים, ווען עס

קומט אים אנטקעגן אַ כאַפּטע מיידן: בעל עגלהשע, קאַוואַלישע טעכ־טער, צעוואַקסענע, פולע, מיט גרויסע, רייפע בוזעמס. עטלעכע פון זיי האָט מען טאַקע אים, בערלען, געשדכנט; ווען די מיידן באַמערקן בער־לען, הייבן זיי אָן קאָקעטיש זיך וויגן אויף די היפטן; די פולקייט פון זייערע לייבער צייכנט זיך אָן, אפילו אויף זייערע ברייטע דאָרפישע קליידלעך. בערל בלייבט אַזש שטיין מיט אַן אָפן פאַרחלשט מויל...

בערל גייט אַהיים, טראַכט און קאָן זיך נישט פונאַנדערקלייבן אין די שדוכים, וואָס מען שלאָגט אים אָן: אסתר וואָוועס — אַ מויד, אַז — יאָ ער וויל אסתר וואָוועס. און די רוכטשע די משרת ביי מלך דעם שניט־קרעמער, אָך אַ מויד! אַזאַ גרויסע מיט אַזעלכענע פּיס... יאָ, ער ט׳נעמען רוכטשען. און קיילע, די וואָס האָט זיך אַזוי געדרייט אויף די באָקעס, און ברכה האָט געלאַכט צו אים... זי האָט אַזעלכע געזונטע ציין — די ברכה. ווען מען קויפט אַ פערד, קוקט מען ס׳ערשטע אין די ציין... און די — ער ווייסט נישט ווי זי הייסט, ביי דער מאַרע האָט ער געזען אירע אָפּגעדעקטע שענקלען. אַ מויד, אַז מען קען די נכפּה קריגן... טאָ וועלכע נעמען?

ער ט׳נעמען רוכטשען. ניין, — ברכהן. אָ, ער ט׳גאָר נעמען די מיט די שענקלען...

טאָ וועלכע דאָך נעמען? לאָה די שדכנטע וועט אים באַלד פרעגן. יענטע די מאַרק־זיצערין האָט אים געהייסן צוקומען אין מאַרק אַריין געבן אַן ענטפער, טאָ וואָס זאָל ער זאָגן? אסתר? ברכה? קיילע?

זאָל זיין אסתר, זאָל זיין ברכה, זאָל זיין קיילע. וואָס וויל מען פון אים? אַזוי פיל מיידן, אַזעלכענע מיידן... זאָל מען אים געבן איינע, איין מויד און אַ חופּה, און אַ סוף... מ׳קאָן דאָך די פּאַפּלעקציע קריגן...

איינמאָל האָט חיה־ריקל די שוחטקע אים אַריינגערופן צו זיך. בערל איז געבליבן ווי געפּלעפט פון אַזאַ כבוד צו זיין צו גאַסט ביי דער שוחט־קע. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שפּיץ בענקל, נישט געוווּסט ווו די הענט אַהינצוטון.

— געדענקסט לייזער־וואָלף דעם מלמד, עליו השלום?

— מיין רבי.

— א טייערער ייד געווען, א ליכטיקן גן־עדן זאָל ער האָבן.

— געזאָגט מיט מיר קדיש, האָט זיך בערל דערמאָנט.

— זיין טאָכטער חנה, געדענקסטו?

— הא, חנה? אויך א „רבי", געלערנט מיך אלף־בית.

— אַן איידל קינד, א צדיקת, א יתומה, נעבעך, געבליבן...

בערל האָט נישט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, וואָס חיה־ריקל איז אויסן מיט איר שמועס. ער האָט זיך געפריידט מיט די זכרונות, וואָס דער שוחטקעס רייד האָבן ביי אים ארויסגערופן: חנה, א דאַר מיידל, זיצט און שאָקלט זיך איבער אַ סידור.

— וואָס וועסטו עפּעס זאָגן וועגן חנהן? האָט חיה־ריקל געפרעגט.

— געדאַוונט, געדאַוונט, געדאַוונט... האָט בערל געזאָגט דאָס וואָס ער האָט זיך דערמאָנט וועגן חנהן.

— הער אויס, בערל, דער אין הימל האָט דיר, קיין עין הרע, געגעבן עשירות, טאָ למאַי זאָלסטו אָפּפינצטערן די יאָרן אייביק אַליין, אַז דו קאָנסט האָבן אַן איידל קינד. דער אויבערשטער זאָל נאָר געבן, זי זאָל באַשטיין.

בערל האָט אַלץ נאָך נישט פאַרשטאַנען וואָס די שוחטקע איז אויסן מיט אירע רייד. פון דרך־ארץ־וועגן, האָט ער געשוויגן.

— נו, וואָס? איז חיה־ריקל שוין צוגעשטאַנען.

בערל האָט נישט געוווּסט, וואָס צו ענטפערן און ווייטער געשוויגן.

— ווילסט נישט? איז נישט. אַז מען בעט אַ פאַרך צום מנין, האַלט ער זיך דערונטער! זע נאָר אַביסל, דער יחוס שטייט דיר נישט אָן?

בערל האָט נישט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין פאַרוואָס די שוחטקע בייזערט זיך. ער האָט געפינטלט מיט די אויגן, אַלץ נישט געוווּסט וואָס צו זאָגן.

— זע נאָר, זע, איז די שוחטקע שוין אריין אין כעס, בער־לעפּ וויל נישט חנה לייזער־וואָלפס פאַר אַ כלה.

— וויל ניש? ווער וויל נישט? ניש געזאָגט וויל ניש...

— אַזוי זשע רעד! וואַרט, אָט גיי איך גלייך זי אַריינרופן.

חית־ריקל איז ארויסגעלאפן. בערל איז געבליבן זיצן א געפלעפטער: חנה, רבי לייזער־וואלפס, זיין, בערלס כלה? פארוואס לאכן פון אים? ער גיט האסטיק א שאקל מיטן קאפ: איי, ס'ארא ארטשיק ער איז! ער קאן גארנישט רעדן מיט א קא ניידעלע מענטשן. פארוואס האט די שוחטקע זיך געבייזערט אויף אים? וואס'ט זי געזאגט? חנה — כלה — ער און חנה? ניין ניש מעגלעך? ווייסיך, די שוחטקע מאכט ס'גנאר...

די שוחטקע קומט צוריק מיט חנהן. בערלס ברוין אפגעברענט פנים ווערט גרין פון בלאסקייט.

***

ווען חנה איז געבליבן א קיילעכדיקע יתומה, איז זי קוים אלט געווען א יאר פערצן. קיינער האט גארנישט געוווסט, וואס פאר א גרויסער שלום בית עס האט געהערשט ביי לייזער־וואלפן אין שטוב. אז ביילע־סערל, זיין ווייב, איז אים אוועקגעשטארבן, איז לייזער־וואלף געווארן אוים מענטש, דאס פנים דאר און קוואר, קוים, וואס ער האט זיך געשלעפט אויף די פיס. איידער נאך ס'האבן זיך געענדיקט די שלושים נאך ביילע־סערלס טויט, איז לייזער־וואלף אוועקגעפאלן, אפגעקרענקט עטלעכע וואכן, און אויסגעהויכט די נשמה.

חנה איז נישט געבליבן אין א מדבר. אן עדה יידן, קיין עין הרע, לאזט, חלילה, נישט אויסגיין א קיילעכדיקע יתומה. דעם טאטנס חדר האט זי טאקע מער נישט געקאנט פירן. ווו איז עס געהערט געווארן א מיידל זאל זיין א מלמדקע פאר יינגלעך! אבער יידישע מיידלעך דארפן אויך קענען דאוונען, תחינות זאגן. ארעמע עלטערן שיקן זייערע מיידלעך אין די חדרים פאר יינגלעך, נגידים אבער קאנען זיך פארגינען צו נעמען א מלמד פאר זייערע מיידלעך אין שטוב אריין, און אז ס'מאכט זיך א מלמדקע, איז דאך אוודאי גוט. האט חנה אנגעהויבן ארומגיין איבער נגידישע הייזער מיטן טייטל וואס זי האט געירשנט פון איר טאטן, און געלערנט פארפיעשטשעטע מיידלעך: קמץ־אלף־א, קמץ־בית־בא...

אלס שכר למוד האט חנה געקריגן „טעג" צו עסן. אז א מיידל, עסט אפ אין א באלעבאטישער שטוב, געשיקט זיך עפעס נישט, זי זאל נישט

צוהעלפן ביים וואַשן דאָס געשיר. אָנגעהויבן מיט צוהעלפן, מיט דער צייט האָבן די באַלעבאָסטעס איבערגעלאָזט די גאַנצע אַרבעט פאַר חנהן; אַביסל שפּעטער האָט מען זיך אויך צוגעוווינט זי צו שיקן אַ „גאַנג" אין דער יאַטקע אַריין, אָדער מילך ברענגען, די שיקסע — די דינסט, קאָן מען דאָך נישט שיקן נאָך פליייש, אָדער מילך. אַמאָל האָט זיך געמאַכט, אַז חנה האָט ביים וואַשן צעבראָכן אַ טעלער, אַן אַנדערש מאָל — אַז זי האָט זיך אויסגעגליטשט אין שניי און אויסגעגאָסן די מילך; די באַלע־באָסטע האָט געשריגן אויף איר: „שלימזל", האָסט ליימענע הענט". די קינדער, וואָס האָבן פריער געגלויבט, אַז חנה קאָן באַשווערן שדים, האָבן איצט אָנגעהויבן באַהאַלטן איר טייטל, זיך אונטערגנבענען הינטער איר רוקן און איר אָנקלעבן אַ פּאַפּירל, אָדער פון אַ באַהעלטעניש נאָכגעשריגן איר נייעם צונאָמען: „חנה טייטל".

די רייכע באַלעבאָסטעס איז עס געוואָרן איבערדריסיק צו זען ביי זיך אין שטוב די שטענדיק שווייגנדיקע, אויסגעמאָגערטע מלמדקע. וואָס ווייטער האָט חנה געהאַט אַלץ ווייניקער און ווייניקער תלמידית. עס האָבן איר אָנגעהויבן אויספעלן „טעג" אין דער וואָך. אויב חנה וואָלט געווען אַן אַלמנה, אָדער גרושה, אַבי שוין איינמאָל געהאַט אַ „צוגעדעקטן קאָפּ", וואָלט זי געקאָנט ווערן אַ טיקערין אין מקוה, אָדער מען וואָלט זי גאָר אַריינגענומען אין דער ווייבערישער חברה קדישא, אַ מויד אָבער איז נישט שייך צוצולאָזן צו די זאַכן.

האָט חנה צוגעהונגערט. וואָס מער זי האָט געהונגערט, אַלץ מער און מער האָט זי זיך געוויגט איבערן סידור, אַלץ זעלטענער האָט זי צו עמיצן אַ וואָרט אויסגערעדט.

צו דער צייט פון בער־לעפּס צוריקקום אין שטעטל, איז חנה שוין אַ מיידל אין די דרייסיקער. קליין, דאַר, די באַקן איינגעפאַלן, די שיטע־רע, גלאַטע האָר אויפן קאָפּ זעען אויס ווי אַ שוואַרץ הייבל, איינגאַנצן — דעם אָנבליק פון איר מאַמען. חנהס איינגעבויגענע פּלייצע וויגט זיך כסדר; אירע דינע, פרום־פאַרשנירלטע ליפּן, הערן נישט אויף זיך צו באַוועגן, אפילו דעמאָלט, ווען זי וואַשט געפעס אין אַ פרעמדער שטוב.

***

חנה איז געזעסן ביים טיש קעגנאיבער בערלען. די שוחטקע איז גע־שטאַנען ביים פענצטער און אַרויסגעקוקט אויף דער גאַס. קיינער האָט קיין וואָרט נישט אויסגערעדט. חנה האָט פּלוצים אַ פרעג געטון:

— זי לייגן תפילין יעדן טאָג?

— ניין, האָט בערל געענטפערט, ניש —

חנה האָט זיך האַסטיק אויפגעהויבן פון איר אָרט, און זיך געלאָזט צו דער טיר. בערל האָט קוים באַוויזן צו פאַרענדיקן: — ניש יעדן טאָג, שבת ניש קאָן תפילין.

בערל האָט זיך געפילט שטאָלץ אויף דער „לומדות", וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן, ער האָט זיך אַזש צעשמייכלט מיט נצחון. חנה האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט. די שוחטקע האָט זיך ראַפּטום אויסגעדרייט און גע־ווינטשן מזל־טוב.

ביינאַכט אויפן געלעגער האָט בערל זיך געוואָלט דערמאָנען ווי חנה זעט אויס, און בשום אופן נישט געקאָנט. ער האָט געדענקט נאָר יענע — חנה דעם רבינס, וואָס האָט געלערנט מיט די קינדער אין חדר, יענע חנה מיט די שוואַרצע צעפּלעך, מיטן געקנייטשטן שטערן. ווען זי פלעגט זיך נאָר באַווייזן אין חדר, פלעגט ווערן שטיל, — אַן אויער. די ייִנגלעך פלעגן זיך סודן און זיך אָנדערציילן פון חנהן אַזעלכע זאַכן, אַז בערלען נעמט נאָך איצט אָן אַ מורא...

***

חנה האָט אַ סך געוויינט ביי דער חתונה, געוויינט, ווען מען האָט זי מיט בערלען אַריינגעפירט אין זייער שטוב, וואָס בערל האָט געקויפט און אויסגעפּוצט מיטן שענסטן און בעסטן. בערל איז שטיין געבליבן ביי דער טיר און זיך געבעטן: ניש ווייִנען, צו וואָס ווייִנען? ניש ווייִנען...

חנה האָט פאַרשטיקט אין זיך ס'געוויין. בערל האָט זיך אַוועקגע־זעצט ביים טיש. חנה האָט הינטער זיין רוקן זיך אויסגעטון און זיך גע־לייגט אין בעט אַריין. בערל איז געבליבן זיצן. עפּעס האָט ער יאָ גע־וואָסט, אָבער נישט געוואוּסט זיכער, וואָס ער האָט צו טון. חנה רבי לייזער־

וואָלפס איז דאָך נישט עפּעס גלאַט אַ מויד. ווען מען האָט אים גערעדט פּאָר אַ כלהביילע וואָוועס, האָט ער איר נאָכגעקוקט אין גאַס, געשלונ־גען מיט די אויגן איר יעדן בויג און נויג און געטראַכט אַזעלכע טראַכ־טעניש, וואָס, טפו, אַ „נעווייע"... איצט טראַכט ער גאָר נישט נאָר ער פילט זיך עפּעס ווי יום כפור אין שול... מורא און — —

חנה מורמלט עפּעס אַ תחינה. בערל דערמאָנט זיך, אַז ער דאַרף לייענען קריאת שמע. אויפן טיש ליגט אַ סידור. ער נעמט בלעטערן, ער זוכט דעם קריאת שמע און קאָן נישט געפינען. חנה האָט שוין געמאַכט די ברכה פון „המפּיל" און טאָר נישט אויסרעדן. זי רופט אים מיט אַ ברום, ווייזט אויף שטום לשון, ער זאָל איר דערלאַנגען דעם סידור. בערל זעצט זיך צוריק צום טיש. ער קאָן זיך קיין עצה נישט געבן מיט דער עברי. די ערשטע שורה „שמע ישראל" קען ער אויף אויסנווייניק, גיט ער עס אַ שריי אויס אויף אַ קול. די צווייטע שורה קען ער נישט און ווי אויף צו להכעיס, איז עס געדרוקט דווקא מיט קליינע אותיותלעך. ער שוויצט און מאַטערט זיך: בר, בר, ברך־ברוך. פון מידקייט קלעפּן זיך אים די אויגן, ער שלאָפט איין איבערן סידור.

צומאָרגנס האָט דער שוחט אים אָוועקגערופן אין אַ ווינקל און לאַנג זיך מיט אים געסודעט. בערל האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ: יאָ, יאָ, ער עט שוין וויסן.

אין די הייליקע ספרים שטייט געשריבן, אַז אַ ווייב דאַרף דינען דעם מאַן אין אַלע זיינע באַדערפעניש. האָט חנה געטון אַזוי ווי גאָט האָט געבאָטן: זי האָט געוואַשן זיין וועש, געריייניקט זיין שטוב, געקאָכט גוטע מאכלים, וואָס זי האָט זיך אויסגעלערנט אין די רייכע הייזער.

חנה האָט ליב געהאַט אָנצושטעלן אַ פולע קיך מיט טעפּלעך. אַ לייַ־דיקע פייערקע האָט עפּעס אויסגעזען ווי אַ בלינד אויג. אַ ליידיקע פייער־קע האָט זי דערמאָנט אין די קאַלטע ליידיקע פייערקעס אין איר אַמאָליק קליין שטיבל הינטערן הקדש. זינט יענע צייטן קאָן זי נישט קוקן אויף ליי־דיקע טעפּלעך... אַ גאַנצן טאָג קנאַקט פריילעך אַ פייער אין דער קיך. די טעפּלעך זידן און זינגען; די שטערצלעך טאַנצן. חנה רוקט איבער אַ

טעפּל, גיט צו אַביסל וואַסער, מישט צו אַביסל זאַלץ און האַלט דערביי אין איין זאָגן פון אירע תחינות.

פון בלויז פאַרזוכן די מאכלים ביים קאָכן. איז חנה שוין זאַט. ביים טיש עסט זי קנאַפּ וואָס, זי זעט רק, אַז בערל זאָל עסן. בערל באַלעקט זיך פון די גוטע מאכלים, זאַט ווערט ער אָבער נישט. ער וואָלט באַדאַרפט האָבן אַ שטיק פלייש פון עטלעכע פונט. חנה ווייסט נישט, צי מען מעג עסן אַזויפיל פלייש. ס'שטייט דאָך געשריבן, אַז מען עסט אויף אַ פונט פלייש און מען טרינקט אוים אַ קוואַרט וויין, איז מען אַ זולל וסובא. זי האָט געפרעגט אַ שאלה ביים רב. דער רב האָט געפּסקנט, אַז מחמת בערל עסט בלויז אַ סך פלייש, אָבער קיין וויין טרינקט ער נישט, — מעג מען. האָט חנה געקויפט גרעסערע טעפּ און, חוץ די צימעסלעך, געקאָכט אויך גרויסע שטיקער רינדערן און שעפּסן־פלייש.

בערל האָט זיך צוגעוווינט זי צו דוצן און זיך מיט איר צו שאַפן. ער האָט דערפילט, אַז זי איז נישט מער חנה רבי לייזער־וואָלפס, נאָר זיין ווייב, זיין חנה...

חנה האָט געלערנט בערלען אַלע ברכות, וואָס מען דאַרף מאַכן ביים עסן און ביים בענטשן, זי האָט אים אונטערגעזאָגט און געהאָלפן אַרויס־זאָגן די שווערע ווערטער. זי האָט אויך געוואָלט אים לערנען ווי אַזוי צו עסן, ווי אַזוי צו לייגן אין מויל אַריין קליינע „קאַזעלעך" (שטיקלעך) ברויט. דאָס אָבער האָט זיך בערל נישט געקאָנט אויסלערנען. ער האָט הנאה געהאַט אַריינצובייסן די ציין אין אַ גרויסער כמאַליע ברויט. אַ קליין „קאַזעלע" איז אים עפּעס ווי פאַרלוירן געגאַנגען צווישן די ציין, אַריינגעפאַלן גלייך אין האַלדז אַריין, אַז ער האָט זיך אַזש פאַרקרעקט.

חנה האָט צוגעהאָלפן בערלען אויך אין זיינע געשעפטן. זי האָט גע־פירט די חשבונות, באַהאַלטן דאָס געלט צווישן די בלעטער פונעם טייטש־חומש. נאָר אין שטאַל אַריין, האָט זי נישט ליב געהאַט אַריינ־צוגיין. זי האָט נישט פאַרטראָגן דעם שטאַל־ריח. זי האָט אויך מורא גע־האָט פאַר די פערד. אויב אָבער עס האָט זיך געמאַכט, אַז אַ פערד איז געבליבן אין שטאַל נאָך בערלס אַוועקפאָרן, האָט זי פונדעסטוועגן נישט פאַרפעלט אַריינצוטראָגן אַן עמער וואַסער „אָנצופּאָיען" דאָס פערד. זי

האָט מורא געהאַט צו לאָזן עס דאַרשטיק: וואָס ווייס מען דען? אַ בהמה קאָן אַמאָל זיין אַ גלגול פון אַ זינדיקער נשמה און מיט גלגולים איז בע־סער נישט אָנצוהייבן...

הכלל, ס'איז געווען אַ געראָטענער שידוך פאַרביידן. בער־לעפּ האָט באַקומען אַן איידל קינד און חנה איז אַריינגעקומען אין „קיינעהאָרע" אַן עשירות. מען זאָגט אַז מאַן און ווייב, ביידע זענען צופרידן. קהל איז אויך געווען צופרידן: אָראָפּגעפּטרט אַן עול פונעם קאָפּ, אַ יתומה, אַ בוגרות. בלויז די מוידן, וואָס האָבן אַליין געוואָלט בערלען, בלויז זיי האָבן געחוזקט, וואָס ער האָט זיך גענומען אַ „דאַרן הערינג", אַ בוימל־גיסערן; פון חנהן האָבן זיי אָפּגעשפּעט, וואָס זי האָט גענומען אַזאַ „גראָבן קאָפּ". מיט בערלען האָבן זיי מורא געהאַט זיך צו טשעפּען, אָבער ווען חנה האָט זיך באַוויזן אַליין אין גאַס, פּלעגן איר די מוידן נאָכ־שרייען פון אַ באַהעלטעניש אַרויס:

„חנה־טייטל, חנה קאַנטשיק,
געוואָלט אַ רב,
געכאַפּט אַן אָרטשיק".

די בעל עגלהס זענען אין אָנהויב געווען צופרידן, וואָס אַ זייערי־קער האָט זיך איינגעקויפט אין יחוס. שפּעטער אָבער זענען זיי געוואָרן „אָנגעבלאָזן" אויף חנהן. זי איז זעלטן געקומען צו אַ בעל עגלה אויף אַ שמחה, און ווען זי איז יאָ אַמאָל געקומען, איז זי געזעסן און געשוויגן. ווי נאָר מען האָט אָנגעהויבן טרינקען און זיך משמח זיין, פּלעגט זי זיך אויפהייבן און גיין אַהיים.

— זע נאָר, די יחסנטע, פּלעגן די ווייבער זיך קרימען, ס'פּאַסט איר נישט זיך צו חברן מיט בעל עגלהס. ווען זי קריגט נישט אַ בעל עגלה פאַר אַ מאַן, וואָלט זי דאָך געווען אָװעקגעפּטרט פון הונגער.

ווי דער שטייגער איז אויף שמחות ווינטשט מען זיך איינער דעם צווייטן, מען פּלעגט אויך חנהן ווינטשן: „מערצעשעם ביי אייך אויף שמחות, מערצעשעם ביי אייך אויף אַ ברית". — אין אָנהייב האָט מען עס געזאָגט שטיל מיט האַרץ, מיט אַ גוטן מיין; ווען מען האָט אָבער אָנ־געהויבן אויף חנהן זיך צו ברוגזן, האָט מען דעם ווונטש שוין אַרויסגע־

זאָגט הויך אויפן קול, מיט חוזק, מיט אַ שטאָך... נאָך איר אוועקגיין האָט מען זיך געמודעט, בערל יאָל נישט הערן: ס׳גייט אוועק אַ יאָר נאָך אַ יאָר און — גאָרנישט... אַניש וועט זי עפּעס האָבן די פאַרזויערטע גבאיטע... מער ווי שאָקלען זיך איבערן טייטש־חומש קאָן זי נישט...

לייבעק הוראי שטייט צו צו בערלען: — ס׳דאַרפסטו אַ שטיין, אַ טרוקן שטיק האָלץ, גט זי אָפּ און אָן עק.

— מאַך צו ס׳פּיסק, בייזערט זיך בערל. חנה ניש קאַ שטיין, חנה אַ „ניידל" קינד.

— אַ שטיין, זאָג איך דיר, אַ שטיין קאָן גאָר נישט געבוירן. וואַרף זי אַרויס!

— ביים דיר אָפּ די צונג. אַ יאַנדעם אביסל אַרויסוואַרפן חנהן. טפו!

— ווילסט פּגרן, אַז קיין וואָרעם זאָל נאָך דיר נישט בלייבן? פּגר, מיין באָבעם דאגה. מיין שוועסטער קיילע ט׳דיר געקאָנט אָנשיטן אַ פולע שטוב מיט ממזערים.

— כ׳וויל ניש קאַ ממזערים, כ׳וויל קינדער...

— קינדער, ממזערים — אַ חילוק עפּעס, זי האָט פון קיווען „לייוועשולעם" צוויי יונגען ווי די אָגערס... נעם זי אַריין צו דיר אין שטוב אַריין, וועסטו —

— ס׳רעדסטו, כמאָל איינער? אַ פרעמד ווייב אין חנהס שטוב?

— ד׳עסט מיט איר חתונה האָבן, ט׳זי זיין דיין ווייב, און חנה ט׳זיין די פרעמדע.

— ס׳הייסט פרעמדע? מיין ווייב, מיין חנה, אַ פרעמדע?

— נו יאָ, אַ פרעמדע און סט׳זי אַרויסטרייבן פון שטוב.

— טפו! טפו! האָט בערל ווידער געשפּיגן און נישט געקאָנט באַנעמען ווי מען קען גאָר אַזעלכעס ברענגען פאַרן מויל. חנה רבי לייזער־וואָלפס, זיין ווייב חנהן, אַרויסטרייבן פון שטוב! טפו!

— ס׳עט גאָר ניש העלפן, ניש קאַ רבי, ניש קאַ טאַטער, האָבן די בעל עגלהס זיך געריצט מיט בערלען. זי קאָן ניש האָבן, איר מאַמע איז דאָך שוין געווען אַ „נאַקאָרע".

— וואָס' איר מאַמע געווען?

— אַ נאַקאָרע, אַזאַ איינע, וואָס קאָן קאַ קינדער ניש האָבן.

בערל איז אַהיימגעגאַנגען אָנגעכמאַרעטער. אַז די מאַמע אירע איז שוין געווען אַ — — —, ווי זאָגן זיי דאָרטן, האָט זי אים ניש באַדאַרפט צו גענאַרן. מען דאַרף אים נישט גענאַרן — ער, וויל נישט מען זאָל אים גענאַרן.

חנה האָט אים אויפגעקלערט, אַז אויב איר מאַמע האָט געהאַט ז י, חנהן, איז זי קיין עקרה נישט געווען. בערל האָט זיך באַרואיקט.

בערלען דאַכט זיך, אַז די צרה נעמט זיך דערפון, וואָס חנה עסט נישט. לאָזער קאַלעיעס ווייב קאָן אַריינהאַקן אַ האַלב ברויט מיט אַמאָל, נו, האָט זי טאַקע קינדער, איינס נאָכן אַנדערן. פון וואַנען אָבער זאָל חנה נעמען כוח צו „טראָגן" און „האָבן", אַז עסן עסט זי קיי און שפּיי, אויף איין צאָן. בערל באַשווערט חנהן מיט כלערליי שבועות זי זאָל עסן. חנה טוט אים צוליב, און נעמט אַ לעק, אַ שמעק, און — ווידער גאָר נישט.

בערלען שטייט שטענדיק פאַר די אויגן, ווי לאָזער קאַלעיעס ווייב גיט אַ שלעפּ אַרויס די ברוסט פונעם בוזים און שטופּט עס איר קינד אין מיילכל אַריין. אַמאָל, פאַר דער חתונה, האָט בערל גאָר אַנדערש געטראַכט וועגן ברוסטן... איצט פאַרשטייט ער נישט, ווי אַזוי האָט ער געקאָנט האָבן „נעווייערדיקע" טראַכטענישן וועגן דעם. ברוסטן איז נישט אַזאַ זאַך... ברוסטן דאַרפן זיין פול מיט מילך, דער וואָרצל דאַרף שטעקן אין מיילכל פון אַ קינד. אַמאָל פלעגט ער זיך שעמען, ווען אַ זויגערין האָט פאַר אים אין די אויגן אַרויסגענומען די ברוסט צו געבן איר קינד, היינט — נישט. אַ ברוסט, וואָס אַ קינד זויגט, איז גאָר עפּעס אַנדערש... עפּעס... עפּעס... נישט נעווייערדיק, עפּעס ווי אַ קליין קינד... ווי אַ סידור...

אפילו די אייטער ביי אַ בהמה איז אויך עפּעס אַנדערש... אַז ער זעט, ווי אַ קאַלב, אָדער אַ ציגעלע זויגט, קוקט ער דערויף מיט ציטערניש. בלויז איינס פאַרשטייט ער נישט: ווי קומט עס, וואָס אויך ביים

חזיר זויגן די קליינע חזירימלעך? א מענטש — פארשטייט ער, א קו, א פערד, פארשטייט ער אויך, אבער א טמא חזיר? טפו!

אויף חנהס ברוסטן איז אים א רחמנות. פארשעמטע ברוסטן... זינט דער חתונה זענען זיי טאקע געווארן אביסל פולער, געבליבן אבער ליידיק... ברוסטן אן מילך זענען נישט מער ווי שטיקער פלייש, נישט מער...

דער חודש תשרי איז שוין לאנג אוועק. אויך פון דער חשוונדיקער לבנה איז שוין געבליבן נאר א דין בויגנדל ווי פון אן אלטן סערפ, וואס דאס שארף־אייזן האט עס אויסגעשליפן ביזן ברעג. אלע יאר אין דער צייט האט שוין א גרויער שראם באדעקט די דעכער, א הייטל פון אייז האט זיך פארצויגן אויף די טייכן, א פוכקער שניי האט צוגעדעקט די פעלדער. דאס יאר אבער איז דער זומער — שוין לאנג אן אפגעזעגנטער, נאך אלץ געשטאנען אין דער טיר. דער הימל — לויטער, דאס גראז פריש ווי אין פרילינג, ווי אין פרילינגס־צייט האט די נייע זריעה אויף די פעלדער גענומען ארויסשטעקן פון דער ערד גרינע קעפלעך, נאר די נאקעטע ביימער האבן עדות געזאגט, אז ס'איז שפעטער הארבסט...

מען האט געקאנט מיינען, אז ס'איז הפקר אזוי... אז דער זומער האט זיך פארעקשנט נישט אוועקצוגיין, וועט ער שוין אזוי פארבלייבן ביזן — זומער. אבער אין איינער א נאכט זענען פלוצים גאנצע מחנות בייזע ווינטן אנגעקומען און גענומען הוליען איבערן שטעטל, געריסן דעכער, אוועקגעלייגט ביימער, און מיט רוגזה פאריאגט דעם ווידערשפעניקן זומער. דאס שטעטל איז געבליבן ליגן פארחושכט אונטער א שווערן בלייערנעם הימל. פארטאג האט גענומען גיסן א מבול. מבינים האבן געטרייסט: א שווערער רעגן האלט לאנג נישט אן, ס'האט אבער געגאסן טאג נאך נאכט, נאכט נאך טאג, אן איבערייס. אין די גאסן פונעם שטעטל איז מען שוין געקראכן אין דער בלאטע ביז איבער די קני; די דארפישע וועגן זענען געווארן ווי זומפן, אפילו דער ווארשעווער שאסיי איז געשטאנען צעווייקט און צעקראכן, די רעדער האבן זיך אלעמאל איינגעשניטן אין דער בלאטע אריין.

גראד איצט איז געווען א סך משא צו פירן; די שפע פונעם זומער

האָט מען געדאַרפט אָפּפירן אין שטאָט אַריין, פון דאָרט האָט מען גע־דאַרפט ברענגען ווינטער־סחורות, וואַרעמע מלבושים. אַזוי לאַנג ווי עס איז געשטאַנען אַ זומערדיק וועטער, האָט מען געהאַפּט אַדורכצושמוג־לען דעם ווינטער אין די זומערדיקע מלבושים. מיט די פּלוצימדיקע קעלטן, האָבן די קונים אויסגעליידיקט די קראָמען, און די קרעמער האָבן געוואָלט וואָס גיכער אַריינבאַקומען פון דער גרויסער שטאָט שאַלעכלעך, קאַלאָשן, לייבלעך, שפּענצערס. די בעל עגלהס זענען געווען פאַרוואָרפן מיט אַרבעט.

אַז די רעגנס האָבן אָנגעהאַלטן אַ דריי וואָכן נאָכאַנאַנד, איז שוין גאָר נישט מעגלעך געווען אַרויסצופאָרן פונעם שטעטל. די רעדער האָבן זיך איינגעשניטן אין די בלאָטעס ביז אַריבער די אַקסן. דאָס שטעטל איז געבליבן ווי אָפּגעשניטן פון דער וועלט.

נאָר איין בער־לעפּ האָט געקאָנט זיין אַ בריה ווייטער צו פאָרן קיין וואַרשע הין און צוריק. זיין וואָגן איז געמאַכט געווען פונעם שטאַרקסטן האָלץ, די רעדער — דעמבענע, געמאַכט פונעם בעסטן סטעלמאַך, גע־שמידט מיט נייע, אייזערנע רייפן; זיין וואָגן איז אויך געווען איבערגע־דעקט מיט גוטע, גומירטע פּלאַנדעקעס, וואָס לאָזן נישט אַדורך קיין פייכטקייט. אויב עס האָט פּאַסירט, אַז זיין וואָגן איז אַריין אין אַ בלאָ־טע, זענען זיינע פערד געווען גענוג שטאַרק אַרויסצושלעפּן די משא און ווייטער פאָרן.

בערל האָט זיין וואָגן קיינמאָל נישט איבערגעלאָדן, נישט געוואָלט צופיל אויסמאַטערן די פערד. אָבער אַז ער איז איצט געבליבן דער איינ־ציקער, וואָס פאָרט אין שטאָט אַריין; די קרעמער האָבן זיך ביי אים געבעטן רחמים: — מען גייט אונטער, מען דאַרף דאָך איצט פאַרדינען חיונא אויפן גאַנצן ווינטער, — האָט בערל צוגעשפּאַנט נאָך אַ פערד צום וואָגן און אַרויפגעלייגט נאָך אַביסל משא.

בערל זיצט אויף דער קעלניע פון זיין שווער־באַלאָדענעם וואָגן און בעט זיך ביי די פערד: — נאָ, נאָאָאָ — גניאַדע, קאַשטאַן, שטעלט אַ פוס!

דער רעגן גיסט און גיסט. בערל זיצט איינגעהילט אין זיין שטייפן

צעראטעטעם וועג־מאַנטל, וואָס לאָזט נישט אדורך קיין נעץ, אָבער די פערדלעך, נעבעך... עס כליאפּעט אזוי. דער רעגן פּאַרגיסט אים די אויגן, בערל ציט אריבער דעם מאַנטל איבערן קאָפּ; די פּערדלעך, נעבעך, מוזן גיין, מוזן שפּאַנען און שלעפּן. בערל שלאָגט קיינמאָל נישט זיינע פערד. ער פּאָכעט בלויז מיט דער בייטש אין דער לופטן. איצט לייגט ער אינ־גאַנצן אוועק די בייטש, ער מונטערט די פערד נאָר מיט געבעט: נאָ־נאָ, וויאָ־אָ...

געוויינטלעך, אַז דער וואָגן איז נאָר ארויף אויפן הויפּט־שאָסיי, האָט בערל געכאַפּט אַ דרימל. נישקשה, ער האָט זיך געקאָנט פאַרלאָזן אויף זיינע פערדלעך, זיי האָבן דעם וועג גוט געקענט. ווען ער פלעגט פאַרטאָג אָנקומען קיין וואַרשע, איז בערל געווען אויסגעשלאָפן, אייסגע־רוט. בערלען איז זיך בכלל בעסער געשלאָפן אויף דער קעלניע, ווי אין בעט, וואָס חנה האָט אָנגעפּאַקט מיט אזוי פיל קישנס און קישעלעך, אַז ער האָט נישט געהאַט ווו זיך אַ דריי צו טון.

שלאָפן אויף דער קעלניע האָט בער־לעפ געקאָנט נאָר אזוי לאַנג ווי דער וואָגן האָט אים געוויגט. האָט זיך אָבער געמאַכט, אַז דער וואָגן האָט זיך אָפּגעשטעלט, איז זיין שנאָרכן געוואָרן שטילער און שטילער און ער האָט זיך גלייך איבערגעוועקט. געוויינטלעך פלעגן די פערד שטיין בלייבן שוין ביים סוף פון דער יאזדע, ביי דער קרעטשמע אין וואָליע. דאָס מאָל אָבער האָבן די רעדער זיך כסדר איינגעשניטן אין צעווייקטן שאָסיי. בערל האָט אפילו נישט איינגעדרימלט, ער האָט אַלץ געמוזט אונטערהעלפן זיינע פערד ארויסצושלעפּן דעם וואָגן.

פון סאָכאַטשאָוו אָן איז דער וועג אוועק אביסל בעסער. די פערד זענען געגאַנגען אָן אָפּשטעל, אין טאַקט פון בערלס שנאָרכן. פּלוצים האָט דער וואָגן זיך אַ וואַקל געטון, אַז ס'האָט בערלען שיער נישט אַראָפּ־געשליידערט פון דער קעלניע. ער איז מיטאַמאָל געוואָרן וואַך, אַראָפּגע־שפּרונגען פונעם זיץ. די רעכטע זייט פונעם וואָגן איז געווען אַראָפּגע־זונקען. די פערד האָבן זיך אביסל צופיל פאַרנומען אויף רעכטס, זענען די רעדער פון דער רעכטער זייט וואָגן אריין אין דער ליימיקער ערד ביים ראַנד פונעם שאָסיי.

בערל האָט געצויגן די לייצעס, ער האָט געפּאָכעט מיט דער בייטש און געשריגן. די פערד האָבן געשלעפּט מיט אַלע כּחות; דער וואָגן האָט זיך פונעם אָרט נישט גערירט. דער רעגן האָט געשמיסן בערלען אין פּנים אַריין, פּאַרטויבט זיין קול און דאָס קנאַלן פון דער בייטש. וויאָ, וויאָ, וויאָ, האָט בערל געשריגן וואָס אַמאָל העכער. די מלבושים האָבן געקלעפּט צו זיין לייב, פון די פערד האָט זיך גענאָסן דער שוויים צוזאַמען מיטן רעגן, וואָס איז אויף זיי געפאַלן. דער וואָגן האָט זיך נישט גערירט פון אָרט.

בערל האָט אָנגעקלאַפּט אין אַ דערבייאיקער פּויערישער כאַטע. דער פּויער, אַן אָנצייניקער זקן, האָט אים וויניק וואָס געקאָנט ארויסהעלפן. די פּויערטע, אַ יונגע, מיט ברייטע, פעסטע לענדן, מיט אַ פּאָר שטאַרקע מאַנצבילשע הענט, האָט אַרויסגעפירט אַ פערד פונעם שטאַל און צוגע־שפּאַנט צו בערלס וואָגן. די פּויערטע האָט געצויגן די לייצעס, בערל האָט אונטערגעשטופּט דעם וואָגן און געמונטערט די פערד.

מען וואָלט געוועזן באַדאַרפט צוערשט אויסלאָדן דעם וואָגן, וואָלט דאָס אַרויסשלעפּן פון דער בלאָטע געווען אַ קלייניקייט, נאָר גיי לאָד אָפּ די סחורות אין דער בלאָטע אַריין, אַז דאָס מבול גיסט און גיסט. דעק אָפּ די פּלאַנדעק נאָר אויף אַ מינוט, וועט די גאַנצע סחורה ווערן אַ תּל.

אַלע פיר פערד האָבן געשלעפּט, בערל האָט אונטערגעשטופּט, דער וואָגן האָט זיך נישט גערירט פונעם אָרט.

— העי, פעטער, הערסט ווי די רעדער קרעכצן, האָט די באַלעבאָס־טע צו אים אַריבערגעשריגן.

— גיש קאַ מורא, האָט זי בערל באַרואיקט, די רעדער וועלן אויס־האַלטן.

בערל האָט געוווּסט, אַז זיינע רעדער זענען פונעם בעסטן האָלץ. איצט אַז דאָס האָלץ איז אָנגעשוואָלן פון פייכטקייט, זיצן די ספּריכעס נאָך פעסטער אין די רייפן. ניין, פאַר די רעדער איז נישטאָ וואָס צו זאָרגן. פּלוצלינג אָבער האָט די פּויערטע געגומען שמייסן די פערד. בערלס פערד זענען צו קיין שמיץ נישט געוווינט געווען. זיי האָבן זיך ווילד אַ ריס געטון. ס'האָט זיך דערהערט אַ קנאַק: די הינטערשטע אַקס האָט זיך

איבערגעבראָכן, דער הינטערשטער טייל וואָגן האָט אַ זינק געטון צו דער ערד.

ביזן טאָג האָט מען מער גאָרנישט געקאָנט טון. בערל האָט אַריינ־געפירט די פערד צום פויער אין שטאַל אַריין, און אַליין איז ער אַריין אין דער כאַטע זיך אַביסל צו דערוואַרעמען. די פויערטע האָט איינגעהייצט דעם אויוון, אַוועקגעשטעלט פאַר בערלען אַ שיסל זופּ. אויף דער זופּ זענען אַרומגעשווימען גרויסע „אויגן" פון חזיר־פעטס. בערל האָט צו דער זופּ זיך נישט צוגערירט. ער האָט איבערגעכאַפּט דעם הונגער מיט אַ שטיקל ברויט, געטונקען אין זאַלץ און פאַרטרונקען מיט בראָנפן. אויסגע־טרונקען אַ גאַנץ פלעשל, איז בערלען אויפגעגאַנגען אַ וואַרעמקייט אין די ביינער. די אויגן האָבן זיך אים גענומען קלעפּן. די פויערטע האָט אים אַריינגעפירט אין שייער אַריין, אים געוויזן אַן אָרט אין שטרוי זיך צוצו־לייגן. די פויערטע האָט נאָך נישט באַוויזן אַרויסצוגיין פונעם שייער, האָט בערל שוין געכראָפּעט אין אַ טיפן שלאָף.

חנה האָט שטענדיק דערציילט בערלען אירע חלומות. דאָ האָט זי געזען דעם טאַטן מיטן קאַנטשיק אין דער האַנט, ווי ער לערנט מיט די קינדער; אַן אַנדערש מאָל האָט זי געזען איר מאַמען אין אַ הייבל און טשיפּעק, ווי זי שאָקלט זיך איבערן טייטש־חומש. חנה האָט געוווּסט באַ־שייד פאַר יעדן חלום. אַז איר חלום איז אויסגעפאַלן צום גוטן, איז זי דערנאָך דעם גאַנצן טאָג געווען פריילעך, האָט זיך איר אָבער געחלומט, אַז אַ צאָן, אַ שטייגער, איז איר אַרויסגעפאַלן — אַ שלעכטער סימן — פלעגט זי שוין יענעם טאָג פאַסטן ביז פאַרנאַכט.

בערל איז שטאָלץ געווען אויף חנהס חלומות. אים חלומט זיך קיינמאָל גאָר נישט. אפֿנים, אַז חלומות איז אַ זאַך בלויז פאַר איידעלע מענטשן. מיט חנהס חלומות האָט בערל זיך באַרימט פאַר די בעל עגלהס:

— איך, אַז איך כאַליע אַנידער, פּאָף איך באַלד איין ווי געפּגרט, מיין חנה ליגט, שנאָרכט, מיינסט, מען קאָן זי אַוועקטראָגן אינאיינעם מיטן בעט, ערשט — זי רעדט גאָר. גיב איך זי אַ שטאַרכע: וואָסי, חנה? מאַכט זי אַ געוואַלד: וואָס'ט מיך אויפגעוועקט! גערעדט מיטן טאַטן. ס'ט

שוין אַזוי לאַנג טויט, און זי רעדט מיט אים. די סחידים, גאָר עפּעס אַנדערש, ברודער, נישט פאַר אונדז אָרטשיקעס צו פאַרשטיין.

אין יענער נאַכט ביי דער פויערטע אין שייער, האָט זיך בערלען עפּעס געפּלאָנטערט אין קאָפּ. ער האָט געהאַלטן אַ קינד אויף די הענט, צוגעטוליעט עס צום פּנים; דאָ איז עס גאָר געווען. חנה... דערנאָך. חנה שטופּט אים אָפּ פון זיך. ניין, זי שטופּט אים נישט אָפּ, זי טוליעט זיך גאָר צו אים... זי קיצלט אים...

— וואָסי, חנה?

זי לאָזט אים נישט רעדן, קושט אים, קעמט אים די באָרד מיט אירע פינגער...

— וואָסי, חנה, סט'דאָך געזאָגט: ס'שטעכט ווי מיט נאָדלען.

זי דריקט זיך צו אים. זי קנייפּט אים. זיינע אָרעמס קראַמפּן זיך אַרום איר. איר לייב גליט ווי פייער. ער איז ווילד. זי איז ווילד. אַ גע-צאַפּל, אַ געקראַמף פון צוויי גליענדיקע לייבער. ער פאַלט צוריק אַ מי-דער, זי צאַפּלט זיך און שלוכצט.

— האַ, וואָסי דאָס? זי שלוכצט: יעזו, יעזו. ער רייסט אויף די אויגן. זי טוליעט זיך צו אים, שעפּטשעט אויף פּויליש: בער-דו, אָגער-דו..

ער גיט זיך מיט אַמאָל אַ זעץ אויף. ווו איז ער עס, ווו? ער שטופּט אָפּ דאָס, וואָס נעמט זיך ווידער טוליען צו אים. די טיר פונעם שייער עפנט זיך, עמיץ לויפט אויף גיך אַרויס.

— וואָסי דאָ, וואָס?

בערל פאַלט צוריק אויפן שטרוי. ער שלאָפט ווידער איין.

אויפן גאַנצן וועג קיין וואַרשע האָט בערל נישט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן דער לעצטער נאַכט. וואָס איז עס געווען? אַ חלום? אַ חלום קאָן זיין וועגן אַ טאַטן מיט אַ טייטל, וועגן אַ מאַמען מיט אַ טייטש-חומש, אָדער גאָר וועגן אַ צאָן, וואָס פאַלט אַרויס. חנה דער-ציילט אים דאָך אירע חלומות, ווייסט ער דאָך... אָבער אַזאַ זאַך?! און פאַרוואָס עפּעס געווען מיט אַזאַ קנייפּן, אַזאַ צאַפּלען, אַ שרייען. מיט חנהן איז עס קיינמאָל נישט אַזוי; מיט חנהן איז אַלץ אַזוי שטיל, און: גיי שוין, לאָז מיך שלאָפן. דאָ גאָר אַזאַ זאַך... וואָס איז עס געווען, וואָס?

געוויינטלעך, אַז בערל קומט אַהיים פון אַ „נסיעה", דערציילט ער באַלד חנהן ווי אַלץ איז צוגעגאַנגען: דאָס מאָל האָט ער איר גאָר נישט דערציילט, אַפילו נישט וועגן דער צעבראָכענער אַקס. ער האָט אויסגע־שפּאַנט די פערד, און גלייך אין בעט אַריין. צומאָרגנס, אַז חנה האָט אים דערלאַנגט אָנבייסן, האָט ער אָפּגערוקט פון זיך די שיסל.

— וואָסי, בערל?

— איכל פאַסטן. אַ חלום...

— אַ חלום? חלומות — דאָס איז דאָך עפּעס אירס אַן ענין. אין באַשיידן חלומות איז זי דאָך בקי נישט ווייניקער ווי דער רב אין פּסקע־נען שאלות.

— דיך געחלומט? וואָס האָט זיך דיר געחלומט?

— חלומט, שמולעמט, פאַסטן, פּטור.

— אפשר דאַרפסטו גאָר נישט פאַסטן? דו ווייסט דען ווען מען דאַרף פאַסטן? אפשר איז עס גאָר אַ חלום צום גוטן?

—עך, פּטור, פאַסטן און שוין, האָט זיך בערל געהאַלטן ביי דאָס זייניקע.

חנה האָט אים געגעבן צו פאַרשטיין:

— עסן זאַפּטיקע באַרנעס איז עפּעס גוט?

— יאָ.

— דאָס איז גאָר, זעסטו, אַ שלעכטער חלום. באַרנעס באַטייט אַ קרענק. נו, און זיין באַקראָכן מיט ווערים איז עפּעס גוט?

— ניש גוט.

— ס'עפּעס גוט צו עסן פון אַ בית הכסא?

— טפו!

— דו שפּייסט? אויף אַלע יידישע קינדער געזאָגט אַזעלכע חלו־מות. מיסט און לייז באַטייט — עשירות. נו, זע אַליין, וואָס ווייסטו ווען מען דאַרף פאַסטן?

חנה האָט אים נישט אָפּגעלאָזט. בערל האָט געמוזט דערציילן.

— אַ בראָך איז צו מיר, האָט חנה אויסגעשריגן. ס'האָט זיך דיר

געחלומט? אַ ווּיסטער חלום אויף אַלע שונאימס קעפּ! האָסט דאָך נאָך בלויע צייכנס אויפן האַלדז...

זי האָט זיך פאַרשפּאַרט אין אַנדערן צימער, און נישט געענטפערט אויף בערלס קלאַפּן.

בערל האָט סיי ווי געפאַסט. אַלעמאָל איז אים שווער געווען אויסצוהאַלטן אַ תענית, היינט האָט אים דער הונגער נישט געאַרט. ער האָט זיך אַוועקגעלייגט אין היי אויפן בוידעם איבער דער שטאַל און געהאַלטן אין איין שפּייען: טפו, טפו, אַזאַ מכשפה, אַזאַ נעווײרע, טפו!

דער ריח פונעם פרישן היי האָט אים איינגעשלעפערט. ער האָט פאַרשלאָפן די צייט פון מנחה דאַווענען, די צייט פון געבן עסן די פערד. ערשט זייער הונגעריק הירזשן האָט אים אויפגעוועקט. ס'איז שוין געווען נאַכט. בערל האָט אויפגעריסן די אויגן, און, נאָך האַלב־פאַרשלאָפן, גענומען עפּעס זוכן לעבן זיך אין היי... ניין, דער חלום האָט זיך נישט איבערגעחזרט. אַזאַ חלום... אַזאַ צאַפּלעניש, אַזאַ קראַמפּעניש... טאַטע, טאַטע! עך טפו! האָט ער ווייטער געשפּיגן.

בראָנפן האָט בערל געוויינטלעך געטרונקען נאָר אַביסל, בלויז זיך צו דערוואַרעמען. זינט יענער נאַכט האָט ער שוין עטלעכע מאָל זיך אָנגעטרונקען ביז צום שכור ווערן. חנה זיצט איצט כמעט תמיד פאַרשלאָסן אין לעצטן חדרל. אין שטוב איז קאַלט, דער אויוון אין קיך נישט איינגעהייצט, קיין לעפל געקעכטס. בערל זיצט ביים טיש און זופט דעם בראָנפן גלייך פון דער פלאַש. ער שטעלט אַוועק די פלאַש, קלאַפּט אָן אין דער טיר צו חנהן. זי רופט זיך נישט אָפּ. בערל טרינקט ווייטער. האַלב־שכור, קלאַפּט ער מיט אַלע כוחות, מיט די פויסטן, מיט די פיס. חנה שרייט אַרויס: — גיי אַוועק! גיי דיר צו דער גויה דיינער!

— טפו, ס'הייסט עס עפּעס צו אַ גויה? ער איז אַ ייִד, ער דאַוונט, לייגט תפילין, זאָגט קדיש נאָך טאַטע־מאַמע, וואָס עפּעס צו אַ גויה, וואָס? בערל גייט צוריק צו דער פלאַש. ערשט ווען ס'קומט די צייט צו מאַכן דעם אָבריק פאַר די פערד, גייט ער אַרויס אין שטאַל אַריין. די פערד באַגעגענען אים מיט אַ פריילעכן הירזשן און שטרעקן צו אים זייע־

רע מאָרדעס. בערל דערפילט, אַז ער איז נישט אינגאַנצן אַליין אויף דער וועלט...

חנה איז ענדלעך אַרויס פון איר אָפּגעשלאָסענעם חדר. זי האָט מער נישט געקאָכט קיין עסנס פאַר בערלען, געקויפט אַ ברויט, אַ רעטעך — נישט מער. ווער שמועסט שוין פון צימעסלעך, קוגעלעך — דאָס האָט זי שוין מער קיינמאָל נישט געקאָכט, אפילו קיין קישעלעך מער נישט אויסגענייט. צו בערלען אַ וואָרט נישט אַרויסגערעדט, נאָר געוויגט זיך גאַנצע טעג איבער אירע תחינות.

בערל פאָרט איצט זעלטן קיין וואַרשע, דעם משא־וואָגן פירט מאַטשעק דער שמייסער. טיילמאָל קומט עס אָבער אויס אַזוי, אַז ער אַליין מוז פאָרן. אַ קאַלטער שווייס באַדעקט אים יעדעס מאָל, ווען ער דער־נענטערט זיך צום דאָרף, וווּ עס וווינט דער אַלטער מיכאַל מיט זיין יונג ווייב... ער נעמט איילן די פערד, יאָגט זיי אין גאַלאָפּ ביז ווייט אַריבער יענער כאַטע... די פערד סאָפּען שווער. בערל שנאָרכט און סאָפּעט, ער קאָן קוים דעם אָטעם כאַפּן. — אַזאַ מכשפה, אַזאַ נעווייִרע, טפו, טפו!

דער ווינטער איז געקומען שפּעט, אָבער אָנגעקומען מיט אַזאַ אימפּעט, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט אָפּנעמען דאָס זייניקע פאַר אַלע צייטן. אַ חודש צייט האָבן אָנגעהאַלטן גרויסע פרעסט. ווען עס איז געוואָרן אַביסל לינדער, האָט גענומען שנייען און שנייען אָן אויפהער. אַז מען איז אויפגעשטאַנען אין דער פרי, האָט מען געמוזט אָוועקקאָפּן דעם שניי, מען זאָל קאָנען עפנען די לאָדנס. עס האָט אָנגעשאָטן ביז איבער די פענצטער. מען האָט אויסגעגראָבן אין שניי שמאָלע שטעגלעך. די ווענט־שניי פון ביידע זייטן שטעגל, זענען געווען העכער פון די מענטשן. די פּאָליציי האָט געשלעפּט די איינוווינער פון דער געגנט אָוועקצושאַרן דעם שניי פון די וועגן, מען זאָל נישט זיין אָפּגעשניטן פון דער וועלט. באַלד נאָכן אָפּרייניקן, זענען די וועגן פונדאָסניי פאַרשאָטן געוואָרן. אפילו בער־לעפּ האָט נישט ריזיקירט אַרויסצולאָזן זיך אין וועג אַריין.

נישט אַרויסגעפאָרן מיט די פערד האָט בערל נישט געהאַט ווי זיך אַהינצוטון. געמאַכט אַן „אָבריק" פאַר די פערד, אָנגעפּאָיעט זיי. גע־

פּוצט און געבאַרשט זיי צום ווייפלטן מאָל, איז מער נישט געבליבן וואָס צו טון. אַמאָל פלעגט חנה אים דערציילן, וואָס ס'חלומט זיך איר אין די נעכט, אָדער גאָר אַ מעשה פון טייטש-חומש. בערל האָט נישט תמיד אַלץ פאַרשטאַנען פון דעם, וואָס זי האָט דערציילט, אָבער ס'איז אים גוט געווען צו הערן... זי האָט אַזוי געוווסט צו רעדן, וועגן אַלץ געהאַט עפּעס צו זאָגן, אַז ס'האַרץ פלעגט אים וואַקסן פאַר נחת. בערלען האָט זיך געדאַכט, אַז ביי חנהן אין קאָפּ ברענט עפּעס אַ לעמפּל, וואָס מאַכט אַלץ ליכטיק, קלאָר. אָט איז ער דאָך אויך אַ מענטש, האָט אויך אַ קאָפּ אויף די פּלייצעס און ווייס גאָרנישט. אָט קוקט ער אויפן פּאַפּירל, און הייבט נישט אָ צו וויסן וויפל געלט ס'איז. חנה גיט נאָר איין קוק, און ווייס שוין, ווייס אפילו וויפל ס'זענען צוויי פּאַפּירלעך, מער פּאַפּירלעך, ווייס אפילו אויך וויפל ס'זענען פּאַפּיר מיט זילבער-געלט צוזאַמען. וואָס ווייס אפילו אויך וויפל ס'זענען פּאַפּיר מיט זילבער-געלט צוזאַמען. וואָס איז דאָ צו רעדן: אַ טאַטנס אַ קינד. ביי איר טאַטן אין שטוב זענען גע-ווען אַזעלכע גרויסע „סידורים" מיט אַזויפיל וועגן און שטעגלעך אויף די בלעטער, מיט אַזעלכע פּיצינקע אותיותלעך, אַז בערלען האָט זיך געמישט אין קאָפּ, ווען ער האָט נאָר אַ קוק געטון דערויף. זיין שווער האָט דאָס אַלץ געקענט לייענען, אפילו חנה קען לייענען פון טייטש-חומש, וואָס האָט אַזעלכע פּיצינקע אותיות. איצט איז חנה מער נישט — חנה. קיין קינד, קיין רינד, קיין היים...

אַז בערל דערשלעפּט זיך מיט גרויס מי איבער די טיפע שנייען אין בית המדרש אריין צו מנחה-מעריב, גלוסט זיך אים שפּעטער גאָר נישט אַהיימצוגיין. בחורים זיצן אַרום די טישן און לערנען; עולם זעצט זיך אויס אַרום אויוון כאַפּן אַ שמועסל. אין דרויסן בושעוועט אַ זאַווערוכע און דאָ, אין בית המדרש, קנאַקט אין אויוון פריילעך דאָס פייער, ס'שמעקט מיט סאָסנע-האָלץ און מיט געברענטער זשיוויצע.

בערל בלייבט אין בית המדרש, כאָטש פון וואָס צו שמועסן האָט ער נישט. טיילמאָל מאַכן זיך די לצים פריילעך איבער אים. בערל פאַר-שווייגט זיי, אַבי נישט צו גיין אַהיים, וווּ חנה שאָקלט זיך איבער איר תחינה, ווי איבער אַ מת...

עולם צעשמועסט זיך וועגן יידישע צרות. די שליחים פון שטייער־אמט שרייבן אָן אַזעלכע גרויסע פּאַדאַטקעס, אַז ווען מען זאָל אפילו פאַרקויפן אַלע בעבעכעס, וועט נישט געגוג זיין צו באַצאָלן. מען מוז באַהאַלטן די סחורות, אַניש נעמען זיי צו ביזן לעצטן פאָדעם. אַז ס'באַווייזן זיך אַמאָל אין אַ מאַרק־טאָג עטלעכע קונים, טראָגט עס באַלד אָן אויך דעם צורר פון „סקאַרב" (שטייער־אַמט), און מען מוז צוריק באַהאַלטן די סחורות. אַמאָל האָט מען נאָך געקאָנט זיך אויסקויפן מיט געבן אים עפּעס אין דער יד אַריין, היינט נעמט ער אַלץ צו, סיי דעם שוחד, סיי די סחורה.

— אפשר אים אונטערדרוקן עפּעס אַ וואַזשנע מתנה, אַ פּעלץ, אַ — כ'וויים וואָס?

— מען דאַרף פאַרן קאַ גאָמבין זיך פאַרקלאָגן פאַרן נאַטשאַלניק, שרייט בעריש, דער אייזן־סוחר.

— ס'עט גאָר נישט העלפן, זאָגט מלכל, דער שניט־קרעמער, ס'אַזאַ פּאָליטיקע פון אויבן, ס'איז אַן אויפּטו פון אים אַליין, דעם נאַטשאַלנע המן גראַבסקי (דער פּוילישער מיניסטער). כ'טענה מיטן סעקוועסטראַטער: נעמסט מיר צו די גאַנצע סחורה, עט דאָך זיין אויס קראָם, טאָ פון וואַנעט וועסטו נעמען פּאַדאַטקעס?

ענטפערט ער מיר, דער רוצח: די פּויערים וועלן אָן שפּענצערס און אָן הויזן נישט גיין, — אַ קראָם וועט זיין. דו וועסט צומאַכן, — וועט אַן אַנדערער עפענען, אפשר טאַקע אַן אונדזעריקער — אַ פּאָליאַק. אָט־דאָ איז די אָל פון זאַק אַרויסגעקראָכן: זיי ווילן, חלילה, אומברענגען דעם יידישן סוחר, זיי ווילן אָוועקגעבן אונדזערע קראָמען צו די גויים.

— אַז דער רבונו של עולם וועט חס ושלום זיך נישט מרחם זיין און שוין צושיקן די רעכטע ישועה, וועט חלילה זיין כלו כל הקצין...

אַזוי צערעדט מען זיך ביז העט שפּעט אין דער נאַכט אַריין. דאָס פייער אין אויוון ברענט אויס. דער עולם קלייבט זיך שוין אַהיים גיין, פּראַלט זיך פלוצים אויף די טיר. לאַזער קאַלעיע פאַלט אַריין מיט אַ געוואַלד: — יידן, האָט רחמנות, זאָגט תהילים, מיין שיינדעלע איז חרוב!

מען וואַרפט צו אַ שטיק האָלץ אין אויוון אַריין, מען שטעלט זיך אַוועק זאָגן תּהילים.

שיינדעלען ווערט ערגער פון מינוט צו מינוט. די לאָזערעכע קומט אויך צולויפן, פאַלט צו צום ארון קודש, פאַרלט אויף די טירלעך און בליפּעט אַריין — ראַטעווען, ראַטעווע ס׳קינד, טאַטע זיסער!

דער פעלדשער האָט געזאָגט, אַז ס׳איז אַ דיפטעריט, מען דאַרף איינשפּריצן דעם קינד אַזאַ מין רפואה, אַניש איז עס פאַרלוירן. אין דער שטעטלשער אַפּטייק האָט די רפואה אויסגעפעלט, מען באַדאַרף אויף גיך פאָרן קיין סאָכאַטשאָוו אין דער אַפּטייק, אָבער ווי קאָן מען זיך לאָזן אין וועג אַריין אין אַזאַ זאַווערוכע, מען קאָן איינגעזונקען ווערן אין שניי, מען קאָן פאַרשאָטן ווערן, אַז ס׳זאָל קיין זכר נישט בלייבן. און דאָ איז יעדע מינוט טייער, דאָס קינד גייט חלילה אויס.

מיט אַ גוטן שליטן און גוטע פערד, קאָן מען ריזיקירן, זאָגט אַ בעל עגלה.

אַלע קוקן אין בערלס זייט. בערל שווייגט.

לאָזער לויפט צו צו בערלען: — בערל, דיך תּמיד געזידלט, האָב נישט געמיינט שלעכט. די קינדער שטענדיק הונגעריק. ראַטעווע, בערל, באָרג דיין שליטן מיט די פערד.

— וועסט ראַטעווען אַ יידיש קינד, וועט זיין ווי וואָלסט עס געבוירן, ס׳וועט זיין דיין קינד, רופט זיך אָפּ דער רב.

— באָרג מיר, בעט זיך לאָזער.

— באָרג אים, שטעלן זיך אַלע איין פאַר לאָזערן.

— כ׳על נישט באָרגן, ענטפערט בערל. אין בית המדרש ווערט טויט־שטיל. דער רב האָט שוין געעפנט דאָס מויל עפּעס צו זאָגן, בערל פאַרענדיקט: ניש באָרגן, ניש געטרויען אים די פערד, איכל אַליין פאָרן.

ווען בערל איז צוריקגעקומען פון סאָכאַטשאָוו מיט דער רפואה, איז דאָס קינד שוין באַלד געווען דערשטיקט. דער רופא האָט שנעל איינגעשפּריצט די רפואה. די בלויקייט האָט גענומען אָפּטרעטן פון קינדס גופל, ס׳האָט וואָס אַמאָל בעסער געאָטעמט און צוריקבאַקומען אַ לעבעדיקע

מראה. אַ פרייד און אַ ציטערניש איז אויפגעגאַנגען אין בערלען. די אויגן זענען אים פול געוואָרן מיט טרערן.

„ווערסט ראַטעווען דאָס קינד, וועט עס זיין דיין קינד" — אַזוי האָט דער רב געזאָגט. וואָס הייסט זיין קינד? אַז ס'איז ביי לאָזערן אין שטוב, אַז ס'איז לאָזערס קינד? נאָר אַביסל, אַ קליין ביסל איז עס אויך זיין קינד... ער גיט לאָזערן געלט צו קויפן פאַר שיינדעלען גוטע עסנס. לאָזער קומט אַליין טיילמאָל צו אים: — גיב מיר אַ זלאָטע, בערל, קויפן אַ שטיקל הון פאַרן קינד. לאָזער האָט, קיין עין הרע, ניין קינדער, — „פאַרן קינד", הייסט פאַר שיינדעלען, וואָס איז בערלס קינד אויך... בערל ברענגט פאַר שיינדעלען זעמעלעך, צוקערקעס, מער וויפל זי קאָן אויפעסן. אַז בערל עפנט נאָר ביי לאָזערן די טיר, לויפט אים שיינדעלע אַקעגן, זעצט זיך אים אויפן שויס און נעמט זוכן, וואָס ער האָט אין די הענט. ס'איז אים אַזוי גוט, אַזוי גוט, ווען שיינדעלע טוליעט זיך צו אים און רופט אים: פעטי בעריו... איינמאָל איז שיינדעלע איינגעשלאָפן ביי אים אויפן שויס פונקט דעמאָלט, ווען ער האָט שוין געדאַרפט גיין שפאַנען און אוועקפאָרן. בערל איז געבליבן זיצן און נישט געלאָזט מען זאָל ביי אים אוועקנעמען דאָס קינד. אַ כפרה דער וואָגן, אַ כפרה די פאַרשוינען, אַבי שיינדעלען נישט אויפצוועקן.

בערל איז געוואָרן אַן אַנדערער מענטש: די פלייצע אויסגעגלייכט, דער גאַנג זיכערער, די אויגן ליכטיקער; פונעם ווילד שטייפע האָר אויפן פנים, האָט איצט תמיד אַרויסגעשיינט אַ מילדער שמייכל...

אין דער היים איז ער איצט זעלטן געבליבן. אויסגעשפאַנט די פערד, געגעבן זיי עסן, איז ער באַלד געלאָפן צו זיין שיינדעלען. חנה איז געוואָרן נאָך פינצטערער, נאָך מער שווייגנדיק, נאָך האַסטיקער זיך געשאָקלט איבער אירע תחינות.

בערל זיצט אויף דער קעלניע און טראַכט וועגן חנהן: זי דאַרט און קוואַרט, ער לויפט צו שיינדעלען; חנה זיצט אין שטוב און גייט איין. פאַרוואָס זי נישט מיטנעמען צו שיינדעלען? אַז שיינדעלע איז זיינע,

איז זי דאָך אויך אירע — חנהס. זיין שליטן, זיינע פערד האָבן געראַ־טעוועט דאָס קינד, ס׳איז דאָך אויך חנהס שליטן און פערד.

יענעם אָוונט, ווען ער האָט זיך געקליבן גיין צו שיינדעלען, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט לעבן חנהן און געזאָגט: — חנה, קום. ער האָט איר געוואָלט דערציילן, וואָס ער האָט געטראַכט אויפן וועג אהיים, האָבן אים אָבער אויסגעפעלט ווערטער. ער האָט בלויז עטלעכע מאָל איבערגעחזרט: חנה, חנה, חנה קום... און אזוי שטיין געבליבן מיט אַ צעעפנט מויל. חנה האָט זיך נישט אָפּגערופן, נישט אויפגעהויבן צו אים די אויגן. בערל איז אַרויסגעלאָפן פון שטוב.

בערל איז אַריינגעקומען צו לאָזערן. דאָס קלענסטע אין וויג האָט זיך צעוויינט. די לאָזערעכע האָט עס גענומען אויף די הענט, צעקנעפּלט דאָס קאַפּטל, אַרויסגעשלעפּט אַ לענגלעכע, בלייכע ברוסט, און געשטופּט דעם עופהלע אין מיילעכל אַריין.

בערל איז שטיין געבליבן ווי צוגעגליוועט צום אָרט, די אויגן פאַר־גלאָצט אויף דער ברוסט, וואָס דאָס קינד האָט געשמאַק געזויגן. דער לאָ־זערעכעס פּנים האָט זיך אָנגעצונדן — איין פייער. זי האָט האַסטיק זיך אויסגעדרייט מיטן רוקן צו בערלען. בערל האָט אָפּגעקערט דאָס פּנים צו שיינדעלען, געקוקט אויף איר מיט פאַרטרערטע אויגן: זיין קינד? חנהס קינד? נישט אמת! ווער ס׳געבוירט עס, ווער ס׳זויגט עס, דעמס קינד איז עס, מער קיינעמס נישט! קיינעמס נישט!

שפּרינצע די שכנטע, וואָס איז גראָד געווען אין שטוב, האָט זיך צע־שריגן אויף בערלען: — וואָס גלאָצט ער אזוי אויפן קינד? זאָל ער גיין אהיים, זאָל ער!

בערל האָט אַנידערגעוואָרפן אויפן טיש די גוטע זאַכן, וואָס ער האָט געבראַכט פאַר שיינדעלען, און איז אַרויסגעלאָפן פון שטוב.

נאָך בערלס אַוועקגיין, האָט שיינדעלע זיך צעוויינט. די לאָזערעכע האָט אויף איר אָנגעשריגן, ס׳קינד האָט נישט אויפגעהערט וויינען.

— מאַך צו ס׳מויל, ווייל כ׳על דעך אויסרייסן, איז די די לאָזערעכע צוגעפאַלן שלאָגן שיינדעלען.

— אַ בראָך איז צי מע! ס׳קינד גליט דאָך — אַ שטיק פייער!

שפרינצע, שפרינצע לעבן, קומען זי נאָר אַראָן, שיינדעלע אי מער שוין ווידער קראַנק.

שפרינצע האָט גלייך דערקענט, אַז ס׳איז אַ „ניהארע״. און טאַקע, ווי נאָר זי האָט גענומען אָפּשפּרעכן, האָט שיינדעלע גלייך גענומען געַ־נעצן, דער בעסטער סימן, אַז ס׳איז אַן עין הרע...

— וואָסי דער וווּנדער, האָט שפרינצע געזאָגט, אַז דער בער־לעפּ, וואָס האָט ניש גאָר נישט, לויפט איבערן קינד טאָג ווי נאַכט, נעמט עס אַדורך מיט די קנאהדיקע שליפּיעס.

צומאָרגנס האָט בערל אינגאַנצן פאַרגעסן, וואָס ער האָט נעכטן גע־טראַכט. ער האָט געזעצן אויפן מאַרק אין שטאָט פּאָמעראַנצן, האָט ער גע־קויפט פאַר שיינדעלען גאַנצע דריי שטיק. ער האָט זיך גאָר נישט גע־קאָנט דערוואַרטן עס איר צו געבן. זי וועט גאָר נישט קענען דערהאַלטן אין אירע קליינע הענטלעך אַזעלכע גרויסע במאַליעס.

געקומען אַהיים, אָפּגעלאָדן די סחורה פון וואָגן אין איילעניש, דעם שווייס פון פּנים — נישט אָפּגעווישט און געלאָפן אַוועקטראָגן שיינדע־לען די פּאָמעראַנצן.

ער האָט געטראָפן די טיר פון לאָזערס שטוב פאַרקייטלט פון אי־נעווייניק. די לאָזערעכע האָט אַרויסגעשריגן: — וואָס ט׳ער זיך אָנגע־טשעפּעט אין מיינע קינדער! גייט אַוועק, גייט.

— פּאָמעראַנצן פאַר שיינדעלען, ציסרועל (ארץ ישראל) פּאָמע־ראַנצן.

— ווערט דערשטיקט מיט זיי, גייט אַוועק, ווייל כ׳באַגיס אייך מיט אַ פּאָמעשאַף.

בערל איז אַוועק מיט אונטערגעבראָכענע טריט. שפרינצע האָט זיך באַוויזן אין איר טיר און אים נאָכגעשריגן: — ברענטע אויס ענקערע בייזע שליפּיעס אָף הינט, אָף קעץ, ניש אָף יידישע קינדער!

בערל האָט געשפּאַנט איבער די גאַסן. פאַרביי געגאַנגען זיין שטוב. און געגאַנגען ווייטער. שוין פאַרבייגעגאַנגען די לעצטע הייזער פונעם שטעטל, און ווייטער געשפּאַנט, נישט זעענדיק גאָרנישט פאַר די אויגן. דאָס הירזשען פון אַ פערד וואָס איז פאַרבייגעגאַנגען, האָט אים דער־

מאָנט, אַז ער האָט נאָך נישט געגעבן זיינע פערד צו עסן. ס'איז שוין באַלד נאַכט, ער האָט אוועקגעאיילט צו זיין שטאַל, געמאַכט דעם אָבריק, אַריינגעשיט אין דער קאָריטע. די פערד האָבן זיך שנעל צוגעכאַפּט צום עסן. בערל האָט געגלעט זייערע רוקנס. נאָר זיי זענען אים געבליבן, נאָר זיי...

נאָך יענער נאַכט אין שייער, פלעגט די מיכאַלאָווע אָפט אַראָפּגיין ביינאַכט פונעם געלעגער, לויערן ביים פענצטער, אפשר וועט ווידער אַמאָל פאַרבייפאָרן דער זשידעק בערעק און וועט וועלן איבערנעכטיקן אין שייער.

— קרינאַ, קרינאַ, ווו ביסטו, פלעגט דער אַלטער מיכאַל זי רופן, ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט און נישט געפונען דאָס ווייב אין בעט.

— שלאָף, אַלטער, האָט די מיכאַלאָווע אָנגעשריגן אויף אים, שלאָף און מאַרודזשע נישט, און פלעגט ווייטער שטיין ביים פענצטער. טיילמאָל האָט זיך איר אויסגעדוכט, אַז בערעקס וואָגן איז שנעל פאַרבייגעפאָרן. זי פלעגט דעמאָלט אַרויסלויפן און נאָכשרייען: „העי, העי!”. דער וואָגן האָט זיך קיינמאָל נישט אָפּגעשטעלט פאַר איר טיר. זי האָט אָבער נישט אויפגעהערט לויערן אויף בערעקן מיט זיין וואָגן.

אַזוי איז עס צוגעגאַנגען ביז זי האָט איין מאָל דערפילט, אַז איי איר איינגעווייד קומט עפּעס פאָר... צוערשט האָט זי זיך געפרייט דערמיט. באַלד אָבער האָט זי זיך דערמאָנט, אַז ס'איז פון אַ זשיד. זי וועט ברענגען אויף דער וועלט אַ זשיד, וואָס האָט געקרייציקט דעם „פּאַז יעזוס”, אַ זשיד, וואָס קנעט אַריין אין די מצות בלוט פון אַ קריסטלעך קינד... עס האָט זיך איר געגומען דוכטן, אַז אין בויך ביי איר ליגט אַ פאַרטיקער זשידעק מיט אַ באָרד, ווי דער, בערעק אַליין. שעהען גאַנצע האָט זי איצט געקניט פאַרן בילד פון דער „הייליקער מוטער”. צום סוף זיך מתודה געוועזן פאַרן גלח.

דער גלח האָט זי געשטראָפט: ס'אַ גרויסע זינד — מיט אַ ייד. צום סוף האָט ער זי געטרייסט: צום קינד האָט עס נישט. דאָס קינד וועט געשמדט ווערן און אויסוואַקסן אַ גוטער קריסט.

צומאָרגנס, נאָכדעם ווי מען האָט אים נישט אַריינגעלאָזט צו שיינ־דעלען, איז בערל, ווי שטענדיק, געפאָרן קיין וואַרשע. ווען ער האָט זיך ביינאַכט דערנענטערט צו יענער כאַטע, האָט ער, ווי שטענדיק, גענומען יאָגן די פערד. אָבער גאָר פּלוצים, האָט ער פאַרהאַלטן די פערד מיט אַזאַ האַסט, אַז דער וואָגן האָט זיך שיעור נישט איבערגעקערט. ער איז אַראָפּגעשפּרונגען, אָנגעקלאַפּט אין דער טיר.

די פויערטע האָט אים געעפנט די טיר, אַריינגעלאָזט אין שטוב אַריין, אָנגעצונדן אַ שוועבעלע צו מאַכן ליכטיק. ווי נאָר זי האָט אים דערקענט ביים ליכט פונעם שוועבעלע, האָט זי אים צוריקגעשטופּט צו דער טיר: — גיי דיר פונדאַנען, פאַרשיווער זשיד.

זי האָט אים אַרויסגעשטופּט אין דרויסן אַרויס, פאַרריגלט די טיר פון אינעווייניק. אין דער רגע וואָס דאָס שוועבעלע האָט געלויכטן, האָט בערל דערזען: איר ברייט פויעריש העמד איז פאַריסן אַרויף מיט אַ גרויסן שפּיציקן בויך.

בערל איז געבליבן שטיין אין דרויסן אַ צעחושטער. ער איז לאַנג אַזוי געשטאַנען הינטער דער טיר, נישט אַ ריר געטון מיט קיין אבר, גע־שטאַנען ווי פאַרגליווערט. פּלוצים איז עפּעס אין אים וואַך געוואָרן. ער האָט דערפילט, אַז ער מוז פון עפּעס אַנטלויפן. מיט איין שפּרונג איז ער אַרויף אויפן וואָגן, געיאָגט די פערד מיט אַלע כוחות ביז זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט פאַרן לאָמען שמואלס שענק אין וואָליע. די פערד זע־נען געווען פאַרשוויצט. בערל האָט שנעל פאַרוואָרפן פּלאַכטעס אויף די פערדס רוקנס, צוגעוואָרפן זיי אַ זאַק היי, און אַריינגעלאָפן אין שענק אַריין. שמואל — דער שענקער האָט, ווי שטענדיק, אים צוגעשטעלט אַ פערציקסטל (פערטל ליטער), בערל האָט עס אַוועקגערוקט: — גיב אַ גאַנצן!

— אַרויסגעטריבן די סטערווע, — האָט בערל געטראַכט און געזופּט דעם בראָנפן. — אַזאַ קלעמפּע! אַרויסגעטריבן מיך...

גוט אַזוי, גוט, אַז ז'האָט נישט אַריינגעלאָזט אין שייער, ס'וואָלט ווידער געווען ווי דעמאָלט...

— וואָלט געווען! וואָסי, זאָל זיין! זאָל אַלץ די כּאָליערע נעמען! אַזאַ מכשפה...

— ז'האָט אויסגעזען עפּעס אַזוי... דער בויך עפּעס אַזוי ווי — כ'ווייס?

— עט! אַן אַלטע סטערווע. גלאַט אַ בויך. אַז אַ בויך מיט שטיינער זאָל זי האָבן, אַ כּאָליערע אין איר! אַזאַ כלבטע... אַ בויך...

בערל האָט אַ שאַר געטון פון זיך דאָס גלעזל, געכאַפּט די פלאַש צום מויל, אויסגעזויגן ביזן סוף.

צוריקוועגס האָט בערל ווידער געיאָגט די פערד שנעל, שנעל, ביים פאַרבייפאָרן די כאַטע פונעם אַלטן מיכאַל.

עס האָט ווידעראַמאָל געטראָפן. בערל האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי מיכאַלס כאַטע. ס'איז שוין געווען סוף זומער. איבערמאָרגן איז דער גרויסער לוויוויטשער יריד. בערל איז אַרויסגעפאָרן פרי, ער וויל אַהיימקומען באַצייטנס, צו קאָנען פאָרן צום יריד מיט אַלע זיינע וועגענער. ווען בערל איז אָנגעקומען צו מיכאַלס כאַטע, איז נאָך געווען טאָג. דער אַלטער מיכאַל האָט געטריבן די קו אין הויף אַריין צו דער שטאַל.

האָט בערל איינגעצויגן די לייצעס? אָדער די פערד האָבן פון זיך אַליין זיך אָפּגעשטעלט נעבן דער כאַטע? בערל האָט דערהערט אַ געוויין פון אַ קינד. ער איז אַראָפּגעשפּרונגען פונעם וואָגן, אַ פּראַל־אויף געטון די טיר. די מיכאַלאָווע איז געזעסן לעבן אויוון, געהאַלטן אַן עופּהלע אויפן שויס און עס געגעבן זויגן. אַז זי האָט דערזען בערלען, איז זי אויפגעשפּרונגען, זיך אויסגעדרייט צו אים מיטן רוקן, צוגעדריקט דאָס קינד צו זיך, ווי זי וואָלט עס וועלן פון עפּעס באַשיצן.

— וואָס זוכסטו דאָ, זשידעק, גיי זיך, פּאָשאָל!

בערל איז אַרויס פון דער כאַטע. קוים אַרויפגעקראָכן אויפן וואָגן. די פערד האָבן גענומען גיין.

— אַזאַ קלעמפּע — אַ קינד... „גאָט געעפנט איר טראַכט", האָט בערל איבערגעחזרט די ווערטער, וואָס מיט זיי האָבן אַלע רבים אים געווינטשט און צוגעזאָגט קינדער, נישט געגעבן אויף תלמוד, תורה, נישט

גערדאַוונט, ניש גאָרניש — גאָט געעפנט איר טראַכט. חנה דאַוונט, דאַוונט, דאַוונט — גאָט ניש געעפנט איר טראַכט. די כלבטע טראָגט צלם, פרעסט חזיר, גאָט געעפנט איר טראַכט, אַזאַ כאָליערע מיט אַזאַ אַלטן גוי — גאָט געעפנט — —

— האַ? מיט אַן אַלטן גוי? אפשר יענע נאַכט, ווי חנה האָט געזאָגט? אפשר יענע נאַכט? —

ער איז אַראָפּגעשפּרונגען פונעם וואָגן, צוריקגעלאָפן אין דער כאַטע. ער האָט אַ שלעפ געטון די מיכאַלאָווע: — מיין קינד!

— גיי דו פאַרכאַטער זשיד! דו ביסט אַ זשיד, ס'קינד אַ קריסט. וואָס ווילסטו דאָ? גיי פון דאַנעט! —

זי האָט גענומען אים אַרויסשטופּן פון דער שטוב.

— דו, נעם וואָגן, פערד, נעם אַלץ, גיב מיר ס'קינד.

— ס'טו זיך אָנגעטשעפּעט, פאַרשיווער זשיד, קריסטלעכע קינדער ווילסטו צוכאַפּן! גיי שווין אַרויס!

ביים שטופּן אים צו דער טיר, האָט דאָס קינד אויף אירע הענט זיך אַ וואַקל געטון, בערל האָט דערזען אויפן קינדס העלדזל אַ צלם. ער האָט זיך אויסגעדרייט און זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג. כאָטש ס'איז נאָך געווען ליכטיק, האָט ער קוים געפונען די טיר.

דאָס מאָל האָט בערל גאָרנישט געטרונקען, גאָר נישט גענומען אין מויל אַריין. ער האָט רק געטראַכט, געוואָלט דערגיין פאַרוואָס איז עס אַזוי? פאַרוואָס אַלדאָס שלעכטס לאָזט זיך אויס אויף אים.

— ער טוט אַלץ, וואָס מ'הייסט אים. דאַוונען? ער דאַוונט, לייגט תפילין. שבת? ער איז קיינמאָל נישט פאַרפאָרן אין שבת אַריין. תלמוד תורה? ער גיט פאַר תלמוד תורה, פאַרן זשיכלינער רבין, טאָ פאַרוואָס אַלדאָס שלעכטס אויף אים. דער רבי געזאָגט ער זאָל געבן געלט צו עפענען תלמוד תורה, וועט גאָט עפענען די טראַכט פון זיין ווייב. ער געגעבן געלט, גאָט נישט געעפנט טראַכט. דער רב געזאָגט: ר'עט ראַטעווען שיינדעלען, ט'זי זיין זיין קינד. ער געלאָפן אין זאַווערוכע, געברענגט רפואה, שיינדעלע — נישט זיין קינד. שיינדעלע לאָזערס קינד, פאַרקייטלט פאַר אים די טיר. חנה איז ברוגז, ניש קאַ ווייב, ניש קאַ קינד. דאָרט ביי דער

מיכאַלאָווע — יאָ אַ קינד, אַ גוי, אַ שגץ מיט אַ צלם. אַלע אים אָפּגע־נאַרט, אַלע, אַלע! —

ער קומט אַהיים. חנה וויגט זיך איבער אַ תחינה, הייבט נישט אויף צו אים די אויגן, רעדט נישט קיין וואָרט.

ער לויפט צו צו חנהן, גיט זי אַ טרייסל: וואָס ווילסטו פון מיר? דערהרגע מיך, קוילע מיך!

ער רייסט אויף דאָס העמד אויף דער ברוסט: נאַ, שטעך אַריין אַ מעסער, דאָ שטעך!

חנה הייבט נישט אויף די אויגן פון איר תחינה, רופט זיך נישט אָן, נאָר שאָקלט זיך נאָך האַסטיקער.

ביי בערלען פאַרלויפן די אויגן מיט אַ נעפּל. געוואַלד, געוואַלד, נעמט ער ווילד שרייען. ער לויפט אַרויס אין שטאַל אַריין, וואַרפט זיך אויפן שטרוי, שרייט מיט באַנומענע קולות: געוואַלד! געוואַלד!

אויף בערלס געשרייען, לויפט זיך צונויף דאָס גאַנצע שטעטל. מען גייט אַריין אין שטאַל אַריין, מען שטורכעט אים: — בערל! בערל! ער הערט נישט אויף צו שרייען. געוואַלד, געוואַלד!

בערלס געשרייען האָבן חנהן אויפגעריסן פון איר וויגן זיך איבער דער תחינה. זי האָט אַלעמען אַרויסגעיאָגט פונעם הויף, פאַרקייטלט די טיר פון אינעווייניק. בערלס געשרייען זענען געוואָרן וואָס אַמאָל שוואַ־כער. חנה איז אַריין אין שטאַל, גערופן מיט אַ ווייך קול: בערל, קום אַריין אין שטוב. בערל האָט זיך נישט גערירט פונעם אָרט.

ווען בערל איז צומאָרגנס אינדערפרי אַריינגעקומען אין שטוב אַריין, איז אים געקראָכן אין דער נאָז אַריין דער ריח פון אַ פרישער זופּ, וואָס חנה האָט אָפּגעקאָכט צום אָנבייסן. חנה האָט ווידער גענומען קאָכן עסן פאַר בערלען.

בערל האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין קאָבעלע אין זיין שטאַל. אָן אַגער גייט אַ גאַנץ יאָר גלייך צו דער אַרבעט, איז שטענדיק געזונט. אַ קאָבעלע איז גוט פאַר אַ פּויער, נישט פאַר אַ בעל עגלה.

איינמאָל האָט געטראָפן ביי אַ פּויער, בערלס אַ שכן, האָט אַ קאָבע־

לע געהאַט אַ „שווער האָבן". מען האָט גערופן בערלען ער זאָל העלפן. עס איז געגאַנגען זייער שווער. בערל האָט געמיינט, אַז אַלץ איז פאַרפאַלן. נאָך שעהען מאַטערניש איז ענדלעך געלונגען אַרויסצושלעפּן דאָס קאַשקעלע. עס איז געפאַלן אויף דער ערד ווי ס'וואָלט געווען טויט, די קאָבעלע איז אויך געבליבן ליגן ווי אַ טויטע. באַלד האָט דאָס קאַשקעלע גענומען רירן מיט אַ פיסל, מיט נאָך איינס; די קאָבעלע האָט זיך ליגנדיק צוגערוקט צום קאַשקעלע, גענומען עס באַלעקן מיט איר צונג.

געבוירן געוואָרן איז עס אַ שטיק מיסט, ערשט, געב אַ קוק, עס איז לעבעדיק, דאָס פעלכל גלאַנצט מיט דינע זיידענע הערעלעך, אַט פּרוווט עס שוין זיך שטעלן אויף די פיסלעך, שטעלט זיך, און פאַלט, שטעלט זיך, פאַלט, אָט שטייט עס שוין, זויגט ביי דער מוטער.

בערל ליגט אויף זיין געלעגער און קאָן נישט איינשלאָפן. אַ פערד — און גאָט איז צו דעם בעסער ווי צו אים, צו בערלען; אָט נאָר אַ פערד, און האָט אַ קינד... זויגט... און דאָס קאַשקעלע — אַ מחיה צו קוקן...

אויפן נאָענטסטן יאַרמאַרק האָט בערל געקויפט אַ נײַ פערד. אַלעמאָל ביים קויפן אַ פערד, האָט בערל אויסגעפּרוווט דעם פערדס גבורה, געציילט די ציינער, באַטאַפּט די פיס. דאָס מאָל איז ער אפילו נישט צוגעגאַנגען צו יענער זייט מאַרק, וווּ עס שטייען די שלעפּ־פערד. היינט איז ער אַוועק אַהין, וווּ עס זענען געשטאַנען די פריצישע פערדלעך. איינגעהאַנדלט אַ גרוי פערד מיט דינע, שלאַנקע פיס — אַ קאָבעלע.

אַז די בעל עגלהס האָבן דערזען, וואָס בערל פירט אַהיים, האָבן זיי אויפגעהויבן אַ געלעכטער: — עסט עס איינשפּאַנען אין וואָגן, וועלן זיך די פיסלעך איבערברעכן. דאָס איז נישט פאַר קיין בעל עגלהשן וואָגן, סיידן פאַר אַ פריציש קעטשל אויף צוויי רעדער.

— און צו האָבן קאַשקעלעך, האָט בערל צוגעגעבן.

אַ לאָשיקל איז טאַקע געבוירן געוואָרן. גרויס, געראָטן אין דער מאַמען: גרוי, מיט דינע פלינקע פיסלעך ווי די מאַמע. מיט צוויי ברוינע פלעקן אויפן מאָרדעלע ווי ביים טאַטן — בערלס גניאַדע אָגער.

בערל האָט אָנגעקוואָלן: — נו, וואָס'ט עפּעס זאָגן, העט? אַ צאַצקע, העט?

דער אילאָווקער פּריץ האָט געוואָלט אָפּקויפן דאָס קאַשקעלע. — אין מיין שטאַל וועט עס אויסוואַקסן אַ לייט, האָט ער געזאָגט. כ'האָב גע־ברענגט פון ענגלאַנד אַ ספּעציעלן מענטשן פאַר די זאַכן.

בערל האָט גאָרנישט געוואָלט הערן דערפון. פון ענגלאַנד, צי פון טשאָכאָטשאָוו, צי פון וואַרשע, אַלצאיינס! קיינער עט עס נישט אַזוי „דאָגאָרזשען" ווי איך.

בערל האָט עס טאַקע אָפּגעהיט. געפּוצט עס, זיך דערמיט געציאַצ־קעט, צוגעגעבן מילך פון אַ פלאַש, מורא געהאַט מען זאָל עס צו ווייניק ביי דער מוטער. אפילו דער מוטער געגעבן צו עסן פון שענסטן און בעסטן. נישט איינגעשפּאַנט אין וואָגן ביז ס'קאַשקעלע האָט געקאָנט מיטלויפן. נישט געשיקט אויף קיין וויטע נסיעות אַזוי לאַנג ווי שיוועקל, דאָס קאַשקעלע, האָט געזויגן.

בערל האָט ליב צו שטיין און זיך צוקוקן ווי דאָס קאַשקעלע שטעלט זיך אַוועק זויגן דעם פולן אייטער פון דער קאָבעלע, זיין, בערלס קאָבע־לע, און דערביי טראַכטן, אַז ווען נישט ער, בערל, וואָלט גאָרנישט גע־ווען. אָט איז אויך ביי אים, אין הויף פאַראַן אַ קליינס, וואָס זויגט. ס'איז אַ ברוינער פערדישער אייטער? אַלצאיינס! ס'איז אַ מאַמעשער אייטער... אַ לעבעדיקס זויגט דערפון, און וואַקסט. פון דער מילך גייט אַזאַ ריח ווי פון מענטשישער מילך, אַ ריח, וואָס ווען ער אָטעמט אים איין, גלוסט זיך אים נאָר דאַוונען, אָדער וויינען... בערל באַוועגט מיט די ליפּן צום טאַקט פון קאַשקעלעס שמאַטשקען דעם אייטער. ווען ס'ענדיקט זויגן, לויפט בערל צו צו דעם מיט אָפענע אָרעמס, גרייט צוצוטוליען עס צו זיך; דאָס קאַשקעלע אָבער גיט אַ לויף, צעהאָצקעט זיך איבער דער קווער פון דער לאָנקע. בערל קוועלט אָן. געזען אַ מזיק, העט? אַ געזונט אין די ביינער אריין.

חנה פלעגט זיך זעלטן אומקוקן אויף די פערד. אַז זי האָט אַמאָל געמוזט אריינגיין אין שטאַל אריין, פלעגט זי אויף גיך צוריק ארויסלויפן.

אז בערל קומט פון דער שטאל, מוז ער פריער גוט אפרייניקן די שטיוול. חנה האט נישט פארטראגן דעם שטאל־ריח.

זינט שיוועק איז געבוירן געווארן, האט חנה אנגעהויבן אפטער זיך אריינכאפן אין שטאל אריין א קוק צו טון. אז בערל לויפט צו צום פענצ־טער ארויסצוקוקן ווי דאס קאשקעלע בריקעט איבער דער לאנקע, גייט חנה אויך צו א קוק טון. בערל דרייט זיך אוים מיטן פנים צו חנהן, ווי ער וואלט זי פרעגן: — נו, וואס זאגסטו עפעס, העי? חנה ענטפערט מיט א שמייכל, ווי זי וואלט זאגן: „פלאי פלאים! בערלען שמעקט דערנאך בעסער די זופ, וואס חנה קאכט אפ. בערל האט איצט מער געקוקט ארום דער שטוב, געזען, ס'זאל תמיד זיין גענוג צעהאקט האלץ, ס'זאל נישט אויסגיין דאס וואסער אין פאס, חנה זאל נישט דארפן אליין גיין שעפן פונעם ברונעם. חנה האט ווידער גענומען שטריקן א לייבל פאר בערלען. בערל פלעגט איצט ווידער אפט אהיימברענגען שאלעכלעך, צייג אויף שירצלעך — מתנות פאר חנהן.

בערל האט געוווסט: עפעס קומט אים נאך ביים רבונו של עולם. אלץ דאס, וואס רבים האבן צוגעזאגט איז נישט מקוים געווארן, אבער עפעס איז פארט פאראן. עפעס אייגנס, א ווארעם, לעבעדיק נפשל, וואס ער קאן עס א גלעט טון, קיינער, קיינער קאן עס פון אים נישט אוועק־נעמען; עפעס וואס דערפרייט זיך, ווען ער קומט צו, עפעס זוכט אין זיינע הענט צי האט ער נישט געברענגט א נאש. עפעס אזוינס, וואס אויך חנה פרייט זיך דערמיט...

ווען איין מאל אויף דער בעל עגלהשער בערזע, האט עמיץ דער־ציילט א חכמה פון זיין קינד, ווי עס האט שבת אראפגעצויגן פונעם טיש דאס טישטעך מיט אלע טעלער, האט בערל געגעבן א פלאץ ארוים: צ'הערט א מזיק. געווען א היץ, אפן געלאזט די שטאל־טיר, פארשטעלט מיט א ברעט פון וואגן. שיוועק, קינעהארע, גיט א שפרינג אריבער, און ברי־קעט שוין פון יענער זייט הויף.

צומאל, גאנץ זעלטן, טרעפט זיך, אז בערל דערמאנט זיך אין יענער נאכט אויפן ווארשעווער שאסיי. דארטן איז געווען עפעס א זאך מיט

שדים. חנה האָט אים דערציילט אַ סך מעשיות וועגן שדים, רוחות. די גאַנצע זאַך דאָרטן... דאָס וואָס נאָך היינט פּלאָטערט ער, ווען ער דער־מאָנט זיך אין דעם דאָרטן... דאָס אַלץ איז ווי אין חנהס מעשיות. נישט טראַכטן דערפון, ס'איז נעווייערדיק.

ער דערמאָנט זיך אויך צומאָל אין דעם שגצל ביי דער מכשפה אויף די הענט. וואָס האָט עס דען צו אים? אַ שגצל מיט אַ צלם? ער איז אַ ייד, לייגט תפילין, זיין טאַטע, ליוועשולעם, אַ ייד, וואָס האָט ער צו טון מיט אַ צלם? ס'איז אַלץ געווען ווי אין דער מעשה, וואָס חנה האָט אים אַמאָל דערציילט, טפו, טפו! ער שפּייט אויס, קוקט צי ער האָט נישט פאַרגעסן אָנצוטון דעם ציצה־כנפות.

שיוועק איז אויסגעוואַקסן. די פּריצים פון אַרום האָבן געפּלאַצט פון קנאה. אַזאַ שיינקייט, אַזאַ הויך, אַזאַ געטאָקטער גוף, אַזעלכע שלאַנקע פיס, אַזוינס זעט מען נישט יעדן טאָג.

פערד גנבים האָבן זיך אַריינגעריסן אין בערלס שטאַל, שוין געהאַט אַרויסגעפירט שיוועקן. אַז דאָס פערד האָט דערפילט אַ פרעמדן רייטער, האָט עס אים געגעבן אַ שליידער אַראָפּ פון זיך, און מיט אַ געהירזשע־ריי אַוועקגעבריקעט אין פעלד אַריין.

בערל האָט שיוועקן נישט געשפּאַנט נישט אין לאַסט־וואָגן, אויך נישט אין דער בריטשקע, וואָס האָט געפירט פאַרשוינען צו דער באַן. בערל האָט געקויפט אַ לייכט קעטשל פאַרן זומער, פאַרן ווינטער — אַ געטאַקט שליטעלע, שיוועק איז געפלויגן פייל אויסן בויגן. די נגידים פלעגן דינגען בערלען ער זאָל זיי פירן שפּאַצירן מיטן קעטשל. אויך די פּריצים פון נישט ווייט, וואָס האָבן געהאַט אייגענע פערד, פלעגן שיקן נאָך בערלען מיט זיין שיוועקן איטלעך מאָל, ווען זיי האָבן געהאַט אַן אייליק שליחות.

חנה האָט שוין געהאַט אָנגעקליבן אַ שפּאָר קניפּל. די „יאַזדעס" מיט שיוועקן האָבן אַליין אַריינגעבראַכט אַ נישקשהדיקן גראָשן, איז צו וואָס איינרייסן אַ וועלט. נאָך יענער געשעעניש אין שייער, האָט חנה נישט געוואָלט בערל זאָל מער אַרומפאָרן. בערל אַליין האָט אויך נישט

געוואָלט פאָרן אויף יענע וועגן... האָט ער פאַרקויפט אַלע פערד און וואָגנס, איבערגעלאָזט נאָר דאָס לייכטע קעטשל און שליטל און געבליבן מיט שיוועקן.

האָט זיך געמאַכט, אַז אַן אָרעמאַן האָט געמוזט אויף גיך ברענגען דעם דאָקטאָר צו אַ קראַנקן, אָדער פאָרן קיין זשיכלין צום רבין בעטן פאַר אַ מסוכנעם חולה, האָט בערל אָפּגעלאָזט די בעסטע יאַזדע און נישט געשאַנעוועט זיין פערדל, כאָטש קיין געלט האָט ער געוויינטלעך פאַר אַזאַ נסיעה נישט גענומען. איינמאָל טאַקע, נאָך אַזאַ נסיעה, האָט דער רבי אַליין אים צוגעזאָגט, אַז ער וועט האָבן עולם הבא. דער גבאי האָט עס אים פאַרטייטשט: איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר וועסטו זיין אין גן עדן.

בערל איז געווען זיכער, אַז אויך שיוועק וועט זיין אין גן עדן. שי־וועק איז דאָך אַ שותף צו אַלע זיינע מצוות, וואָלט טאַקע גוט געווען, אַז ער זאָל דאָרט אין גן־עדן אויך האָבן זיין קעטשל און שליטן. אַז די צאַ־דיקס עלן זיך אָנעסן מיט אַ גוט שטיק ליוועיוסעם (לויתן) און מיט אַ טעלער פלייש פון — דעם, וואָס חנה זאָגט... וועט ער פאַרפאָרן פאַרן גינייִדעם מיט זיין שיוועקן, אַריינזעצן אַ פּאָר צאַדיקס, אפשר טאַקע אויך דעם זשיכלינער רבין און אַ פלי טון אויף אַ שפּאַציר אין גאַלאָפּ, אַזוי ווי נאָר שיוועק קאָן עס.

אַן עין הרע אָדער אַ בייז אויג האָט געשאַדט. איינמאָל אין דער פרי, קומט בערל אַריין אין שטאַל און דערזעט: שיוועק ליגט אויסגעצויגן אויפן שטרוי, די קאָריטע איז פול, דער אָבריק נישט אָנגערירט.

מען האָט אָפּגעשפּראָכן אַן עין הרע, מען האָט איינגעגעבן ביטער־זאַלץ. ס׳האָט גאָרנישט געהאָלפן.

— חנה, זאָג תהילים. שיוועק איז חרוב, איז בערל אַריינגעלאָפן אין שטוב אַריין מיט אַ געשריי. בערל איז אַוועקגעלאָפן צו פייוול שמש ער זאָל צונויפרופן אַ מנין אין בית המדרש אַריין זאָגן תהילים פאַר שיוועקן. פייוול האָט נאָך נישט געהערט מען זאָל זאָגן תהילים פאַר אַ קראַנק פערד. אָבער אַז בערל האָט אים אַריינגעשטופּט אַ פעטע מטבעה אין

דער האַנט אַריין, איז ער אַוועק אין איילעניש, גלייך ווי ער וואָלט שוין געלאָפן צונויפרופן אַ מנין.

עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז שיוועק האָט געקריגן אַ „פּאַס־קודניאַק". אויף די אויגן איז אים אָנגעוואַקסן אַ בעלמע, מען האָט עס געמוזט אויסברענען מיט אַ בלוי־זויער־שטיין. בערל האָט זיך נישט גע־וואָלט פאַרלאָזן, אַז עפּעס אַ בעל עגלה זאָל עס טון. ער האָט אַראָפּגע־בראַכט דעם וועטערינאַר פונעם אילאָווקער פּריצס הויף.

שיוועק איז דאָך שטענדיק געווען אַ ווילדער. ס'קאָן זיין, אַז שי־וועק האָט זיך אַ וואָרף געטון. די בעל עגלהס זאָגן, אַז דער וועטערינאַר, דער שונא ישראל, האָט עס געטון אומיסטן, נישט פאַרגינענדיק אַ יידן אַזאַ פערד. דער בלוי־זויער איז אַריין שיוועקן אין אויג אַריין און עס פאַר־ברענט. שיוועק האָט זיך אַ ריס געטון, אַראָפּגעוואָרפן אַלע, וואָס זענען געזעסן אויף זיין בויך, כדי אים צוצוהאַלטן. ער איז אַרויס פון דער שטאַל, און זיך געלאָזט גאַלאָפּ איבערן שטעטל. בערל האָט געפּרוווט נאָכצולויפן שיוועקן. דאָס פערד איז געפלויגן פייל אויסן בויגן. פּויערים האָבן געפּרוווט אים פאַרשטעלן דעם וועג מיט דרענגער איז שיוועק אַראָפּ אין פעלד אַריין, בערל איז אַלץ געלאָפן נאָך אים. שיוועק איז געפלויגן ווי אַ רוח, און פאַרשווינדן פונעם אויג.

הינטערן שטעטל איז געווען אַ שטייענדיקער טייך, די „מאָרע". אין דער מיט טייך איז געווען אַ וואַסער־ווירבל. דער גרעסטער שווימער האָט זיך פון דאָרט קיינמאָל נישט געקאָנט אַרויסבאַקומען.

אַלטע לייט האָבן דערציילט, אַז דאָרט וו ס'איז היינט דער טייך, איז אַמאָל געווען נאָר אַ ברונעם, איינמאָל האָט זיך אין אָט דעם ברו־נעם דערטרונקען אַ פאַרשעמטע כלה, אַ יתומה. האָט דער ברונעם זיך צעגאָסן אין אַ גאַנצן טייך, יעדן יאָר פאָדערט דער טייך אַ לעבן. אויב עס ווערט אַמאָל דערטרונקען אַ לעבעדיק באַשעפעניש פון זיך אַליין, עס מעג אויך זיין נישט קיין מענטש, האָט דער טייך דערמיט שוין אָפּגענומען זיין קרבן, טאָמער אָבער האָט מען ספּעציעל דערטרונקען אַ קאַץ, אָדער אַ הונט האָט עס נישט געהאָלפן, דער טייך האָט אַליין געקליבן זיינע קרבנות.

שיוועק איז געלאָפן איבער שטאָק און שטיין מיט אַ פאַרברענט אויג, און אַריין אין דער „מאָרע". דריי טעג האָט בערל אַרומגעזוכט שיוועקן, און נישט געפונען. ערשט אויפן פערטן טאָג האָט בערל געהערט, ווי מען דערציילט מיט שמחה: אַז דאָס יאָר וועט שוין קיין קרבן נישט זיין. די „מאָרע" האָט גענומען שיוועקן.

ווען מען האָט שיוועקן אַרויסגעצויגן פונעם וואַסער, איז אים נישט געווען צו דערקענען: געשוואָלן, אָנגעבלאָזן, אַ שרעק צו קוקן. דער היצל איז צוגעקומען, געוואָלט אָפּקויפן די פעל. בערל האָט אויף אים אַזאַ קוק געטון, אַז יענער איז אין שרעק אָפּגעטרעטן אויף צוריק. בערל האָט גע־דונגען אַ וואָגן, אַהיימגעבראַכט שיוועקן צו זיך אויפן הויף, און אים באַ־גראָבן אין שטאַל.

פאַרשיט דעם גרוב, איז בערל נאָך לאַנג געשטאַנען אין שטאַל. אין די אויערן האָט אים נאָך געקלינגען שיוועקס פרייליכע הירזשן. איצט איז די שטאַל ליידיק... ווי לאַנג איז עס, ווי שיוועק איז געבוירן געוואָרן? אַ קליין קאָשקעלע מיט אַ זיידענער פעל. די מאַמע האָט עס געוואַשן מיט איר צונג, שיוועק האָט געזויגן. אַ כאַפּ געטון די אייטער, גענאָגט, גע־נאָגט... אַן אַפּעטיט האָט עס געהאַט, אַז דער מאַמענס מילך איז דעם צו ווייניק געווען, און ער, בערל, האָט עס צוגעגעבן מילך פון אַ פלאַש. ווי נאָר ער, בערל, האָט אַן עפן געטון די טיר פון שטאַל, איז שיוועק אים אַקעגנגעשפּרינגען, אים געלעקט די האַנט... וואָס איז איצט געבליבן? אַ פולע קאָריטע מיט אָבריק, וואָס שיוועק האָט שוין נישט געקאָנט עסן. שיוועק ליגט שוין אין דרערד. נישטאָ מער שיוועק, נישטאָ...

ס'איז טונקל געוואָרן אין שטאַל. דער אָוונט איז צוגעפאַלן. בערל איז אַוועק אין בית המדרש אַריין דאַווענען מנחה. ער איז געשטאַנען שטיל, אַ פאַרפינצטערטער ביים גאַנצן דאַווענען. ווען דער בעל תפילה האָט געענדיקט „עלינו", האָט בערל אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ כליפּ: יתגדל ויתקדש שמי רבא — — —

בלאשקי 1932.

דאָס פּוילישע ייִדנטום

ביכער-סעריע פון דעם צענטראַל-פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן
אין אַרגענטינע

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

ביז איצט זענען דערשינען

1) מאַרק טורקאָוו: מלכה אָווּשיאַני דערציילט... (אויספאַרקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג: י. ל. פּרץ (אויספאַרקויפט)
3) וו. גראָסמאַן-י. וויערניק: טרעבלינקע (אויספאַרקויפט)
4) פּרץ גראַנאַטשטיין: מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספאַרקויפט)
5) ישראל טאַבאַקסבלאַט: חורבן לאָדזש (אויספאַרקויפט)
6) זרובבל: באַרג חורבן (קאַפּיטלען פּוילן) (אויספאַרקויפט)
7) אַלחנן ציַיטלין: אין אַ ליטעראַרישער שטוב (אויספאַרקויפט)
8) ד״ר ח. שאָשקעס: פּוילן — 1946 (אויספאַרקויפט)
9) ז. סעגאַלאָוויטש: טלאָמאַצקע 13 (אויספאַרקויפט)
10) מ. נודעלמאַן: געלעכטער דורך טרערן (אויספאַרקויפט)
11) ד״ר מאיר באַלאַבאַן: די ייִדן-שטאָט לובלין (אויספאַרקויפט)
12) ישראל אפרת: היימלאָזע ייִדן (אויספאַרקויפט)
13) ד״ר יעקב שאַצקי: אין שאָטן פון עבר (אויספאַרקויפט)
14) דוד פלינקער: אַ הויז אויף גזשיבאָוו (אויספאַרקויפט)
16) קינדער-מאַרטירלאָגיע (זאַמלונג פון דאָקומענטן) (אויספאַרקויפט)
15) ד״ר הלל זיידמאַן: טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ (אויספאַרקויפט)
17) חיים גראַדע: פּליטים (אויספאַרקויפט)
18) ש. קאַטשערגינסקי: פּאַרטיזאַנער גייען!... (אויספאַרקויפט)
19) פרידע זרובבל: נע ונד (פאַרצייכענונגען פון אַ פּליטה)
20) מרדכי שטריגלער: מאַידאַנעק
21) יעקב לעשצינסקי: אויפן ראַנד פון אָפּגרונט (אויספאַרקויפט)
22) ז. סעגאַלאָוויטש: געברענטע טריט
23) אברהם טייטלבוים: וואַרשעווער הייף
24) טאַניאַ פוקס: אַ וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן
25) ש. ל. שניידערמאַן: צווישן שרעק און האָפענונג
26) לעאָ פינקלשטיין: מגילת פּוילן (אויספאַרקויפט)
27) יאָנאַס טורקאָוו: אַזוי איז עס געווען... (חורבן וואַרשע)
28) ש. איזבאַן: „אומלעגאַלע" ייִדן שפּאַלטן ימען
29) יעקב פאַט: הענעך
30) ד״ר י. קערמיש: דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

31) שמחה פּאָליאַקיעוויטש: א טאָג אין טרעבלינקע

32) מרדכי שטריגלער: אין די פאבריקן פון טויט

33) אברהם נחתומי: אין שאָטן פון דורות

34) יחיאל לערער: מיין היים

35) יוסף וואָלף: לייענענדיק פּרצן...

36) צפורה קאצענעלסאָן - נאכומאָוו: יצחק קאצענעלסאָן

37) י. הירשהויט: פינצטערע נעכט אין פּאוויאק

38) נחום סאָקאָלאָוו: פּערזענלעכקייטן

39) רחל ה. קאָרן: היים און היימלאָזיקייט.

40) א. אלמי: מאָמענטן פון א לעבן

41) מנשה אונגער: פּשיסכע און קאצק (אויספאַרקויפט)

42) מ. בורשטין: איבער די חורבות פון פּלוינע

43) מ. קיפּניס : הונדערט פאָלקס-לידער (אויספאַרקויפט)

44) ז. סעגאלאָוויטש : מיינע זיבן יאָר אין תל-אביב

45) ד״ר חיים שאָשקעס : א וועלט וואָס איז פארביי...

46) שלמה וואגא : חורבן טשענסטאָכאָוו

47) אברהם זאַק : יאָרן אין וואנדער

48) ש. איזבאַן : פאמיליע קארפּ (ראָמאַן) באנד איינס

49) ש. איזבאַן : פאמיליע קארפּ (ראָמאַן) באנד צוויי

50) ד״ר א. מוקדוני : מיינע באגעגענישן (זכרונות)

51) ר. שושנה-קאַהאַן: אין פייער און פלאמען (טאָג-בוך)

52) י. י. טרונק: די יידישע פּראָזע אין פּוילן

53) יאָנאַס טורקאָוו: אין קאמף פאַרן לעבן (זכרונות)

54) יצחק פּעולאָוו: די מענטשן פון „עקזאָדוס 1947" (ראָמאַן)

55) פנחס ביזבערג: שבת יומטובדיקע יידן

56) שלום אש: פּעטערבורג

57) שלום אש: ווארשע

58) שלום אש: מאָסקווע

59) ד״ר פיליפּ פרידמאַן: אָשוויענטשים

60) בער י. ראָזען: טלאָמאצקע 13

61) דוד פלינקער: אין שטורעם (ראָמאַן) ערשטער באַנד

62) דוד פלינקער: אין שטורעם (ראָמאַן) צווייטער באַנד

63) יאַנוש קאָרטשאַק: משהלעך, יאָסעלעך, ישראליקלעך

64) מרדכי שטריגלער: ווערק „צע", ערשטער באַנד

65) מרדכי שטריגלער: ווערק „צע", באַנד צוויי

66) חיים גראַדע: שיין פון פאַרלאָשענע שטערן

67) רבקה קוויאטקאָווסקי: פון לאַגער אין לאַגער

68) יואל מאַסטבוים: מיינע שטורמישע יאָרן (זכרונות)

69) אליהו טראָצקי: גלות-דייטשלאַנד

70) ד״ר י. שאַצקי: קולטור-געשיכטע פון דער השכלה

71) נחמן מייזיל: געווען אמאל א לעבן...
72) י. י. טרונק: סימכע פלאכטע פון נארקאווע
73) יהודה עלבערג: אונטער קופערנע הימלען

עס דרוקט זיך און דערשיינט בקרוב

ד"ר א. מוקדוני: אין אויסלאנד
זיגמונט טורקאוו: פראגמענטן פון מיין לעבן
בעלכאטאוו: (יזכור־בוך)
דניאל טשארני: ווילנע

עס גרייט זיך צום דרוק:

גרשם באדער: קראקע
יהושע פערלע: יידן פון א גאנץ יאר
ב. מיכאלעוויטש: זכרונות פון א יידישן סאציאליסט
ז. י. אנכי: ר' אבא און אנדערע דערציילונגען
יעקב לעשטשינסקי: ערב דעם חורבן
ד"ר יוסף טענענבוים: גאליציע — מיין אלטע היים
ש. בריאנסקי: זשעלעכאווער „עשטאלטן
מרדכי שטריגלער: גורלות
רחל אויערבאך: פון רינגעלבלומס ארכיוו
יוסף רייך: זכרונות פון א פארטיזאן
ד"ר יעקב וויגאדסקי: זכרונות פון אקופאציע־יארן
ד"ר גרשון לעווין: דאס בוך פון מיין לעבן
ז. סעגאלאוויטש: פופציק בריוו
ש. בערלינסקי: ירושה
קאדיע מאלאדאווסקי: אמאל איז געווען
הערשעלע: שבת אויפן טראקט
אברהם לעוו: א ליד נאך אייך

Este libro se terminó de imprimir el día 25 de Abril de 1951 en los Talleres Gráficos JULIO KAUFMAN — Av. Corrientes 1976 - Buenos Aires.